STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09594

DER PLONTER FUN GEFILN

Stefan Zweig

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ס ט ע פ א ן צ ו וי ג

דער פלאָנטער פון געפילן

די קייט

א נאָוועלן־קרייז

*

דער ערשטער רינג:

דערוואַכונג

געשיכטן פון קינדערלאַנד

*

דער צווייטער רינג:

אמאָק

נאָוועלן פון א ליידנשאַפט

*

דער דריטער רינג:

דער פּלאָנטער פון געפילן

דריי נאָוועלן

סטעפאַן צווייג

דער פלאָנטער פון געפילן

דריי נאָוועלן

אויטאָריזירטע איבערזעצונג
חיים בראַקאַזש

★

פאַרלאַג יוסף גירשפעלד

בוענאָס איירעס
1942

Hecho el depósito
que marca la ley

Printed in Argentine

STEFAN ZWEIG

La Confusión de los Sentimientos

Tres novelas

Traducción autorizada: CH. BRAKARZ

Editor: J. GHIRSFELD

Buenos Aires 1942

Tall. Gráf. JULIO GLASSMAN — Corrientes 1976

פיר און צוואנציק שעה פון אַ פרוים לעבן

אין דעם קליינעם פענסיאָנאַט ביי דער ריוויערע, ווו איך האָב אַמאָל, צען יאָר פאַר דער מלחמה, געוווינט, איז ביי אונזער טיש אויסגעבראָכן אַ היציקע דיסקוסיע, וואָס האָט אומגעריכט אויפגעברויזט די געמיטער און געדראָעט זיך צו פאַרוואַנדלען אין מחלוקת און באַליידיקונגען. ס'רוב מענטשן האָבן אַ טעמפּע פאַנטאַזיע. זאַכן, וואָס רירן זיי דירעקט נישט אָן, וואָס רייסן זיך נישט אַריין ווי אַ פאַרשפּיצטער קלין אין זייערע חושים, זענען נישט מסוגל זיי אויפצוטרייסלען; דערפאַר אָבער, אַז עס געשעט אַמאָל עפּעס, אפילו אַ ווייניק וויכטיקע זאַך, האַרט פאַר זייערע אויגן, אַנטאַפּעוודיק נאָענט צו זייער געפיל, דערוועקט עס אין זיי באַלד אַ שלל פון לײדנשאַפטן. זיי פאַרגיטיקן אַזוי אַרום אין אַ געוויסער מאָס די זעלטנקייט פון זייער מיטגעפיל דורך אַ נישט אויסגענוצטער און איבערגעטריבענער היציקייט.

און אַזוי איז אויך געווען מיט אונזער לויטער בירגערלעכער טישגעזעלשאַפט, וואָס פלעגט געוויינלעך צווישן זיך תמיד רואיק פלוידערן, זיך איבערוואַרפן מיט לייכטע, קליינע שפּאַסן און ס'רוב באַלד נאָכן עסן זיך פונאַנדערגיין: דאָס דייטשע פאָרפאָלק צו די עקסקורסיעס און אַמאַטאָרישע פאָטאָגראַפיעס, דער בנעימותדיקער דענער צום לאַנגווייליקן פישפאַנג, די פאָרנעמע ענגלישע דאַמע צו אירע ביכער, דאָס איטאַליענישע פאָרפאָלק צו עסקאַפּאַדן קיין מאָנטע קאַרלאָ און איך צו פוילענצעווען אויף אַ גאָרטן־שטול אָדער צו אַרבעטן. דאָס מאָל אָבער זענען מיר צוליב דער פאַרביטערטער דיסקוסיע אַלע געבליבן ווי צוגעבונדן צואַנאַנדער; און אויב עמעצער פון אונז פלעגט פלוצלינג אויפשפּרינגען, איז דאָס נישט געווען ווי געוויינלעך, כדי זיך העפלעך צו געזעגענען, נאָר אין אויפגעקאָכטער פאַרביטערטקייט, וועלכע, ווי איך האָב שוין פריער באַמערקט, האָט אָנגעהויבן אָנצונעמען ווילדע פאָרמען.

דאָס געשעעניש, וואָס האָט אַזוי אויפגערודערט אונזער קליינע טיש־

געזעלשאפט, איז יעדנפאלס געווען געגוג משונהדיק. דער פענסיאָנאט,
אין וועלכן מיר האָבן געוווינט זאַלבע זיבן, האָט אויסערלעך אפילו אויס־
געזען ווי אַן אפגעזונדערטע ווילע — אַך, ווי וואונדערלעך איז געווען דער
אויסבליק דורך די פענסטער אויף דעם פעלזיקן ים ברעג! —, נאָר אין דער
אמתן איז עס בלויז געווען אַ ביליקערע אָפּטיילונג פון דעם גרויסן פּאַלאַס
האָטעל און מיט אים דירעקט פאַראייניקט דורך דעם גאָרטן, אַזוי אַז מיר
זענען תמיד געווען מיט די געסט פון האָטעל אין קאָנטאַקט. אָט אינם
דאָזיקן האָטעל איז מיט א טאָג פריער פאָרגעקומען אַ גאַנץ נישט קשה־
דיקער סקאַנדאַל. 12 אַזייגער מיט 20 מינוט נאָך מיטאָג (איך גיב בכיוון
פּינקטלעך אָן די צייט, ווייל דאס איז וויכטיק סיי פאַרן דאָזיקן עפּיזאָד
אַליין, סיי פאַר דער טעמע פון יענעם היציקן וכוח) איז אָנגעקומען מיט
דער באַן אַ יונגער פראַנצויז און האָט געדונגען אַ צימער מיט די פענס־
טער צום ים אַרויס: דאָס אַליין האָט שוין באַדייט אַ געוויסע פאַרמעג־
לעכקייט. אָבער דער דאָזיקער יונגערמאַן האָט אַרויסגערופן צו זיך אַן
אָנגענעמע אויפמערקזאַמקייט, נישט בלויז צוליב זיין דיסקרעטער עלע־
גאַנץ, נאָר קודם כל צוליב זיין אויסערגעוועגלעכער און דורכאויס סימ־
פּאַטישער שיינקייט: אינמיטן אַ צאַרט מיידלש פּנים האָבן בלאָנד־זייי־
דענע וואָנסעלעך געגלעט זינלעך וואַרעמע ליפּן; איבער דעם ווייסן שטערן
האָבן זיך געקרייזלט ווייכע, ברוינלעכע האָר, מילדע אויגן האָבן געלאַש־
טשעט מיט יעדן בליק — אַלץ אין זיין וועזן איז געווען ווייך, גלעטנדיק,
ליבלעך, אָבער אָן שום געקינסטלטקייט און אומנאַטירלעכקייט. הגם
אויפן ערשטן בליק פונדערווייטנס האָט ער אַ ביסל דערמאָנט אָן די ראָזע־
קאָלירטע וואַקסענע פיגורן, וואָס מען זעט שטיין אין די שויפענסטער
פון גרויסע מאָדע־געשעפטן מיט אַן עלעגאַנטן שטעקן אין דער האַנט,
כלומרשט פאָרשטעלנדיק דעם אידעאַל פון מענלעכער שיינקייט—איז אָבער
ביים באַטראַכטן פון דער נאָענט פאַרשווונדן געוואָרן דער דאָזיקער נישט
געשמאַקער איינדרוק, וואָרום דאָ איז (אַ זעלטענער פאַל!) די ליבלעכקייט
געווען אַ נאַטירלעך אָנגעבוירענע, גלייך ווי זי וואָלט פון אים אַרויסגע־
וואַקסן. ער פלעגט פאַרבייגייענדיק יעדן איינעם באַגריסן אויף אַ באַ־
שיידענעם און גלייכצייטיק האַרציקן אופן, און עס איז באמת געווען אָנ־
גענעם צו זען, ווי זיין תמיד גרייטע איידלקייט פלעגט זיך אַרויסווייזן
ביי יעדער געלעגנהייט אויף אַן אומגעצוווּנגענעם אופן. אויב אַ דאַמע האָט

זיך געלאָזט גיין צו דער גאַרדעראָבע, פלעגט ער איילִיק אויפשפּרינגען, כּדי פאַר איר דעם מאַנטל אָפּצונעמען. פאַר יעדן קינד האָט ער תּמיד געהאַט אַ פריינטלעכן בליק אָדער עפּעס אַ וויציק ווערטל, ער איז געווען צוגעלאָזן צו מענטשן און אין דער זעלבער צייט דיסקרעט — קורץ, ער האָט זיך אויסגעוויזן פאַר איינעם פון יענע געבענטשטע מענטשן, וואָס שוין דאָס זיכערקייט־געפיל, אַז זייער הייטער פּנים און יוגנטלעכער חן וועקט ביי מענטשן סימפּאַטיע, פאַרוואַנדלט די דאָזיקע זיכערקייט אין אַ נייעם חן. אויף דעם רוב עלטערע און קרענקלעכע געסט פון האָטעל האָט זיין קעגנוואַרט געווירקט פּשוט ווי אַ וווילטאַט, און מיט דעם זיגערישן טריט פון דער יוגנט, מיט דעם שטורעם פון לייכטקייט און לעבנספרישקייט, מיט וועלכער טייל מענטשן זענען אַזוי מילד באַשאָנקען, האָט ער זיך דערוואָרבן אַלעמענס סימפּאַטיע. צוויי שעה נאָך זיין אָנקומען האָט ער שוין געשפּילט אין טעניס מיט ביידע טעכטער פון דעם בריטן, בעל־גופיקן ליאָנער פאַבריקאַנט, מיט דער צוועלפיעריקער אַנעט און דער דרייצניעריקער בלאַנש, און זייער מוטער, די איידעלע, צאַרטע, אין זיך פאַרשלאָסענע מאַדאַם אַנריעט, האָט שמייכלענדיק זיך צוגעקוקט, ווי אירע צוויי נאָך נישט דערוואַקסענע טעכטערלעך פלירטעווען אומבאַוווסטזיניק קאָקעטיש מיטן פרעמדן יונגנמאַן. אין אָוונט האָט ער געקיבעצט מיט אונז בערך אַ שעה צייט ביים שאַכטיש, דערציילנדיק בעת מעשה אויף אַ דיסקרעטן אופן עטלעכע געלונגענע אַנעקדאָטן, דערנאָך ווידער האָט ער אַ לענגערע צייט אַרומשפּאַצירט מיט דער מאַדאַם אַנריעט הין און צוריק אויף דער טעראַסע, אין דער צייט, וואָס איר מאַן האָט דערווייל געשפּילט אין דאָמינאָ מיט זיינעם אַ געשעפטס־פריינט. שפּעט אין אָוונט האָב איך אים נאָך געזען אין אַ ווינקל פון ביוראָ־צימער פירן אַ פאַרדעכטיק אינטימען שמועס מיט דער סעקרעטאַרין פון האָטעל. אויף צו־מאָרגנס אינדערפרי האָט ער באַגלייט מיין דענישן שכן צום פיש־פאַנג, אַרויסווייזנדיק דערביי ממש דערשטוינלעכע זאַכקענטעניש, דערנאָך האָט ער געפירט אַ לאַנגן שמועס מיטן ליאָנער פאַבריקאַנט וועגן פּאָליטיק, ביי וואָס ער האָט זיך ווידער אַרויסגעוויזן פאַר אַ גוטן געזעלשאַפטער, ווארום מען האָט געהערט דאָס ברייטע געלעכטער פונם דיקן הער קלינגען איבערן גאַנצן ברעג. נאָכן עסן — כּדי צו פאַרשטיין די סיטואַציע, איז אומבאַדינגט נויטיק, איך זאָל גענוי איבערגעבן אַלע פאַזן פון דער צייט,

וואָס ער האָט פֿאַרבראַכט מיט אונז — איז ער ווידער אַ שעה צייט געזעסן אַליין מיט דער מאַדאַם אַנריעט אין גאָרטן ביי אַ שוואַרצער קאַווע, דערנאָך האָט ער ווייטער געשפּילט מיט אירע טעכטער אין טעניס, דאַן ווידער געפּלוידערט אַביסל מיטן דייטשן פֿאָרפּאָלק אויף דער וועראַנדע. אַרום זעקס אַזייגער האָב איך אים געטראָפֿן ביי דער באַן, ווו היין איך בין געגאַנגען אַוועקשיקן אַ בריוו. ער איז מיר אייליק אנטקייגנגעקומען און דערציילט, גלייך ווי ער וואָלט מחויב געווען זיך צו אַנטשולדיקן, אַז מען האָט אים פּלוצלינג אַרויסגערופֿן, אָבער אין צוויי טעג אַרום קומט ער ווידער צוריק. אין אָוונט איז ער טאַקע נישט געווען אין עס־זאַל, אָבער בלויז די פּערזאָן זיינע איז נישט געווען, ווארום ביי אַלע טישן האָט מען בלויז וועגן אים גערעדט און זייער געלויבט זיינע אַנגענעמע, ליבלעכע מאַניערן. ביינאַכט, עס האָט געקאָנט זיין אַן ערך עלף אַזייגער, בין איך געזעסן אין מיין צימער און געהאַלטן ביים פֿאַרענדיקן לייענען אַ בוך. פּלוצלינג האָב איך דורכן אָפֿענעם פֿענסטער אין גאָרטן אַריין דערהערט אַן אומרואיק שרייען און רופֿן, און אין האָטעל האָט מען דייטלעך געקאָנט באַמערקן עפּעס אַ טומל. גיכער באַאומרואיקט איידער נייגעריק בין איך שנעל אַריבערגעלאָפֿן די פּופֿציק טריט צום האָטעל און האָב אָנגעטראָפֿן די געסט מיטן האָטעל־פּערסאָנאַל אין אַ שטאַרקער צעטראָגנקייט. פֿרוי אַנריעט איז נישט צוריקגעקומען פֿון איר געוויינלעכן אָוונט־שפּאַציר איבער דער טעראַסע ביים ברעג (איר מאַן האָט דערווייל לויט זיין געוויינטער פּינקטלעכקייט געשפּילט אין דאָמינאָ מיט זיין נאָמורער פֿריינט) און מען האָט זיך געשראָקן, אַז עס איז געשען אַן אומגליקס־פֿאַל. אַזוי ווי אַ ווילדער אָקס איז דער תּמיד געלאַסענער און שווערלייביקער מאַן כּסדר אַרומגעלאָפֿן איבערן ברעג און מיט אַ צעשראָקענער שטים אַריינגעשריגן אין דער נאַכט אַריין „אַנריעט! אַנריעט!“ אינם דאָזיקן געשריי האָט אָפּגעהילכט עפּעס אַן אימה און פּרימיטיווקייט פֿון אַ שטערבלעך פֿאַרוווּנדעטער ריזיקער חיה. קעלנערס און באָיס זענען צעטראָגענע געלאָפֿן אַרויף און אַראָפּ איבער די שטיגן, מען האָט אויפֿגעוועקט אַלע געסט און טעלעפֿאָנירט צו דער פּאָליציי. און אינמיטן דעם דאָזיקן געטומל האָט וואַקלענדיק זיך און מיט שווערע טריט כּסדר אַרומגעשפּאַנט דער דיקלייביקער מאַן מיט אַ צעעפֿנטער וועסט און שוין גאַנץ זינלאָז געהאַלטן אין איין אויסשלוכצן און אויסשרייען דעם נאָמען „אַנריעט! אַנריעט“!

אין דער נאַכט אריין. דערווייל זענען די קינדער אויבן אויפגעקומען פון שלאָף און אין די נאַכטהעמדער צוגעלאָפן צום פענסטער און גערופן די מוטער; דער פאָטער איז דאַן ווידער שנעל אַרויף צו זיי, כדי זיי צו באַרואיקן.

און דעמאָלט איז געשען עפּעס אַזאַ מוראדיקע זאַך, וואָס לאָזט זיך קוים איבערדערציילן, ווארום די שטאַרקע געשפּאַנטקייט אין אויגנבליקן פון שרעקלעכע איבערלעבענישן גיט אָפטמאָל צו דער האַלטונג פונעם מענטש אַזאַ מין טראַגישן אויסדרוק, וועלכן מען איז נישט בכוח איבער־צוגעבן נישט מיט קיין בילד און נישט מיט קיין וואָרט. דער שווערלייביקער, בעל־גופיקער מאַן איז פּלוצלינג אַראָפּגעגאַנגען פון די סקריפּענדיקע שטיגן מיט אַ פאַרענדערט, זייער מיד און צאָרנדיק פּנים. ער האָט געהאַלטן אַ בריוו אין דער האַנט. „רופט אַלע צוריק!“ האָט ער אַ זאָג געטון צום שעף פון פּערסאָנאַל: „רופט אַלע צוריק. עס איז שוין נישט נויטיק. מיין פרוי איז פון מיר אַוועק“.

עפּעס אַ מין כוח האָט געשטעקט אין דער האַלטונג פונעם דאָזיקן טיף־דערשיטערטן מענטש, עס איז געווען אַן איבערמענטשלעך אָנגע־שטרענגט באַהערשן זיך פאַר די אַלע אַרומיקע מענטשן, וואָס האָבן זיך ניי־געריק געשטופּט אים אָנצוקוקן און פּלוצלינג באַלד צוריקגעטרעטן דער־שראָקענע, פאַרשעמטע און צעטומלטע. ער האָט נאָך גענוג כוח געהאַט אַ וואַקלענדיקער זיך פאַרבייצושלייכן פאַר אונז, קיינעם נישט אָנקוקנדיק און אויסצולעשן דאָס ליכט אינם לייענצימער. דאַן האָט זיך דערהערט, ווי זיין שווערער, מאַסיווער גוף איז מיט אַ פאַרטויבטן קלאַפּ אַריינגע־פאַלן אין אַ פאָטעל און עס האָט זיך דערטראָגן צו אונז אַ ווילד חיהש שלוכצן, אַזוי ווי עס קאָן נאָר וויינען אַ מאַן, וואָס האָט נאָך קיינמאָל נישט געוויינט. און דער דאָזיקער עלעמענטאַרער ווייטיק האָט אויף יעדן, אַפילו אויף דעם מינדסטן פון אונז, געמאַכט אַן אומגעוווינלעך שטאַרקן רושם. קיינער פון די קעלנער, קיינער פון די געסט, וואָס זענען אַהערגע־קומען צוליב נייגיריקייט, האָט נישט געוואַגט אַ שמייכל צו טון, אָדער אַפילו אַ באַדויערונגס־וואָרט אַרויסצוזאָגן. שטילשווייגנדיק, ווי פאַרשעמ־טע פון דער דאָזיקער צעשמעטערנדיקער געפיל־עקספּלאָזיע, האָבן מיר זיך איינער נאָכן אַנדערן צוריק אַריינגעשלייכט אין אונזערע צימערן,

און בלויז אינעווייניק אין פינסטערן זאַל האָט נעצאַפּלט און געשלוכצט דאָס צעווייטיקטע שטיק מענטש, פאַריתומט און אַליין מיט זיך אין גאַנצן הויז, ווו דאָס ליכט האָט ביסלעכווייז זיך אָנגעהויבן צו פאַרלעשן און עס האָט זיך פונאַנדערגעטראָגן אַ פליסטערן און אַ סודן זיך, אַ שטיל ציִשעריי און געמורמל.

מען קאָן זיך משער זיין, אַז אַזאַ פּלוצלינג געשעעניש, וואָס האָט זיך אָראָפּגעלאָזט ווי אַ בליץ האַרט פאַר אונזערע אויגן, איז מסוגל געווען שטאַרק אויפצוטרייסלען מענטשן, וואָס זענען געווענלעך צוגעוווינט געווען צו לאַנגווייליקייט און זאַרגלאָזן צייטפאַרטרייב. אָבער הגם ביי דער דיסקוסיע, וואָס איז אַזוי שטורמיש אויסגעבראָכן ביי אונזער טיש און דערפירט געוואָרן צו די גרענעצן פון שאַרפע מחלוקת, האָט די דאָזיקע זעלטענע געשעעניש פיגורירט פאַר אַן אויסגאַנג־פּונקט, איז עס אָבער אין תוך גיכער געווען אַ פּרינציפּיעלע חילוקי דעות, אַ צאָרנדיקע מחלוקה פון צוויי פיינטלעכע לעבנס־אַנשויאונגען. צוליב דער אומדיםקרעטקייט פון אַ דינסטמיידל, וואָס האָט איבערגעלייענט יענעם בריוו — דער אינגאַנצן נידערשלאָגענער מאַן האָט אים אין אָנמעכטיקן צאָרן געהאַט אוועקגעשליידערט ערגעץ אויף דער ערד — האָט מען זיך שנעל דערוווסט, אַז פרוי אַנריעט איז אַוועק נישט אַליין, נאָר זיך צונויפגערעדט מיטן יונגן פראַנצויז (צו וועלכן די סימפּאַטיע האָט ביים רוב געסט גיך אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן). מילא, אין פּלוג וואָלט עס נאָך פאַרשטענדלעך געווען, וואָס די דאָזיקע מאַדאַם באָוואַרי אין קליינעם פאָרמאַט האָט איינגעטוישט איר בעל־גופיקן, קליינשטעטלדיקן מאַן אויף אַן עלעגאַנטן, שיינעם יונגנמאַן. דאָס גרויסע חידוש פאַר אַלע איז אָבער געווען דאָס, וואָס נישט דער פאַבריקאַנט, נישט זיינע טעכטער, נישט אפילו פרוי אַנריעט אַליין האָבן דעם דאָזיקן לאָוועלאַס קיינמאָל נישט געזען פריער; הייסט עס אַלזאָ, אַז יענער צווייִשעהדיקער שמועס אין אָוונט אויף דער טעראַסע און דאָס שפּעטערדיקע פאַרברענגען אַ שעה אין גאָרטן ביי אַ שוואַרצער קאַווע האָט געזאָלט גענוג זיין, כדי צו דערפירן אַ דרייַ און דרייסיק יעריקע אַנשטענדיקע פרוי, זי זאָל איבער נאַכט פאַרלאָזן אַ מאַן מיט צוויי קינדער און אַוועק אין דער וועלט אַריין אויף גאָטס באַראָט מיט אַ ווילד־פרעמדן יונגן עלעגאַנט. אָט דעם דאָזיקן מכלומרשט קלאָרן פאַקט האָט אונזער טיש־געזעלשאַפט איינשטימיק אָפּ־

געוואָרפן, האַלטנדיק אַז דאָס איז בלויז געווען אַ מיאוסע אַפּנאַרעריי און כיטרער מאַנעווער מצד דעם פּאַרליבטן פּאָרל: מסתמא איז פרוי אַנ־ריעט שוין פון לאַנג געשטאַנען אין געהיימע באַציאונגען מיטן יונגנמאַן און ער איז דאָ בלויז אַהערגעקומען, כדי אָפּצושמועסן די לעצטע פּרטים פון זייער אַנטלויפן, ווארום—אַזוי האָבן זיי מסביר געווען— עס איז גאַנץ אומ־מעגלעך, אַז אַן אַנשטענדיקע פרוי זאָל בלויז נאָך אַ צוויי שעהדיקער באַקאַנט־שאַפט, פשוט אויפן ערשטן פייף נעמען און אַנטלויפן. מיר איז פון שפּאַס וועגן איינגעפאַלן אַרויסצוזאָגן אַן אַנדערע מיינונג, און איך האָב אָנגע־הויבן צו דערווייזן, אַז אַזאַ מין זאַך איז גאַנץ מעגלעך, אָדער אַפילו וואָרשיינלעך ביי אַ פרוי, ביי וועלכער אַ יאָרנלאַנג אַנטטוישט און לאַנג־וויילים צוזאַמענלעבן מיט אַ מאַן האָט אינערלעך צוגעגרייט אַ גינסטיקן באָדן פאַר יעדער ענערגישער אַטאַקע. דורך מיין אומגעריכטער אָפּאָ־זיציע האָט זיך די דיסקוסיע גאָר גיך נאָך מער צעפלאַקערט און עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז די ביידע פּאָרפעלקער, דאָס דייטשע און דאָס איטאַ־ליענישע האָבן פשוט מיט אַ באַליידיקנדיקער פאַראַכטונג אָפּגעוואָרפן די עקזיסטענץ פון אַ coup de foudre, אָנרופנדיק עס טפשות און גע־שמאַקלאָזע ראָמאַנען־פאַנטאַזיע.

עס איז דאָ נישט וויכטיק איבערצוחזרן מיט אַלע פּרטים דעם שטור־מישן פאַרלויף פון אַ דיסקוסיע צווישן זופּ און פּודינג: בלויז פּראָפעסיאָ־נאַלן פון טאַבלדאָט זענען שאַרפזיניק, און אַרגומענטן, אַן וועלכע מען כאַפּט זיך אָן אין דער היץ פון אַ צופעליקן טיש־וכוח, זענען על פּי רוב באַנאַל, ווייל אויפגעכאַפּט אין איילעניש און כלאחר יד. עס איז אויך שווער צו דערקלערן, פאַרוואָס אונזער דיסקוסיע האָט אַזוי שנעל אָנגע־נומען אַ באַליידיקנדיקע פאָרעם; איך רעכן, אַז די דאָזיקע צערייצטקייט האָט זיך גענומען דערפון, וואָס ביידע מענער האָבן אומבאַוווסטזיניק זיך געוואָלט באַוואָרענען, אַז זייערע פרויען זענען נישט אויסגעשטעלט אויף אַזעלכע אָפּגרונטן און סכנות. ליידער האָבן זיי אָבער נישט געפונען דערצו קיין בעסערע פאָרעם, ווי מיר אויפצווואַרפן, אַז אַזוי קאָן רעדן נאָר אַזעל־כער, וואָס אורטיילט וועגן דער פרוים נשמה לויט די צופעליקע און לייכטע בחורישע דערפאָלגן: דאָס האָט מיך שוין אַביסל פאַרדראָסן, און ווען די דייטשע דאַמע האָט נאָך די דאָזיקע תורה באַגאָסן מיט דעם געלערנטן

סאָס, אַז עס זענען פאַרהאַן פון איין זייט אמתע פרויען און פון דער אַנדערער זייט „זונה נאַטורן“, צו וועלכע אויך פרוי אַנריעט האָט לויט איר מיינונג געמוזט געהערן, דאַן האָב איך שוין אינגאַנצן פאַרלוירן דאָס געדולד און בין פון מיין זייט אויך געוואָרן אַגרעסיוו. דאָס נישט וועלן מודה זיין אין דעם באַשיינפּערלעכן פאַקט, אַז אַ פרוי איז אין געוויסע תקופות פון איר לעבן געגן איר ווילן און ווילן אונטערגעוואָרפן געהיימע כוחות, איז בלויז אַ סימן פון באַהאַלטענער מורא פאַרן אייגענעם אינ־סטינקט, פאַר דעם דעמאָנישן אין אונזער נאַטור, און טייל מענטשן האָבן אפּנים הנאה זיך צו האַלטן פאַר שטאַרקער, ערנסטלעכער און ריינער, ווי די „לייכטע צום פאַרפירן“. איך פערזענלעך אָבער האַלט פאַר ערלעכער, ווען אַ פרוי גייט נאָך איר אינסטינקט פריי און ליידנשאַפטלעך, איידער, ווי עס פירט זיך געוויינלעך, אָפּצונאַרן דעם מאַן אין זיינע אָרעמס מיט פאַרמאַכטע אויגן. אַזוי בערך האָב איך געזאָגט, און וואָס מער די אַנדערע זענען אין דעם זיך צעפלאַקערנדיקן שמועס אָנגעפאַלן אויף פרוי אַנריעט, אַלץ ליידנשאַפטלעכער האָב איך זי פאַרטיידיקט (אינדעראמתן אַ סך מער ווי איך האָב עס אינערלעך געפילט). די דאָזיקע באַגייסטערונג האָט אָבער צערייצט די ביידע פּאָרפּעלקער, און זיי האָבן זיך אַ לאָז געטון אויף מיר מיט אַזאַ סאָלידאַרישער פאַרביטערטקייט, אַז דער אַלטער דענער, וואָס איז געזעסן נעבן אונז מיט אַ הייטערער מינע און ווי אַ שידסריכטער ביי אַ פוטבאָל מאַטש מיט אַ שטאָפּער זייגער אין האַנט, האָט פון צייט צו צייט געמוזט קלאַפּן אין טיש אַריין: „דזשענטעלמען פּליז“. נאָר דאָס פלעגט אָבער העלפן בלויז אויף אַ רגע. שוין דריי מאָל איז איינער פון די הערן אַ צעפלאַמטער אויפגעשפּרונגען פון טיש און קוים מיט מי צוריק איינגעשטילט געוואָרן דורך זיין פרוי — קורץ, נאָך עטלעכע מינוט, און אונזער דיסקוסיע וואָלט זיך געקאָנט ענדיקן מיט אַ סקאַנדאַל, ווען די מרס. צ. זאָל נישט געווען פלוצלינג ווי מיט פיינעם אייל איינשטילן די צעשוימטע כוואַליעס פון דעם שמועס.

מרס. צ., די גרייזגרויע, בכבודיקע, אַלטע ענגלישע דאַמע, איז גע־ווען די נישט־געוויילטע ערנפּרעזידענטין פון אונזער טיש. עס פלעגט שוין ריין פיזיש ווירקן אַנגענעם בלויז דאָס זען זי זיצן אַן אויסגעגלייכ־טע אויף איר פּלאַץ, גלייך פריינטלעך צו יעדן, שטילשווייגנדיק און דאָך מיט אַן אָנגענעמער פאַראינטערעסירונג זיך צוהערנדיק צום שמועס. אַ

וווּנדערבאַרע קאָנצענטרירטקייט און רואיקייט האָט אַרויסגעשטראַלט פון איר אַריסטאָקראַטיש צוריקגעהאַלטן וועזן. זי פלעגט זיך פון אַלעמען האַלטן ביז אַ געווּיסן גראַד פונדערווייטנס, הגם זי האָט מיט איר פיינעם טאַקט פאַרשטאַנען אַרויסצווייזן יעדן איינעם אַ באַזונדערע פריינטלעכ־קייט. דאָס רוב פלעגט זי זיצן אין גאָרטן מיט אַ בוך, טייל־מאָל פלעגט זי שפּילן אויפן קלאַוויר, בלויז זעלטן האָט מען זי געזען אין געזעלשאַפט אָדער באַטייליקט אין אַן אינטערעסאַנטן שמועס. מען פלעגט זי קוים באַ־מערקן, און דאָך האָט זי געהאַט עפּעס אַ מאָדנע מאַכט איבער אונז אַלע. וואָרום ווי נאָר זי האָט זיך אַצינד צום ערשטן מאָל אַריינגעמישט אין אונזער שמועס, איז אונז אַלע באַפאַלן עפּעס אַ פּיינלעך געפיל, וואָס מיר האָבן זיך פאַרהאַלטן אַזוי טומלדיק און צעהיצט.

מרס צ. האָט אויסגענוצט די פּיינלעכע פּויזע, וואָס איז אַנטשטאַנען צוליב דעם דייטשן הערס היציקן אויפשפּרינגען און שטילן צוריקפירן אים צום טיש. זי האָט אומגעריכט אויפגעהויבן אירע קלאָרע, גרויע אויגן, אָנגעקוקט מיך אַ רגע אומאַנטשלאָסן און דאַן מיט אַ כמעט זאַכלעכער קלאָרקייט ווידער אָנגעקניפּט דעם שמועס אויף דער פריערדיקער טעמע.

„איר האַלט, הייסט עס, אויב איך האָב אייך ריכטיק פאַרשטאַנען, אַז פרוי אַנריעט, אַז יעדע פרוי קאָן אומשולדיק אַריינפאַלן אין אַן אומגעריכטער אוואַנטורע; אַז עס זענען פאַרהאַן האַנדלונגען, וועלכע אַזאַ פרוי וואָלט מיט אַ שעה פריער אַליין געהאַלטן פאַר אוממעגלעך און פאַר וועלכע מען קאָן זי קוים פאַראַנטוואָרטלעך מאַכן?“

„איך האַלט אומבאַדינגט אַזוי, גנעדיקע פרוי“.

„אויב אַזוי וואָלט דאָך קיין שום מאָראַלישער אורטייל נישט געהאַט קיין זין און יעדעס אַרויסטרעטן פון די זיטלעכע גרענעצן וואָלט געווען גערעכטפאַרטיקט. אויב איר האַלט באמת, אַז דאָס crime passionel *) ווי די פראַנצויזן רופן עס אָן, איז כלל נישט קיין crime, צו וואָסזשע באַדאַרף מען נאָך אײַנגאַנצן די מלוכה־יוסטיץ? עס איז דאָך גאָרנישט נויטיק קיין סך גוטן ווילן — און איר פאַרמאָגט דאָך גראַד זייער אַ סך גוטן ווילן“, האָט זי לייכט שמייכלענדיק צוגעגעבן — „כדי אין יעדן

*) פאַרברעכן צוליב ליידנשאַפט.

פארברעכן אויסצוגעפינען א לײדנשאַפט און אַראַנק דער דאַזיקער לײדנ־שאַפט מוחל צו זײַן".

דער קלאָרער און צו גלײַכער צײַט כמעט פרײַלעכער טאָן, מיט װעלכן זי האָט אַרויסגעזאָגט די דאָזיקע װערטער, האָט אויף מיר געװירקט אומגעװײנלעך אנגענעם, און נישט װילנדיק נאָכאַמענדיק איר זאַכלעכן שטײגער רעדן, האָב איך אויך געענטפערט האַלב אין שפּאַס און האַלב אין ערנסט: „די מלוכה־יוסטיץ משפּט די דאָזיקע זאַכן זיכער שטרענגער װי איך; אויף איר ליגט דאָך דער חוב אָן שום רחמנות אָפּצוהיטן און באַשיצן די אַלגעמײַן אָנגענומענע זיטן און מנהגים; דעריבער איז זי געצװונגען צו פאַרמשפּטן אנשטאָט מוחל צו זײַן. איך אָבער אַלס פּריװאַט פּערזאָן זע נישט אײַן, פאַרװאָס איך זאָל פרײַװיליק נעמען אויף מיר די ראָלע פון אַ באַשולדיקער: מיר געפעלט בעסער דער פאַרטײדיקער־באַרוף. מיר פּערזענלעך איז אַ סך ליבער צו פאַרשטײן די מענטשן אײדער זײ צו משפּטן".

מרס. צ. האָט מיך אָנגעקוקט אַ לענגערע צײַט מיט אירע קלאָרע, גרויע אויגן און געשװיגן. איך האָב שוין מורא געהאַט, אַז זי האָט מיך נישט אינגאַנצן פאַרשטאַנען און האָב מיך געגרײט איבערצוחזרן אויף ענגליש דאָס פריער געזאָגטע. נאָר זי האָט אָבער מיט אַ מאָדנעם ערנסט, װי בײַ אַן עקזאַמען, װײַטער אָנגעהויבן צו שטעלן פראַגן.

„האַלט איר נישט פונדעסטװעגן, אַז עס איז געמײן אָדער מיאוס, װען אַ פרוי פאַרלאָזט איר מאַן און אירע צװײ קינדער און לאָזט זיך אװעק מיט אַ פרעמדן מענטש, װעגן װעלכן זי װײסט נאָך אַפילו נישט, צי ער איז װערט איר ליבע? קאָנט איר באמת מוחל זײַן אַזאַ אומבאַרעכנטע און לײַכטזיניקע האַנדלונג פון אַ פרוי, װאָס איז שוין סוף כל סוף נישט קײן גאָר יונגיטשקע און װעלכע װאָלט בלויז שוין אירע קינדער צוליב באַ־דאַרפט אָפּהיטן דעם אײגענעם כבוד?"

„איך זאָג אײַך נאָכאַמאָל, גנעדיקע פרוי", בין איך געבליבן בײַ דעם מײניקן, „אַז אין דעם דאָזיקן פאַל האַלט איך מיך אָפּ צו משפּטן אָדער צו פאַרמשפּטן. פאַר אײַך קאָן איך מיך רואיק מודה זײַן, אַז איך האָב פריער אַביסל איבערגעטריבן — די דאָזיקע אָרימע פרוי אַנריעט איז געװיס נישט קײן העלדין, אַפילו נישט קײן אַװאַנטוריסטישע נאַטור און

נאָך ווייניקער א grande amoureuse (1, זי ווייזט זיך מיר אויס, אויף וויפיל איך קען זי, פאַר א מיטלמעסיקע, שוואַכע פרוי, פאַר וועלכער איך האָב אביסל דרך ארץ, ווייל זי איז מוטיק נאָכגעגאַנגען איר ווילן, אָבער גלייכצייטיק באַדויער איך זי, ווארום זי וועט אוודאי מאָרגן, אויב נישט שוין היינט, זיך פילן טיף אומגליקלעך. איר האַנדלונג איז אפשר נאַריש, נישט איבערגערעכנט, אָבער בשום אופן נישט נידריק און געמיין, און איך האַלט מיך פעסט ביי דער מיינונג, אז קיינער האָט נישט קיין רעכט, די דאָזיקע אָרימע, אומגליקלעכע פרוי צו פאראַכטן".

„און איר אליין, צי האָט איר נאָך פאַר איר פונקט דעם זעלבן דרך ארץ און די זעלבע אכטונג? מאַכט איר גאָרנישט קיין חילוק צווישן דער פרוי, וועלכע איר האָט נאָך אייערנעכטן געקענט פאַר א בכבודיקע פרוי, און יענער אַנדערער, וואָס איז נעכטן אַנטלאָפן מיט א ווילד־פרעמדן מענטש?"

„קיין שום חילוק, נישט דעם קלענסטן, נישט דעם מינדסטן".

''Is that so?'' (2 נישט ווילנדיק האָט זי זיך ארויסגעכאַפּט אויף ענגליש: דער שמועס האָט זי אפנים שטאַרק פאראינטערעסירט און נאָך א קורצן ישוב הדעת האָט זי ווידער אָנגעשטעלט אויף מיר איר קלאָרן בליק מיט א פראַגע.

„און ווען איר זאָלט די מאַדאַם אַנריעט מאָרגן באַגעגענען, זאָגן מיר למשל אין ניצא, צוזאַמען מיט יענעם יונגנמאַן, וואָלט איר זי נאָך באַגריסט?"

„פאַרשטייט זיך".

„און מיט איר גערעדט?"

„פאַרשטייט זיך".

„און צי וואָלט איר — אויב איר... אויב איר זאָלט זיין א באַווייבטער, צי וואָלט איר אַזאַ פרוי פאָרגעשטעלט פאַר אייער פרוי, פונקט אזוי ווי עס זאָל גאָרנישט האָבן געשעען?"

„פאַרשטייט זיך".

„Would you really?'' (3 האָט זי ווידער געזאָגט אויף ענגליש

---

1) „גרויסע ליבהאָבערין".

2) איז דאָס טאַקע אזוי?

3) וואָלט איר דאָס באמת געטון.

פול מיט אומגלויביקער, פארוואונדערטער דערשטוינונג.

"Surely I would" (1 , האָב איך אויך נישט ווילנדיק געענטפערט אויף ענגליש.

מרס. צ. האָט געשוויגן. עס האָט אויסגעזעען, ווי זי וואָלט נאָך אַלץ אינטענסיוו נאָכגעטראַכט, און פּלוצלינג האָט זי אַ זאָג געטון, קוקנדיק בשעת מעשה אויף מיר, ווי דערשטוינט פון איר אייגענעם מוט:

"I don't know, if I would. Perhaps I might do it also" (2

און מיט יענער אומבאַשרייבלעכער זיכערקייט, מיט וועלכער בלויז ענגלענדער קענען אַנטגילטיק און דאָך אָן גראָבער אומפריינטלעכקייט אָפּהאַקן אַ שמועס, איז זי אויפגעשטאַנען און מיר דערלאַנגט די האַנט. דורך איר השפעה איז ווידער רואיק געוואָרן צווישן אונז, און מיר אַלע האָבן איר אין הארצן געדאַנקט, וואָס מיר, נאָר־וואָס נאָך געגנער, האָבן איצט געקאָנט מיט אַ געוויסער העפלעכקייט זיך געזעגענען איינער מיטן אַנדערן און די שוין סכנותדיקע אָנגעשפּאַנטקייט זאָל דורך אַ פּאָר לייכטע שפּאַס־ווערטער ווידער אויפגעלייזט ווערן.

*

הגם אונזער דיסקוסיע האָט זיך לפנים פאַרענדיקט אויף אַ העפלעכן אופן, איז פון יענער צערייצטער פאַרביטערונג דאָך געבליבן אַ געוויסע פרעמדקייט צווישן מיר און מיינע געגנער. דאָס דייטשע פּאָר־פאָלק האָט זיך געהאַלטן אביסל פונדערווייטנס, דאָס איטאַליענישע פּאָרל האָט הנאה געהאַט מיך כסדר שפּאָטיש צו פרעגן, צי איך האָב נישט עפּעס געהערט פון דער "cara signora Henrietta" (3. נישט קוקנדיק אויף אונזערע כלומרשט העפלעכע באַציאונגען, איז דאָך עפּעס פון דער לאָיאַלער און פרייער ליבלעכקייט ביי אונזער טיש אויף תמיד צעשטערט געוואָרן.

אָבער די איראָנישע קילקייט פון מיינע געגנער איז פאַר מיר נאָך בולטער געוואָרן דורך דער גאַנץ באַזונדערער פריינטלעכקייט, וואָס מרס. צ. האָט מיר אַרויסגעוויזן זינט יענער דיסקוסיע. תמיד אַ צוריקגעהאַלטענע

1) געוויס וואָלט איך עס געטון.

2) איך ווייס נישט, צי איך וואָלט, אפשר וואָלט איך עס אויך געקענט טון.

3) טייערע מאַדאַם אַנריעט.

און זעלטן גענייגט צו אַ שמועס מיט עמעצן פֿון די טיש־באַקאַנטע אויסער די מאָלצייטן, פֿלעגט זי אַצינד אַ סך מאָל אָנקניפּן מיט מיר אַ שמועס אין גאָרטן און — איך קאָן כמעט זאָגן: מיך אויסצייכענען דורך איר אויפֿמערקזאַמקייט, וואָרום ביי איר פֿאַרנעמער צוריקגעהאַלטנקייט איז אַ פּריוואַטער שמועס שוין געווען אַ באַווייז פֿון אַ באַזונדערער גינציקייט. יאָ, כדי אויפֿריכטיק צו זיין, מוז איך נאָך צוגעבן, אַז זי האָט מיך פּשוט געזוכט און אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט, כדי מיט מיר צו פֿאַרבינדן אַ שמועס, און דאָס פֿלעגט געטון ווערן אויף אַזאַ אָפֿענעם אופֿן, אַז עס וואָלטן מיר געקאָנט קומען אין קאָפּ אַריין גאַוהדיקע און אויסטערלישע מחשבות, ווען זי זאָל נישט געווען זיין קיין אַלטע, גרייז־גרויע פֿרוי. אָבער אַלע מאָל פֿלעגן מיר אין אונזערע שמועסן אומפֿאַרמיידלעך צוקומען צו יענעם פּונקט: צו מאַדאַם אַנריעט; עס האָט אויסגעזען, ווי עס וואָלט איר פֿאַרשאַפֿט עפּעס אַ פֿאַרבאָרגענע הנאה צו באַשולדיקן יענע פֿרוי אין צעלאָזנקייט און לייכטזיניקייט. גלייכצייטיק אָבער איז זי אפֿנים צופֿרידן געווען פֿון דער פֿעסטקייט, מיט וועלכער איך האָב מיך געהאַלטן ביי מיין סימפּאַטיע צו יענער צאַרטער, סובטעלער פֿרוי, און וואָס קיין זאַך איז נישט בכוח געווען מיך צו באַוועגן, איך זאָל מיך פֿון דער דאָזיקער סימפּאַטיע אָפּזאָגן. תמיד און כסדר פֿלעגט זי אונזערע שמועסן קירעווען אין יענער ריכטונג, אַזוי אַז איך האָב ענדלעך שוין נישט געוווסט, וואָס צו טראַכטן פֿון דער דאָזיקער משונהדיקער, כמעט אויסערגעוויינלעכער עקשנות.

דאָס האָט אַזוי געדויערט עטלעכע טעג, פֿינף אָדער זעקס, און זי פֿלעגט זיך קיינמאָל נישט אַרויסכאַפּן מיט קיין איינציק וואָרט אַפֿילו, פֿאַרוואָס דער דאָזיקער מין שמועס איז פֿאַר איר אַזוי וויכטיק. אַז דאָס אָבער איז אַזוי געווען, איז פֿאַר מיר גאַנץ קלאָר געוואָרן, בעת איך האָב איינמאָל ביי אַ שפּאַציר דרך אגב באַמערקט, אַז די צייט פֿון מיין פֿאַרברענגען דאָ לאָזט זיך אויס און אַז איך רעכן איבערמאָרגן אַוועקצופֿאָרן. איר געוויינלעך תמיד אויסגעגלייטערט פּנים האָט פּלוצלינג באַקומען אַ משונהדיק געשפּאַנטן אויסדרוק, אירע ים־גרויע אויגן זענען ווי פֿאַרוואָלקנט געוואָרן: „וואָס פֿאַר אַ שאָד! איך וואָלט נאָך מיט אייך געוואָלט אַזוי פֿיל רעדן“. און פֿון דער דאָזיקער רגע אָן האָט אַ געוויסע צעשטרייטקייט און אומרואיקייט אין איר געלאָזט דערקענען, אַז בעתן רעדן האָט זי אינ־

זינען געהאַט אַן אַנדערע זאַך, וואָס האָט שטאַרק באַשעפּטיקט אירע מחשבות. ענדלעך אָבער איז איר אַליין אפּנים די דאָזיקע צעשטרייטקייט געוואָרן נישט ניחא, ווארום זי האָט נאָך אַ פּלוצלינגען אַנטשוויגן ווערן אומגעריכט מיר אַ דערלאַנג געטון די האַנט:

„איך זע, אַז איך קאָן נישט קלאָר אַרויסרעדן דאָס, וואָס איך וואָלט אייך אייגנטלעך געוואָלט זאָגן. איך וועל אייך ליבער שרייבן". און מיט שנעלערע טריט, ווי איך פּלעג ביי איר געוועלנלעך זען, האָט זי זיך גע־לאָזט גיין אין שטוב אַריין.

און באמת, אין אָוונט, קורץ פאַרן עסן, האָב איך אין מיין צימער געפונען אַ בריוו, געשריבן מיט איר ענערגישער, קלאָרער האַנטשריפט. צום באַדויערן בין איך מיך זייער לייכטזיניק באַגאַנגען מיט די שריפטלעכע דאָקומענטן פון מיין יוגנטצייט, אַזוי אַז איך קאָן נישט איבערחזרן געניי די ווערטער, נאָר בלויז בערך איבערגעבן דעם תמצית פון איר אָנפראַגע, צי זי מעג מיר דערציילן עפּעס פון איר לעבן. יענער עפּיזאָד, האָט זי גע־שריבן, איז געשען שוין אַזאַ לאַנגע צייט צוריק, אַז ער האָט שוין כמעט קיין שייכות נישט מיט איר איצטיקן לעבן, און דאָס, וואָס איך פאַר שוין איבערמאָרגן אַוועק, מאַכט איר לייכטער מיט מיר צו רעדן וועגן אַ זאַך, וואָס גייט איר נישט אַרויס פון זינען און פייניקט זי אינערלעך שוין מער ווי צוואַנציק יאָר. אויב אַלזאָ איך האַלט נישט אַזאַ מין שמועס פאַר קיין צודרינגלעכקייט, וואָלט זי מיך געבעטן איר צו ווידמען אַ שעה צייט.

דער בריוו, פון וועלכן איך גיב דאָ בלויז איבער דעם טרוקענעם אינ־האַלט, האָט מיך געוואַלדיק פאַסצינירט: שוין דאָס ענגליש אַליין האָט אים צוגעגעבן אַ הויכע מדרגה פון קלאָרקייט און אַנטשלאָסנקייט. פונדעסט־וועגן איז מיר נישט לייכט אָנגעקומען דער ענטפער. איך האָב צעריסן דריי קאָנצעפּטן, איידער איך האָב געענטפערט:

„עס איז פאַר מיר אַ כבוד, וואָס איר שענקט מיר אַזויפיל צוטרוי, און איך זאָג אייך צו ערלעך צו ענטפערן, אויב איר וועט עס פון מיר פאַר־לאַנגען. איך טאָר אייך נאַטירלעך נישט בעטן, איר זאָלט מיר דערציילן מער, וויפל איר אַליין ווילט, אָבער וואָס איר וועט דערציילן, דערציילט

עס זיך און מיר אמתדיק. איך בעט אייך, גלויבט מיר, אז איך באטראכט אייער צוטרוי פאר א גרויסן כבוד".

דאס צעטל האט אין אונט אריבערגעוואנדערט צו איר אין צימער, צופֿעלן אינדערפֿרי האב איך געהאט אן ענטפער:

„איר זענט פֿולשטענדיק גערעכט: א האלבער אמת איז גארנישט ווערט, בלויז נאר דער גאנצער. איך וועל צוזאמענגעמען אלע מיינע כוחות, כדי גארנישט צו פֿארשווייגן, נישט פֿאר מיר אליין און נישט פֿאר אייך. קומט נאכן עסן צו מיר אין צימער אריין — ביי זיבן און זעכציק יאר דארף איך נישט מורא האבן שלעכט פֿארשטאנען צו ווערן. ווארום אין גארטן אדער אין דער נאענטקייט פֿון מענטשן קאן איך נישט רעדן. איר מעגט מיר גלויבן, עס איז מיר בכלל נישט לייכט געווען זיך דערויף צו אנטשליסן".

בייטאג האבן מיר זיך נאך באגעגנט ביים טיש און העפֿלעך גע־שמועסט וועגן גלייכגילטיקע זאכן. אבער בעת מיר האבן זיך דערנאך געטראפֿן אין גארטן, האט זי מיך מיט א קענטיקער צעטראגנקייט אויסגע־מיטן, און איך האב געהאט א פֿיינלעך און גלייכצייטיק רירנדיק געפֿיל, זעענדיק די דאזיקע אלטע גרייזגרויע דאמע אנטלויפֿן פֿאר מיר מיט א מיידלשער פֿארשעמטקייט אין א פֿיניענביימער־אלעע.

אין אונט, צו דער באשטימטער שעה, האב איך אנגעקלאפּט אין איר טיר. מען האט מיר באלד געעפֿנט. דאס צימער איז געווען פֿארזונקען אין א בין־השמשותדיק ליכט, בלויז א קליין לעמפּל אויפֿן טיש האט געווארפֿן א געלן עיגול אין דעם האלב־טונקעלן חלל אריין. מרס. צ. איז מיר אנט־קעגנגעגאנגען אן דער מינדסטער צעטראגנקייט, זי האט מיר אנגעוויזן א פֿאטעל און זיך אנידערגעזעצט קעגנאיבער מיר. איך האב געשפּירט, אז יעדע פֿון די דאזיקע באוועגונגען זענען געווען אינערלעך צוגעגרייט, פֿונדעסטוועגן איז דאך אנגעקומען א פּויזע, משמעות געגן איר ווילן, א לאנגע, שווערע פּויזע פֿון ישוב הדעת, וועלכע איך האב מיך נישט דער־וועגט איבערצורייסן מיט א ווארט, ווייל איך האב געשפּירט, אז דא קומט פֿאר א געראנגל צווישן א שטארקן ווילן מיט א שטארקן ווידער־שטאנד. פֿון זאל אונטן האבן זיך טיילמאל דערטראגן אפּגעריסענע טע־נער פֿון א וואלצער, איך האב מיך אנגעשטרענגט אײנגעהערט, גלייך ווי

איך וואָלט מיר דערמיט וועלן אביסל לייכטער מאַכן די שווערע משא פון דעם שטילשווייגן. איר אפנים האָט שוין אויך אָנגעהויבן פּיינלעך צו ווערן דאָס דאָזיקע אומנאַטירלעך אָנגעשפּאַנטע שווייגן. ווארום זי האָט זיך פּלוצלינג אָנגענומען מיט מוט און אָנגעהויבן:

„בלויז דאָס ערשטע וואָרט איז שווער. שוין צוויי טעג גרייט איך מיך צו זיין אינגאַנצן קלאָר און אויפריכטיק: מסתמא וועט עס מיר געלינגען. איר פאַרשטייט נאָך איצט אפשר נישט, צו וואָס איך דערצייל דאָס אלץ אייך, א פרעמדן מענטש, עס גייט אָבער נישט פאַרביי קיין טאָג, קיין איין שעה כמעט, אַז איך זאָל נישט טראַכטן וועגן דעם דאָזיקן באַשטימטן געשעעניש, און איר מעגט מיר, דער אַלטער פרוי, גלויבן, אַז עס איז אומדערטרעגלעך גאַנצע יאָרן צו גלאָצן אויף איין איינציקן פּונקט פון דעם אייגענעם לעבן, אויף איין איינציקן טאָג. ווארום אלץ, וואָס איך וויל אייך דערציילן, נעמט אַרום אַ צייט־שטח פון פיר און צוואַנציק שעה, אַרויסגענומענע פון זיבן און זעכציק יאָר, און איך האָב עס מיר אַליין שוין אָפט ביז צו משוגע ווערן איבערגעחזרט, וואָס פאַר אַ באַדייט האָט דען, אויב מען האָט אַמאָל איין רגע געהאַנדלט אומזיניק. אָבער מען קאָן נישט פּטור ווערן פון דעם, וואָס מיר באַצייכענען עס מיט דעם אומבאַשטימטן אויסדרוק געוויסן, און בעת איך האָב אייך אַזוי זאַכלעך געהערט רעדן וועגן דער געשעעניש מיט אנריעטען, האָב איך אַ טראַכט געטון: אפשר וואָלט אַ סוף געקומען צום דאָזיקן אומזיניקן נאָכטראַכטן און אומאויפהערלעכער זעלבסטבאַשולדיקונג, אויב איך זאָל קענען אַמאָל פּועלן ביי זיך פריי צו רעדן מיט עמעצן וועגן דעם דאָזיקן איינעם טאָג פון מיין לעבן. ווען איך זאָל נישט זיין קיין אַנגליקאַנערין, נאָר אַ קאַטוילין, וואָלט מיר דאָס מתודה זיין שוין לאַנג געגעבן אַ געלעגנהייט זיך פון האַרץ אַראָפּצורעדן — אונז אָבער איז נישט באַשערט די דאָזיקע טרייסט, מאַך איך דעריבער היינט דעם דאָזיקן מאָדנעם פּרווו אליין מיך צו באַפרייען, דערמיט וואָס איך וועל מיך פאַר אייך אויסרעדן. איך ווייס, אַז דאָס אלץ איז זייער משונהדיק, אָבער איר זענט אָן שום שהיות איינגעגאַנגען אויף מיין פאָרשלאָג, און איך דאַנק אייך דערפאַר.

אלזאָ, איך האָב שוין געזאָגט, אַז איך וויל אייך דערציילן בלויז איין איינציקן טאָג פון מיין לעבן — דאָס גאַנצע איבעריקע ווייזט זיך מיר

אוים אומבאדייטנדיק און לאנגווייליק פאַר יעדן אנדערן. וואָס מיט מיר איז געשעען ביז צו מיין צוויי און פערציקסטן יאָר, איז מיט קיין איין טריט נישט אוועק ווייטער פון דעם געוועגלעכן לעבנסשטייגער. מיינע עלטערן זענען געווען רייכע גוטבאַזיצער אין שאָטלאַנד, מיר האָבן פאַרמאָגט פאַבריקן און פּאַכטן. דעם גרעסטן טייל פון יאָר פלעגן מיר, לויטן שטייגער פונם אדל ביי אונז אין לאַנד, פאַרברענגען אין אונזערע גיטער און דעם „סיזן" אין לאָנדאָן. ווען איך בין אַלט געווען אַכצן יאָר, האָב איך אין אַ געזעלשאַפט זיך באַקאַנט מיט מיין מאַן. ער איז געווען דער צווייטער זון פון דער באַקאַנטער פאַמיליע ר... און האָט צען יאָר געהאַט געדינט ביים מיליטער אין אינדיע. מיר האָבן גיך חתונה געהאַט און געפירט דאָס זאָרגלאָזע לעבן פון אונזער געזעלשאַפטס־ספערע: אַ פערטל יאָר אין לאָנדאָן, אַ פערטל יאָר אין אונזערע גיטער; די איבעריקע צייט אין די האָטעלן פון איטאַליע, שפּאַניע און פראַנקרייך. קיין מינדסטער שאָטן האָט קיינמאָל נישט פאַרטונקלט אונזער צוזאַמענלעבן. די צוויי זין, וואָס זענען אונז געבוירן געוואָרן, זענען שוין היינט דערוואַקסן. ווען איך בין אַלט געווען פערציק יאָר, איז מיין מאַן פּלוצלינג געשטאָרבן. ער האָט זיך פון די טראָפּישע לענדער מיטגעבראַכט אַ לעבער־קראַנקהייט: איך האָב אים פאַרלוירן נאָך צוויי שרעקלעכע וואָכן. מיין עלטערער זון איז שוין דעמאָלט געווען אין דינסט, דער ייִנגערער אין אוניווערזיטעט — אַזוי בין איך איבער נאַכט געבליבן איינע אַליין, און דאָס דאָזיקע אַליינזיין איז פאַר מיר, וואָס איז תמיד געוווינט געווען צו אַ צערטלעך צוזאַמענלעבן, געוואָרן אַ שרעקלעכע פּיין. צו בלייבן אין דעם ליידיק געוואָרענעם הויז, ווו יעדע זאַך האָט מיך דערמאָנט אָן דעם טראַגישן פאַרלוסט פון מיין געליבטן מאַן, האָט זיך מיר אויסגעוויזן פאַר אוממעגלעך אפילו אויף איין טאָג: האָב איך דעריבער באַשלאָסן אַ סך אַרומצורייזן אין די נאָענטסטע יאָרן, אַזוי לאַנג ווי מיינע זין וועלן נישט חתונה האָבן.

איינגנטלעך האָב איך פון יענער רגע אָן באַטראַכט מיין לעבן פאַר פולשטענדיק אומזיניק און איבריק. דער מאַן, מיט וועלכן איך פלעג אין משך פון דריי און צוואַנציק יאָר טיילן יעדע שעה און יעדן געדאַנק, איז געווען טויט; מיינע קינדער האָבן זיך אין מיר נישט געניטיקט, איך האָב מורא געהאַט, אַז איך וועל נאָך פאַראומערן זייערע יונגע יאָרן מיט מיין

גידערשלאגנקייט און מעלאנכאליע — פאר מיר אליין ווידער האב איך שוין גארנישט געוואלט און קיין זאך נישט באגערט. איך האב מיך צורעשט אריבערגעצויגן קיין פאריז און בין דארט פאר לאנגווייליקייט ארומגעגאנגען איבער די געשעפטן און מוזעאומס; אבער די שטאט און דאס גאנצע ארומיקע לעבן איז מיר געווען פרעמד. מענטשן האב איך אויסגעמיטן, ווייל איך האב נישט געקאנט פארטראגן זייערע העפלעך באדויערנדיקע בליקן אויף מיינע טרויער־קליידער. ווי אזוי יענע חדשים פון פארטעמפטן און פארפינסטערטן ארומבלאנדזשען זענען פארביינגעגאנגען, ווייס איך שוין אצינד נישט צו דערציילן: איך ווייס בלויז, אז איך האב תמיד געהאט דעם פארלאנג צו שטארבן, עס האט מיר אבער געפעלט כוח אליין צוצואיילן דעם דאזיקן הייסן באגער.

אין צווייטן טרויער־יאר, דאס הייסט אין צוויי און פערציקסטן פון מיין לעבן, נאך נישט וועלנדיק זיך מודה זיין, אז איך אנטלויף פון אן עקזיסטענץ, וואס איז געווארן ווערטלאז און אן אינהאלט, בין איך אוועק קיין מאנטע קארלא. דעם אמת געזאגט: איך האב עס געטון צוליב לאנגווייליקייט, צוליב א פיינלעכער אינערלעכער פוסטקייט, וואס וויל זיך לפחות שפייזן מיט קליינע אויסערלעכע רייצמיטלען. וואס שוואכער עס איז געווארן אין מיר מיין אייגן געפיל, אלץ שטארקער האט עס מיך געצויגן אהין, וו דאס געווירבל פון לעבן האט זיך געדרייט צום שנעלסטן: פאר דעם, וואס האט נישט קיין אייגענע איבערלעבענישן, איז די ליידנשאפטלעכע אומרואיקייט פון אנדערע אן עמאציע, ווי טעאטער אדער מוזיק.

דערפאר בין איך טאקע אפט געגאנגען אין קאזינא. עס האט מיך גערייצט צוצוקוקן, ווי איבער די פנימער פון אנדערע מענטשן שוועבן אומרואיק ארום די אויסדריקן פון פרייד אדער דערשלאגנקייט, בעת אין מיר אליין האט געהערשט א מוראדיקער שטילשטאנד. דערצו נאך פלעגט מיין מאן, גאר נישט זייענדיק לייכטזיניק, ביי א געלעגנהייט גערן זיין א גאסט אין שפילזאל, און איך האב מיט א געוויסער אומבאוווסטזיניקער פיעטעט טריי אפגעהיטן אלע זיינע פריערדיקע געוווינהייטן. און דארט האבן זיך אנגעהויבן יענע פיר און צוואנציק שעה, וואס זענען געווען

מער אויפּבּרויזנדיק, איידער דאָס גאַנצע שפּילן און וועלכע האָבן מיין לעבן אויף יאָרן אַרויס פּאַראומערט.

מיטאָג האָב איך געגעסן צוזאַמען מיט דער הערצאָגין מ., אַ קרובה פון מיין פאַמיליע. נאָכן אוונט־עסן האָב איך מיך נאָך נישט געפילט גענוג מיד, צו קענען שלאָפן גיין. בין איך דעריבער אַוועק אין שפּיל־זאַל, אַרומגעשלייכט זיך, אַליין נישט שפּילנדיק, הין און הער צווישן די טישן און האָב מיך צוגעקוקט צו דער צונויפגעמישטער שפּיל־געזעלשאַפט אויף אַ גאַנץ באַזונדערן אופן. איך זאָג: אויף אַ באַזונדערן אופן, נעמלעך אויף אַזעלכן, ווי עס האָט מיך אַמאָל מיין פאַרשטאָרבענער מאַן געלערנט, ווען איך פלעג מיד ווערן פון צוקוקן זיך צו די שפּילער און מיך באַקלאָגן, אַז עס איז מיר לאַנגווייליק צו גלאָצן כסדר אויף די זעלבע פּנימער: אויף די אַלטע, אויסגעטרוקנטע פּרויען, וואָס זיצן אָפּ שעהן לאַנג אויף זייערע שטולן, איידער זיי באַשליסן זיך איינצושטעלן אַ זשעטאָן, אויף די דורכגעטריבענע פּראָפעסיאָנאַלן, האַזאַרד־שפּילערישע קאָקאָטעס, אויף יענעם גאַנצן פינסטערן, צונויפגעלאָפענעם ערב רב, וואָס איז, ווי איר ווייסט מסתמא, אַ סך ווייניקער מאַלעריש און ראָמאַנטיש, ווי ער ווערט געשילדערט אין די שלעכטע ראָמאַנען שעור נישט אַלס fleur d’élégance און אַריסטאָקראַטיע פון אייראָפּע. דערצו נאָך, מיט צוואַנציק יאָר צוריק, ווען עס האָט זיך נאָך ביים שפּילן אַרומגעקאָלערט מזומן געלט, די קנאַקנדיקע באַנקנאָטן, די גאָלדענע נאַפּאָלעאָנס, די מיוחסדיקע פינפפראַנקשטיק, איז דאָס קאַזינאָ געווען אָן אַ שעור אָנציענדיקער איידער היינט, ווען אין דעם ניימאָדיש איבערגעבויטן עלעגאַנטן שפּילהויז זיצט אַ באַלאַבאַטיש פּובליקום און וואַרפט צו לאַנגווייליק די כאַראַקטערלאָזע שפּילמאַרקעס. דאָך שוין אפילו דעמאָלט האָב איך געפונען צו ווייניק רייץ אין דער דאָזיקער איינטעניקייט פון גלייכגילטיקע פּנימער, ביז מיין מאַן, וועלכער האָט געהאַט אַ ליידנשאַפט צו כיראָמאַנטיע, האָט מיר אַמאָל געוויזן אַ גאָר באַזונדערן אופן פון צוקוקן זיך, און באמת אַ סך אינטערעסאַנטערן, אויפרעגנדיקערן און שפּאַנענדיקערן, איידער דאָס פּשוטע שטיין און קוקן, נעמלעך: קיינמאָל נישט קוקן אויף אַ וועלכן ס׳איז פּנים, נאָר אויפן פּירעק פון טיש און דאָרט ווידער בלויז אויף די הענט פון די מענטשן, בלויז אויף דעם באַזונדערן אופן פון זייער באַוועגן זיך. איך ווייס נישט,

צי איר האָט אַמאָל צופעליק געוואָרפן אַ בליק בלויז אויף די גרינע טישן, נאָר אויף דעם גרינעם פירעק אַליין, וווּ דאָס קיילעכל וואַקלט זיך ווי שכור פון ציפער צו ציפער און ווו פלאַטערנדיקע שטיקער פּאַפּיר און קיילעכיקע שטיקלעך זילבער און גאָלד פאַלן אַריין אין דעם פירעקיק־אָפּגעגרענעצטן שטח, ווי אַ פאַרזיי, וועלכן דעם קרופּיעס שויפל טוט שפּעטער אַ האַסטיקן וויש אַוועק ווי מיט אַ שאַרפער קאָסע, אָדער שאַרט עס צו ווי אַ תבואה־בינטל צום געווינער. ביי אַזאַ פּערספּעקטיוויש קוקן זעט מען בלויז, ווי עס בלאָנדזשען אַרום הענט — אַ סך קלאָרע, אומרואיקע, וואַרטנדיקע הענט אַרום דעם גרינעם טיש, אויפּטויכנדיק וואָס אַמאָל פון אַן אַנדערן אַרבל אַרויס, יעדע ווי אַ רויב־חיה, וואָס איז גרייט אַ שפּרונג צו טון, יעדע פון אַן אַנדערער פאָרעם און קאָליר; טייל נאַקעט, אַנדערע ווידער מיט רינגען און קלינגענדיקע קייטעלעך באַצירט, טייל באַוואַקסן מיט האָר, ווי ווילדע חיות, טייל פייכטע און אויסגעקרימטע ווי אַן אָל, אַלע אָבער אָנגעשטרענגט און ציטערנדיק פון אַ שרעקלעכער אומגעדולדיקייט. נישט ווילנדיק פלעגט מיר דאַן תמיד קומען אויפן געדאַנק אַ וועטלויף פּלאַץ, ווו די אויפגערעגטע פערד מוזן מיט גרויס מי איינגעהאַלטן ווערן ביי דער לויף־ליניע, כדי זיי זאָלן זיך נישט צופרי אַ לאָז טון אין געיעג: פּונקט אַזוי האָבן זיי געציטערט און געצאַפּלט און זיך אונטערגעהויבן. אַלץ קען מען דערקענען אין די דאָזיקע הענט, לויט דעם אופן ווי זיי וואַרטן, ווי זיי נעמען און ציען זיך צוריק: דער גיריקער האָט אַ פאַרקוועטשטע האַנט, דער פאַרשווענדער אַ לויזע, ביים מיושבדיקן איז זי רואיק, ביים פאַרצווייפלטן ציטערנדיק; הונדערטער כאַראַקטערן לאָזן זיך דערקענען בליץ־שנעל לויט דער האַנט־באַוועגונג ביים אָננעמען געלט לויט דעם, צי מען פּרעסט עס צונויף אין דער האַנט, אָדער מען קנייטשט עס מיט די פינגער, אָדער מען לאָזט עס מיט דערשעפּטע און מידע הענט ליגן בשעת דעם אַרומקרייזן. דעם מענטש קען מען דערקענען בעת דעם שפּילן, אַ באַקאַנט ווערט, איך ווייס. איך אָבער זאָג: צום דייטלעכסטן גיט אים צו דערקענען בעת דעם שפּילן זיין אייגענע האַנט. ווארום אַלע, אָדער כמעט אַלע האַזאַרד־שפּילער לערנען זיך באַלד אויס צוצוגעבן דעם פּנים אַ רואיקן אויסדרוק — אויבן, איבערן העמד־קראַגן טראָגן זיי אַ קאַלטע מאַסקע פון גלייכגילטיקייט — זיי באַצווינגען די

אומרואיקע קנייטשן ארום מויל און פאַרשטופּן זייער אויפרעגונג אונטער די פאַרביסענע ציין, זיי באַהאַלטן אויס פון זייערע אייגענע אויגן אַ באַמערקבאַרע אומרואיקייט און באַמיען זיך די אויפצאַפּלענדיקע מוס־קולען אין פּנים צוריק צו דערפירן צו אַ קינסטלעכער, פאַרנעמער גלייכ־גילטיקייט. אָבער דוקא ווייל זייער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט קאָנצענט־רירט זיך בלויז, כדי דאָס פּנים, ווי דאָס אָנזעעוודיקסטע פון זייער וועזן, צו באַהערשן, פאַרגעסן זיי אין זייערע הענט און פאַרגעסן אויך, אַז עס זענען פאַרהאַן מענטשן, וואָס אָבעסרווירן דוקא די דאָזיקע הענט און דער־וויסן זיך פון זיי אַלדינג, וואָס די שמייכלענדיק אויסגעבויגענע ליפּן אויבן און די כלומרשט גלייכגילטיקע בליקן ווילן פאַרשווייגן. די האַנט אַנטפּלעקט אָבער דערווייל זייער סוד גאָר אָן בושה. ווארום עס קומט סוף כל סוף אַ רגע, ווען די דאָזיקע מיט מי באַהערשטע און לפּנים איינ־געשלאָפענע פינגער טוען פּלוצלינג אַ צאַפּל־אויף פון זייער פאָרנעמער געלאַסנקייט: אין דער געשפּאַנטער סעקונדע, ווען דאָס רולעטע־קיילעכל פאַלט אַריין אין איר קליינעם בעקן און מען רופט אויס דעם געווינ־ציפער, דעמאָלט, אין יענער סעקונדע, מאַכט יעדע פון די הונדערט אָדער פינף הונדערט הענט נישט ווילנדיק אַ גאַנץ פּערזענלעכע, אַ גאַנץ אינדי־ווידועלע באַוועגונג, לויט אַן אייגענעם אָנגעבוירענעם אינסטינקט. און ווען מען לערנט זיך אויס, אַזוי ווי איך האָב דאָס געלערנט דורך מיין מאַן, צו אבסערווירן די דאָזיקע אַרענע פון הענט, ווירקט דער אַלעמאָל אַנדערש־דיקער, אַלעמאָל אומדערוואַרטער אויסברוך פון די פאַרשידנאַרטיקע טעמפּעראַמענטן מער אויפרעגנדיק ווי טעאַטער אָדער מוזיק: איך קען אייך גאָרנישט שילדערן, וויפל שפּיל־אופנים פון הענט עס איז פאַרהאַן; ווילדע בעסטיעס מיט האָריקע, אויסגעקרימטע פינגער, וואָס כאַפּן אַריין דאָס געלט ווי שפּינען, און נערוועזע, ציטערנדיקע, מיט בלאַסע נעגל, וואָס דערוועגן זיך קוים עס אָנצורירן, איידעלע און נידעריקע, ברוטאַלע און אומדרייסטע, כיטרע און עפּעס אַזוי ווי שטאַמלענדיקע — אָבער יעדע ווירקט אַנדערש, ווארום יעדע פון די דאָזיקע פּאָר הענט דריקט אויס אַ באַזונדער לעבן, מיטן אויסנאַם פון די פיר אָדער פינף פּאָר הענט פון די קרופּיעס. די דאָזיקע זענען אינגאַנצן אַזוי ווי מאַשינען, זיי פונקציאָ־נירן מיט אַ זאַכלעכער, געשעפטלעכער, פולשטענדיק קאַלטער פּינקטלעכ־

סיט אנטקייגן די געשטייגערט רירעוודיקע, ווי די שטאָלערן קלאַפּנדיקע פאַרשליסער פון אַ צייל־אַפּאַראַט. אָבער אפילו די דאָזיקע ניכטערנע הענט ווירקן ווידער שטאַרק דורך זייער קאָנטראַסט צו די איבעריקע צעטראָגענע און ליידנשאפטלעכע הענט: זיי שטייען, וואָלט איך געזאָגט, ווי אוניפאָרמירטע פּאָליציילייט צווישן אַ צעשטורעמטן און באַגייסטערטן פאָלקס־אויפשטאַנד. דערצו קומט נאָך דאָס פּערזענלעכע צופרידנהייט־געפיל, וואָס מען האָט נאָך עטלעכע טעג שוין באַוויזן באַקאַנט צו ווערן מיט אַזויפיל געוווינהייטן און ליידנשאַפטן פון די פאַרשידענע הענט; נאָך אַ פּאָר טעג פלעג איך תמיד שוין האָבן באַקאַנטע צווישן זיי און איך פלעג זיי מיר איינטיילן פונקט ווי מענטשן אין סימפּאַטישע און אומסימפּאַטישע: טייל זענען מיר געווען אַזוי דערווידער צוליב זייער גראָבקייט און גיריקייט, אַז איך פלעג פון זיי תמיד אָפּווענדן דעם בליק, ווי פון עפּעס אַ מיאוסע זאַך. אָבער יעדע נייע האַנט ביים טיש איז פאַר מיר געווען אַ געשעעניש און האָט געוועקט מיין נייגיריקייט. אָפטמאָל פלעג איך פאַרגעסן אָנצוקוקן דאָס פּנים אויבן, וואָס האָט געשטעקט אין אַ שטייפן קראַגן איבער אַ סמאָקינג־העמד אָדער איבער אַ דעקאָלטירטן בוזים, און אויסגעזעען קאַלט און אומבאַוועגלעך ווי אַ מאַסקע.

ווען איך בין אַלזאָ אין יענעם אָוונט אריינגעקומען, פאַרבייגייענדיק פאַר צוויי איבערגעפולטע טישן און שוין גענומען צוגרייטן עטלעכע גאָלד־מטבעות, כדי זיך אַנידערצוזעצן ביי אַ דריטן, האָב איך אַן איבערראַשטע דערהערט אין יענער גאַנץ שטילער, גאַנץ געשפּאַנטער, ווי פון שטילשווייגן קלינגענדיקער פּויזע, וואָס שאַפט זיך תמיד, בעת דאָס קיילעכל וואַקלט זיך שוין ווי טויט־מיד צווישן צוויי נומערן, האָב איך אַלזאָ דערהערט פונקט קייגנאיבער אַ זייער מאָדנע גערויש, אַ קראַכן און קנאַקן ווי פון אויסגעלענקטע גלידער. נישט ווילנדיק האָב איך אַ בליק געטון אַהין און איך האָב דערזעען — באמת מיט שרעק! — צוויי הענט, ווי איך האָב נאָך אַזעלכע קיינמאָל נישט געזעען, אַ רעכטע און אַ לינקע, צוזאַמענגעדריקט איינע אין דער אַנדערער, ווי צוויי פאַרביסענע חיות, און אַזוי אָנגעשטרענגט האָבן זיי זיך געקורטשעט, איינגעגעסן זיך איינע אין דער אַנדערער און ווידער זיך פונאַנדערגעריסן, אַז די פינגער־געלענקען האָבן געקנאַקט מיט יענעם טרוקענעם קלאַנג פון אַן אויפגעקנאַקטער נוס. דאָס

זענען געווען זעלטן שיינע הענט, אומגעווענלעך לאַנג, אומגעווענלעך שמאָל, און דערביי דאָך פעסט מוסקולירט — זייער ווייס און מיט צאַרט אויסגערונדיקטע ווי פּערלמוטער בלאַנקענדיקע נעגל־שפּיצן. איך האָב דעמאָלט אַ גאַנצן אָוונט געקוקט — ממש געגאַפט אויף די דאָזיקע אומגעווענלעכע הענט, מיך האָט איבערראַשט זייער ליידנשאַפטלעכער, ווילד צעברויזטער אויסדרוק, דאָס קראַמפּהאַפטיקע אַרומנעמען איינע די אַנדערע. איך האָב גלייך דערפילט, אַז אַן איבערגעלאָדנטער מענטש דריקט דאָ צונויף זיין גאַנצע ליידנשאַפט אין די פינגער־שפּיצן, כדי נישט צעזעצט צו ווערן דורך איר. און איצט... אין דער רגע, ווען דאָס קייַלעכל איז מיט אַ טרוקענעם האַרטן קלאַנג אַריינגעפאַלן אין בעקן און דער קרופּיע האָט אויסגערופן דעם נומער... אין דער דאָזיקער רגע זענען די ביידע הענט פּלוצלינג אוועקגעפאַלן, ווי צוויי חיות, וואָס זענען דורכגעשאָסן געוואָרן מיט איין קויל. זיי זענען ביידע מיטאַמאָל אַוועקגעפאַלן אויף אַן אמת טויט און נישט בלויז דערשעפּט. זיי זענען אַוועקגעפאַלן מיט אַזאַ פּלאַסטישן אויסדרוק פון שלאַפקייט, פון אנטטוישונג, פון בליץ־צעשמעטערטקייט, פון אויסגיין, אַז איך קאָן דאָס נישט אויסדריקן מיט ווערטער, ווארום איך האָב נאָך קיינמאָל ביז דעמאָלט און קיינמאָל נאָכדעם נישט געזען אַזעלכע רעדנדיקע הענט, וו יעדער מוסקול איז געווען ווי אַ מויל און די ליידנשאַפט האָט זיך כמעט ווי פון די הויט־עפענונגען אַרויסגעריסן. אַ רגע־לאַנג זענען זיי געבליבן ליגן אויפן גרינעם טיש ווי צעקוועטשט און טויט, ענלעך צו די אויפן ברעג אַרויסגעוואָרפענע ים־שלימאַקעס. דערנאָך האָט איינע, די רעכטע, אָנגעהויבן מיט גרויס מי זיך ווידער אויסצוגלייכן, זי האָט אַ ציטער געטון, זיך צוריקגעצויגן, געדרייט זיך אַרום זיך אַליין, זיך אַ וואַקל געטון און ענדלעך נערוועז אַ נעם געטון אַ זשעטאָן, וועלכן זי האָט אומאַנטשלאָסן געקאָלערט צווישן צוויי פינגער ווי אַ קליין רעדל. און פּלוצלינג האָט זי זיך מיט אַ קאַצנבאַוועגונג אַ בויג געטון ווי אַ פּאַנטערע און אַ שנעל געטון, כמעט אַ שליידער געטון דעם הונדערט־פראַנק־זשעטאָן אויפן מיטן פון שוואַרצן פעלד. באַלד נאָכדעם איז, ווי אויף אַ סיגנאַל, אויך די אומטעטיק איינגעשלאָפענע לינקע האַנט געוואָרן אויפגעטרייסלט; זי האָט זיך אויפגעהויבן, זיך צוגעשלייכט, כמעט צוגעקראָכן צו דער ציטערנדיקער, ווי פון וואָרף פאַרמאַטערטער ברודער־האַנט, און ביידע זענען ציטערנדיק געבליבן איינע

נעבן דער אַנדערער. ביידע האָבן שטיל געקלאַפּט אָן טיש מיט די פינ־ גער, ווי ציין קלאַפּן לייכט איינער אָן אַנדערן אין פיבער — ניין, איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געזעען קיין הענט מיט אַזאַ אומגעוועגלעך רעדנדיקן אויסדרוק, מיט אַזאַ ספּאַזמאַטישן אופן פון אויפרעגונג און געשפּאַנטקייט. אַלע אַנדערע זאַכן אינם דאָזיקן ריזיקן חלל, דאָס זשומעריי אין די זאַלן, דאָס מאַרקשרייערישע אויסרופן פון די קרופּיעס, דאָס הין און הער באַוועגן זיך פון די מענטשן און פון דעם קוילעכל אַליין, וואָס איז אַצינד געשפּרונגען, געשליידערט פון דער הויך, ווי משוגע אין דער קיילעכדיקער, פּאַרקעט־גלאַטיקער שטייג — די דאָזיקע אַלע די נערוון שאַרף־רייצנדיקע איינדריקן האָבן זיך מיר פּלוצלינג אויסגעוויזן טויט און פאַרגליווערט אנטקעגן די דאָזיקע צוויי ציטערנדיקע, אָטעמענדיקע, סאַפּענדיקע, וואַרטנדיקע, פרירנדיקע, שוידערנדיקע, אנטקעגן די דאָזיקע צוויי אומגעוועגלעכע הענט, פון וועלכע איך האָב ווי אַ פאַרכשופטע נישט געקאָנט אָפּרייסן דעם בליק.

ענדלעך אָבער האָב איך נישט געקאָנט לענגער אויסהאַלטן: איך האָב געמוזט אַ קוק טון אויף דעם מענטש, אויף דעם פּנים, צו וועלכן די דאָזיקע מאַגישע הענט געהערן, און איך האָב מיט מורא — יאָ, באמת מיט מורא, ווארום איך האָב מיך געשראָקן פאַר די דאָזיקע הענט! — אָנגעהויבן פּאַמעלעך אויפצוהויבן דעם בליק איבער די אַרבל, ביז אַרויף צו די שמאָלע אַקסלען. און איך האָב ווידער דערשראָקן אויפגעציטערט, ווארום דאָס פּנים האָט גערעדט די זעלבע אומגעצוימטע, פאַנטאַסטיש איבערשפּאַנטע שפּראַך ווי די הענט, עס האָט פאַרמאָגט דעם זעלבן שרעק־ לעך פאַרביסענעם אויסדרוק און די זעלבע צאַרטע און כמעט ווייבלעכע שיינקייט. איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געזעען אַזאַ פּנים, אַזאַ ווי אינ־ גאַנצן פון זיך אַליין אָפּגעטיילט פּנים, און איך האָב געהאַט די פולע גע־ לעגנהייט אומגעשטערט עס צו באַטראַכטן, ווי אַ מאַסקע, ווי אַן אויגנלאָזע פּלאַסטיק, ווארום די פאַרכשופטע אויגן אינם דאָזיקן פּנים האָבן זיך נישט אַ קער געטון אויף קיין איינציקער רגע אפילו, נישט רעכטס און נישט לינקס: פאַרגליווערט, שוואַרץ, ווי אַ טויט גלעזערן קיילעכל איז אומבאַוועגלעך געשטאַנען דאָס אויגאַפּל אונטער די אויפגעריסענע אויגן־ הייטלעך, אָפּשפּיגלענדיק יענץ אַנדערע, מאַכאַן־קאַלירטע קיילעכל, וואָס האָט שטיפעריש זיך געקאַלערט און ארומגעצאַפּלט אין דעם רולעטע־

קעסטל. נאָך קיינמאָל, איך מוז עס נאָכאמאָל זאָגן, האָב איך נישט געזעען אזא אינטערעסאנט, אזא פארכאפנדיק פנים. עס האָט געהערט צו א יונגן, אן ערך פיר און צוואנציק יעריקן מענטש, געווען שמאָל, צאַרט, אביסל לענגלעך און דורכדעם אזוי אויסדרוקפול. פונקט ווי די הענט, האָט עס נישט געמאכט קיין גאָר מענלעכן איינדרוק, נאָר גיכער ווי פון א ליידנשאפטלעך שפילנדיק יינגל — אָבער דאָס אלדינג האָב איך באַמערקט ערשט שפעטער, ווארום אין יענעם מאָמענט האָט דאָס פנים געהאַט בלויז דעם איינעם אויסדרוק פון גיריקייט און ווילדע צערייצטקייט. דאָס האַלב געעפנטע, שמאָלע מויל האָט לייכט אַנטפּלעקט די ציין: אויף א מרחק פון צען טריט האָט מען געקאָנט זעען ווי זיי קלאפן פיבערדיק איינע אָן די אַנדערע, בעת די ליפן זענען פארבליבן פארגליווערט אָפן. א העל־בלאָנדער שטרייף האָר, אַריבערגעוואָרפן אויף פאָרנט, ווי ביי א פאַלנדיקן, האָט זיך אים צוגעקלעבט צום פייכטן שטערן, און די נאָז־פליגל האָבן כסדר געפאָכעט הין און צוריק, גלייך ווי עס וואָלטן זיך דאָרט אונטער דער הויט געהויבן קליינע כוואַליעס. דער קאָפ האָט זיך אים אָן זיין וויסן וואָס אַמאָל מער אויסגעבויגן פאָראויס, ווי ער וואָלט מיטגעריסן געוואָרן אין געווירבל פון דעם קליינעם קיילעכל; און ערשט דעמאָלט האָב איך פארשטאַנען דאָס קורטשענדיקע צוזאמענדריקן די הענט: בלויז דורכן דאָזיקן קעגנדרוק, דורכן דאָזיקן קראמף, האָט דער שוין צום אנידערפאַלן נאָענטער קערפער געקאָנט איינהאַלטן דאָס גלייכגעוויכט.

איך האָב נאָך קיינמאָל — איך מוז עס כסדר איבערחזרן — נישט געזעען אין א פנים אזא מין אָפענע, חיהשע, אומפארשעמט נאַקעטע ליידנשאפט, און איך האָב עס אָנגעקוקט, דאָס דאָזיקע פנים..., פונקט אזוי עמאָציאָנירט, אזוי פארכאפט פון זיין דעמאָנישקייט, ווי יענע בליקן פון דעם שפרינגען און צאפלען פונם ארומלויפנדיקן קיילעכל. פון דער דאָזיקער רגע אָן האָט מיך שוין קיין שום אַנדער זאַך אין זאַל נישט אינטערעסירט, אלדינג האָט זיך מיר אויסגעוויזן בלאַס, מטושטש און פארנעפּלט, טונקל אין פארגלייך מיט דעם אויפפלאקערדיקן פייער אין דעם דאָזיקן פנים, און נישט זעענדיק מער קיינעם, האָב איך אָבסערווירט אפשר א גאנצע שעה לאַנג בלויז דעם דאָזיקן איינעם מענטש און יעדע

באוועגונג זיינע. מיטאמאָל האָט אַ שאַרף ליכט אַ בליץ געטון אין זיינע אויגן, די אין אַ קנויל צונויפגעקורטשעטע הענט זענען ווי דורך אַן עקספּלאָזיע אויפגעריסן געוואָרן און די פינגער האָבן גיריק אַ צאַפּל געטון, בעת דער קרופּיע האָט זיי צוגעשאַרט געוונענע צוואַנציק גאָלד־שטיק. אין דער דאָזיקער רגע האָט אים דאָס פּנים פּלוצלינג אויפגעשיינט און עס איז געוואָרן גאַנץ יונג, די רונצלען זענען פאַרשוואונדן, די אויגן האָבן אָנגעהויבן צו פינקלען, דער שטייף פאַראויסגעבויגענער קערפּער האָט זיך לייכט און פלינק אויסגעגלייכט — ער איז מיטאַמאָל געבליבן זיצן פריי און שוועבנדיק ווי אַ רייטער, געטראָגן פון אַ טריאומף־געפיל, די פינגער האָבן אייטל און מיט הנאה געקלימפּערט מיט די קיילעכדיקע מטבעות, געשנעלט זיי איינע אָן די אַנדערע, געלאָזט זיי אונטערשפּרינגען און צוקלינגען. דערנאָך האָט ער ווידער אומרואיק אַ קער געטון דעם קאָפּ, דורכגעלאָפן דעם גרינעם טיש ווי מיט שנאַפּנדיקע נאָזלעכער פון אַ יונגן יאַגד הונט, וואָס זוכט דעם ריכטיקן שפּור, און פּלוצלינג מיט אַ האַסטיקער באַוועגונג האָט ער אַ שליידער געטון דאָס גאַנצע בערגעלע מיט גאָלדשטיקלעך אין איינעם פון די קוואַדראַטן אַריין. און באַלד האָט זיך ווידער אָנגעהויבן דאָס נאָכלויערן, די געשפּאַנטקייט. די ליפּן האָבן אים ווידער אָנגעהויבן צו ציטערן, ווי באַרירט פון אַן עלעקטרישן שטראָם, די הענט האָבן זיך ווידער צונויפגעקורטשעט, דאָס יינגלישע פּנים איז פאַרשוואונדן געוואָרן הינטער אַן אויסדרוק פון גיריקער דערוואַרטונג, ביז די אָנגעשטרענגטע שפּאַנונג איז האַסטיק איבערגעגאַנגען אין אַן אַנטטוי־שונג: דאָס פּנים, דאָס נאָר וואָס יינגליש־צעפלאַמטע פּנים, איז מיט־אַמאָל פאַרוועלקט געוואָרן, עס איז געוואָרן בלייך און פאַרעלטערט, די אויגן פאַרטעמפּט און אויסגעלאָשן, און דאָס אַלדינג אין משך פון איין איינציקער סעקונדע, בעת דאָס קיילעכל איז אַ פאַל געטון אויף אַ נישט דערוואַרטער ציפער. ער האָט פאַרשפּילט: עטלעכע סעקונדעס איז ער געבליבן זיצן און געגלאָצט מיט אַ צעחושטן בליק, ווי ער וואָלט נישט פאַרשטאַנען, וואָס עס איז געשען; באַלד אָבער ביים ערשטן אויפוועקנדיקן אויסרוף פון קרופּיע האָבן די פינגער ווידער אַ כאַפּ געטון עטלעכע גאָלד־שטיקלעך. אָבער די זיכערקייט איז שוין געווען פאַרשוואונדן, צו־ערשט האָט ער איינגעשטעלט די מטבעות אויף איין קוואַדראַט, דערנאָך ווידער, נאָך אַ ישוב הדעת, אויף אַ צווייטן, און ווען דאָס קיילעכל

איז שוין געווען אין באַוועגונג, האָט ער פּלוצלינג מיט א ציטערנדיקער האַנט שנעל צוגעוואָרפן נאָך צוויי צעקנייטשטע באַנקנאָטן אין קוואַד־ראַט אריין.

דאָס דאַזיקע פלאַטערנדיקע הין און הער פון פארשפּילן און גע־ווינען האָט געדויערט אָן הפסקות בערך אַ שעה, און אין משך פון דער דאָזיקער שעה האָב איך נישט אָפּגעקערט מיין פארכשופטן בליק אפילו אויף קיין איינציקער רגע פון דעם דאָזיקן אומאויפהערלעך זיך פארענדערנ־דיקן פּנים, אין וועלכן עס האָבן זיך כסדר געביטן כלערליי ליידנשאַפטן; איך האָב נישט אָפּגעלאָזט פון אויג די דאָזיקע מאַגישע הענט, וואָס האָבן מיט יעדן מוסקול פלאַסטיש אָפּגעשפּיגלט די גאַנצע פאַנטאַנמעסיק שטייגנדיקע און פאַלנדיקע סקאַלע פון געפילן. איך האָב קיינמאָל נישט געקוקט אין טעאַטער מיט אזא געשפּאַנטקייט אויף א שוישפּילערס פּנים, ווי אויף דער דאָזיקער איינער צורה, איבער וועלכער עס האָט זיך פאַר־בייגעטראָגן, ווי ליכט און שאָטן איבער אַ לאַנדשאַפט, אַן אומאויפהערלע־כער וועקסל פון אַלערליי פאַרבן און געפילן. איך בין נאָך קיינמאָל נישט אַזוי געווען מיט אַלע חושים פארטיפט אין אַ שפּיל, ווי אין דער דאָזיקער אָפּשפּיגלונג פון פרעמדע עמאָציעס. אויב עס וואָלט מיך עמעצער געווען אָבסערווירט אין יענעם מאָמענט, וואָלט ער מיין פאַרגליווערטן בליק גע־מוזט אָננעמען פאַר א היפּנאָז, און אינדעראמתן האָט עפּעס ענלעכס טאַקע געשטעקט אין מיין צושטאַנד פון פולשטענדיקער צעחושטקייט — איך האָב פשוט נישט געקאָנט אָפּרייסן דעם בליק פון דער דאָזיקער מימיק־שפּיל, און אַלדאָס איבעריקע, וואָס האָט זיך געפונען אין זאַל אַרום מיר, ליכט, געלעכטער, מענטשן און בליקן, האָט בלויז מטושטש גע־שוועבט פאַר מיינע אויגן, ווי אַ געלער נעפּל, פון וועלכן עס האָט זיך אַרויסגעשיילט דאָס דאָזיקע איינע פּנים, אַ פלאַם צווישן פלאַמען. איך האָב נישט געהערט קיין זאַך, נישט געפילט קיין זאַך, נישט באַמערקט דאָס געדרענג פון די מענטשן אַרום מיר און ווי אַנדערע הענט האָבן זיך פּלוצלינג אויסגעשטרעקט, צוגעוואָרפן געלט אָדער עס צוגעשאַרט צו זיך; איך האָב שוין אויך דאָס רולעטע־קיילעכל נישט געזען און נישט געהערט דעם קרופּיעס שטים, און דאָך האָב איך אַלץ געזען ווי אין חלום, אָפּגעשפּיגלט אין די דאָזיקע אויפגערעגטע הענט. כדי צו וויסן, אויב דאָס קיילעכל איז געפאַלן אויף רויט אָדער אויף שוואַרץ, צי עס

קאַלערט זיך אָדער עס איז געבליבן שטיין — האָב איך שוין נישט באַדאַרפט קוקן אויף דער רולעטע: יעדע פאַזע פון שפּיל, פאַרלוסט אָדער געווינס, דערוואַרטונג און אנטטוישונג האָט זיך שאַרף אָפּגעשפּיגלט דורך נערוו און מינע אויפן דאַזיקן מיט לײַדנשאַפטן פאַרגאַסענעם פּנים.

אָבער אָט איז אָנגעקומען אַ שרעקלעכע רגע — אַ רגע, פאַר וועלכער איך האָב מיך די גאַנצע צײַט געשראָקן, וועלכע איז ווי אַ שטורעם געהאַנגען איבער מײַנע אָנגעצויגענע נערוון און זײַ פּלוצלינג דורכגעריסן. ווידער האָט זיך דאָס קײַלעכל אָנגעהויבן צו קאָלערן מיט דעם פּאַמעלעך קלאַפּנדיקן גערויש, ווידער איז אָנגעקומען די רגע, ווען צוויי הונדערט ליפּן האָבן פאַרהאַלטן דעם אָטעם, ביז דעם קרופּיעס שטים האָט געלאָזט וויסן — דאָס מאָל „זעראָ“, אָנהויבנדיק באַלד צוזאַמענשאַרן מיט דער שויפל פון אַלע זײַטן די קלינגענדיקע מטבעות און דאָס קנאַקנדיקע פּאַפּירגעלט. אין דער דאָזיקער רגע אַלזאָ האָבן די צוויי קראַמפּהאַפּטיק זיך קורטשענדיקע הענט געמאַכט אַ באַזונדערס שוידערלעכע באַוועגונג; זיי זענען ווי אויפגעשפּרונגען, כּדי אָנצוכאַפּן עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז דאָ נישט געווען, און דערנאָך לײדיק און שווער צוריקגעפאַלן ווי טויט מידע אויפן טיש. באַלד אָבער זענען זיי פּלוצלינג נאָכאַמאָל לעבעדיק געוואָרן און אָנגעהויבן פיבערדיק צו לויפן פון טיש צום אייגענעם לייב צו; ווי ווילדע קעץ האָבן זיי זיך אַ לאָז געטון קלעטערן איבערן גאַנצן קערפּער, אויבן, אונטן, רעכטס און לינקס, נערוועז נישטערנדיק אין אַלע טאַשן, צי עס האָט זיך נישט דאָרט אַמאָל פאַרוואַלגערט עפּעס אַ מטבע. נאָר פון אומעטום זענען זיי צוריק אַרויס לײדיק און באַלד אויפסניי זיך ווידער אַ נעם געטון צום דאָזיקן אומזיניקן, צוועקלאָזן זוכן, בעת די רולעטע איז דערווײַל שוין ווידער געווען אין גאַנג, אַנדערע האָבן ווײַטער געשפּילט, מען האָט געקלונגען מיט מטבעות, גערוקט מיט שטולן און די פאַרשידענע הונדערטערלײַ קלאַנגען האָבן אָנגעפולט דעם זאַל מיט גערויש. איך האָב אויפגעציטערט, געטרייסלט פון שוידער: איך האָב דאָס אַלדינג געמוזט אַזוי דײַטלעך איבערלעבן, גלײַך ווי איך אַליין וואָלט מיט מײַנע אייגענע פינגער פאַרצווייפלט געזוכט עפּעס אַ מטבע אין אַלע טאַשן פונם צעקנייטשטן קלייד. און פּלוצלינג, מיט אַ האַסטיקער באַוועגונג, איז דער מענטש קייגנאיבער מיר אויפגעשטאַנען — פּונקט אַזוי ווי איינער, וואָס דערפילט זיך פּלוצלינג נישט גוט און ער שפּרינגט אויף,

כדי נישט דערשטיקט צו ווערן; די שטול הינטער אים האָט זיך מיט אַ טראַסק איבערגעקערט און געפאַלן צו דער ערד. אָבער נישט אומקוקנדיק זיך אַפילו דערויף, נישט באַמערקנדיק די שכנים, וואָס האָבן דערשראָקן און פאַרוואונדערט אים אָפּגעטרעטן דעם וועג, איז ער מיט וואַקלענדיקע טריט אַוועק פון טיש.

איך בין געבליבן ווי פאַרשטיינערט. ווארום איך האָב באַלד פאַרשטאַנען, וווהין דער דאָזיקער מענטש גייט: צום טויט. ווער עס שטייט אַזוי אויף, גייט נישט צוריק אין האָטעל אריין, נישט אין קיין באַר, נישט צו קיין פרוי, נישט צו דער באַן, ער גייט שוין נישט צו קיין שום אָרט, ווו עס הערשט לעבן, נאָר ער וואַרפט זיך גלייך אין תהום אריין. אַפילו דער אומעמפינדלעכסטער אין דאָזיקן גיהנום־זאַל וואָלט אויך געקאָנט דערקענען, אַז דער דאָזיקער מענטש האָט נישט אין ערגעץ קיין שום אָנלען, נישט אינדערהיים, נישט אין באַנק און נישט ביי קרובים, נאָר ער איז דאָ געזעסן און איינגעשטעלט אין קאָן דאָס לעצטע געלט זיינס צוזאַמען מיטן לעבן און אצינד שלייכט ער זיך ערגעץ אַוועק פונדאַנען, גאַנץ באַשטימט זיך דאָס לעבן צו נעמען. איך האָב מיך די גאַנצע צייט געשראָקן, פון דער ערשטער רגע אָן האָב איך געפילט, אַז דאָ שטייט אין קאָן עפּעס מער ווי געווינס און פאַרלוסט, און דאָך איז עס אין מיר דורכגעלאָפן ווי אַ שוואַרצער בליץ, בעת איך האָב דערזעען ווי זיינע אויגן לעשן זיך פּלוצלינג אויס און דער טויט באַדעקט מיט בלייכקייט דאָס נאָר וואָס באַלעבטע פּנים. נישט ווילנדיק — אַזוי אינגאַנצן דורכגעדרונגען בין איך געווען פון זיינע פלאַסטישע באַוועגונגען — האָב איך מיך געמוזט אָנכאַפּן ביים טיש, בעת דער דאָזיקער מענטש האָט זיך אַ הויב געטון פון אָרט און מיט וואַקלענדיקע טריט זיך אַוועקגעשלייכט, ווארום דאָס דאָזיקע וואַקלען זיך האָט אצינד זיך אריבערגעטראָגן אויף מיין קערפּער, פּונקט ווי זיין שפּאַנונג פריער אויף מיינע אָדערן און נערוון. אָבער ענדלעך האָט עס מיך אַ ריס געטון, איך האָב געמוזט אים נאָכגיין. ווי אָן מיין ווילן האָב איך אַ שטעל געטון דעם פוס. דאָס איז געשעען אינגאַנצן אומבאַוווסטזיניק, איך אַליין האָב עס גאָרנישט געטון, נאָר עס איז געשעען מיט מיר. נישט קוקנדיק אויף קיינעם, נישט פילנדיק וואָס איך טו, האָב איך מיך אַ לאָז געטון לויפן אין קאָרידאָר אריין צום ארויסגאַנג.

ער איז געשטאַנען ביי דער גאַרדעראָבע, דער דינער האָט אים גע־

בראַכט דעם מאַנטל. אָבער ער האָט שוין נישט קיין כוח געהאַט אויפצוהייבן די אָרעמס: האָט אים דער דינער געמוזט צוהעלפן ווי א געליימטן אַרויפציען די אַרבל. איך האָב געזען ווי ער שטעקט מעכאַניש אַריין די האַנט אין וועסט־טאַש, כדי דעם דינער צו געבן טרינקגעלט, נאָר די פינגער זענען צוריק אַרויסגעקומען מיט גאָרנישט. דאַן האָט ער משמעות זיך פּלוצלינג ווידער דערמאָנט אין אַלדינג, ער האָט אַרויסגעשטאַמלט אין פאַרלעגנהייט עפּעס אַ וואָרט צום דינער און פּונקט אַזוי ווי פריער האַסטיק זיך אַ ריס געטון פאַראויס. וואַקלענדיק זיך ווי אַ שכור, איז ער אַראָפּ פון די קאַזינאָ־שטיגן, באַגלייט פון דעם דינערס תחילת פאַראַכטלעכן, באַלד דערנאָך אָבער באַגרייפנדיקן שמייכל.

דער דאָזיקער זשעסט איז געווען אַזוי דערשיטערנדיק, אַז איך האָב דערפילט א חרפּה, וואָס איך קוק מיך צו. אומבאַוווסטערהייט האָב איך מיך אָפּגעקערט אין אַ זייט, פאַרשעמט, וואָס איך קוק מיך צו צו פרעמדער פאַרצווייפלונג, ווי ערגעץ אין אַ טעאַטער — באַלד אָבער האָט מיך פּלוצלינג ווידער אַרומגענומען יענער אומפאַרשטענדלעכער פּחד. איך האָב געהייסן מיר שנעל דערלאַנגען מיין גאַרדעראָבע און אָן א וועלכן ס'איז באַשטימטן געדאַנק, גאַנץ מעכאַניש, גאַנץ אינסטינקטיוו, האָב איך מיך א לאָז געטון נאָכן דאָזיקן פרעמדן מענטש אין דער פינסטערניש אַריין".

*

מרס. צ. האָט איבערגעריסן אויף אַ רגע איר דערציילונג. זי איז געזעסן אומבאַוועגלעך קעגנאיבער מיר און גערעדט מיט איר אייגנאַרטיקער רואיקייט און זאַכלעכקייט כמעט אָן פּויזעס, ווי עס קאָן נאָר רעדן איינער, וואָס האָט זיך אינערלעך צוגעגרייט און זאָרגפעלטיק אויסגעסדרט אין זכרון די געשעענישן. איצט איז זי צום ערשטן מאָל שטיל געבליבן, געקווענקלט זיך אַ ווײַלע און לאָזנדיק דערוויל אין אַ זייט דאָס דערציילן, האָט זי זיך פּלוצלינג געווענדט דירעקט צו מיר:

„איך האָב אייך און אויך מיר אַליין צוגעזאָגט", האָט זי אָנגעהויבן אַביסל אומרואיק, „צו דערציילן אַלדינג מיט דער גרעסטער אויפריכטיקייט, אָבער איך מוז ווידער פאַרלאַנגען פון אייך, אַז איר זאָלט זיך באַציען מיט פולן גלויבן צו דער דאָזיקער אויפריכטיקייט מיינער און נישט

חושד זיין אין מיין האנדלונג קיין פארשוויגענע כוונות, מיט וועלכע איך וואלט מיך שוין היינט אפשר נישט געשעמט, אויב זיי וואלטן געווען זיין. עס וואלט אבער געווען א פולשטענדיק פאלשער חשד, ווען איר זאלט אזוי מיינען. איך מוז אלזא באטאנען, אז דאס, וואס איך האב דעם דאזיקן אומגליקלעכן שפילער נאכגעאיילט אויף דער גאס ארויס, איז בשום אופן נישט געווען דערפאר, ווייל איך בין געווען פארליבט אינם דאזיקן יונגן מענטש — איך האב כלל נישט געטראכט וועגן אים ווי וועגן א מאן, און פאקטיש האט שוין פאר מיר, פאר דער דעמאלט העכער פערציק יעריקער פרוי, נאך מיין מאנס טויט נישט עקזיסטירט קיין שום בליק פון א מאן. דאס איז פאר מיר געווען אינגאנצן געענדיקט: איך זאג דאס אייך אפן און איך מוז עס אייך זאגן, ווייל אנדערש וואלטן פאר אייך נישט געווען פארשטענדלעך אלע שפעטערדיקע פאסירונגען אין זייער גאנצער שרעקלעכקייט. און באמת, עס וואלט מיר שווער געווען דייטלעך אנצורופן דאס געפיל, וואס האט מיך דעמאלט אזוי געצווונגען נאכצוגיין יענעם אומגליקלעכן: עס האט געשטעקט דערין נייגיריקייט, אבער פריער פאר אלץ א שרעקלעכע מורא, אדער בעסער געזאגט — א מורא פאר עפעס שרעקלעכס, וואס איך האב פון דער ערשטער רגע אן געפילט ארום דעם דאזיקן יונגן מענטש. אבער אזעלכע עמפינדונגען קאן מען נישט צעגלידערן און צעליידערן, קודם כל שוין צוליב דעם אליין, ווייל זיי אנטשטייען צו צוואנגמעסיק, צו שנעל, צו ספאנטאן — ווארשיינלעך איז דאס, וואס איך האב געטון, נישט געווען עפעס אנדערש ווי דער אינסטינקטיווער זשעסט פון הילפגרייטקייט, מיט וועלכן מען רייסט צוריק א קינד, וואס לויפט אויף דער גאס ארונטער אונטער אן אויטאמאביל. אדער צי קאן מען דערקלערן, פארוואס מענטשן, וועלכע קענען אליין נישט שווימען, שפרינגען פון א בריק, כדי צו ראטעווען א זיך טרינקענדיקן? עס ציט זיי פשוט מאגיש, עפעס א ווילן שטופט זיי אראפ, איידער זיי האבן צייט איינצוזעען די זינלאזע דרייסטקייט פון זייער טאט; און פונקט אזוי נישט טראכטנדיק, אן א קלארע איבערלייגונג, בין איך דעמאלט נאכגעגאנגען יענעם אומגליקלעכן פון שפיל־זאל צום ארויסגאנג און פון ארויסגאנג צו דער טעראסע.

איך בין זיכער, אז נישט איר, נישט קיין שום מענטש מיט געפיל און אפענע אויגן, וואלט נישט אימשטאנד געווען זיך איינצוהאלטן פון

דער דאָזיקער מוראַדיקער נייגיריקייט, ווארום מען קאָן זיך גאָרנישט פאָרשטעלן קיין שרעקלעכער בילד, ווי דאָס נידערשלאָגענע אוועקוואַקלען זיך פון יענעם העכסטנס פיר און צוואַנציק יעריקן יונגנמאַן, וואָס האָט ווי אַ מידער זקן זיך אַראָפּגעשלייכט פון די טרעפּ צו דער טעראַסע. דאָרט איז ער אומגעלומפּערט אַנידערגעפאַלן אויף אַ באַנק מיטן גאַנצן קערפּער ווי אַ שווערער זאַק. ווידער האָב איך מיט גרויל דערשפּירט פון דער דאָ־זיקער באַוועגונג: צום דאָזיקן מענטש נעמט אַ סוף. אַזוי פאַלט אַנידער נאָר אַ טויטער אָדער אַזעלכער, וואָס פילט שוין נישט אין זיך קיין לעבעדיקן אבר. דער קאָפּ, משופּע אַנגעבויגן, איז אים אריבערגעפאַלן איבערן אָנלען, די הענט זענען שוואַך און פאָרעמלאָז אַראָפּגעהאַנגען צו דער ערד; אין דער האַלבפינסטערניש פון די מאַט־ברענענדיקע לאָמטערנעס וואָלט אים יעדער פאַרבייגייער געמוזט אָננעמען פאַר אַ דערשאָסענעם. און אַזוי —איך ווייס נישט פונוואַנען איז צו מיר פּלוצלינג געקומען אַזאַ וויזיע, אָבער זי איז פּלוצלינג אויסגעוואַקסן, שאַרף פּלאַסטיש, שוידערלעך און מוראַדיק אמתדיק — אַזוי, אַלס דערשאָסענעם, האָב איך אים דערזען פאַר מיר אין יענער רגע, און גלייך איז אַנטשטאַנען אין מיר אַ זיכערקייט, אַז ער האָט ביי זיך אין טאַש אַ רעוואָלווער און מאָרגן וועט מען אים געפינען דאָ אויסגעצויגן אויף דער באַנק, אָדער ערגעץ אַנדערש, אָן סימנים פון לעבן און באַגאָסן מיט בלוט. ווארום זיין אַנידערפאַלן איז געווען פונקט ווי פון אַ שטיין, וואָס פאַלט אַראָפּ אין אַ תהום און פאַר־האַלט זיך נישט פריער, איידער ער דערגרייכט דעם סאַמע אָפּגרונט; איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ אויסדרוק פון מידקייט און פאַר־צווייפלונג אַרויסגעבראַכט דורך אַ קערפּערלעכער באַוועגונג.

און אַצינד שטעלט אייך פאָר מיין סיטואַציע. איך בין געשטאַנען צוואַנציק אָדער דרייסיק טריט הינטער יענער באַנק, אויף וועלכער עס איז געלעגן אַן אומבאַוועגלעכער נידערשלאָגענער מענטש און איך האָב נישט אָנגעהויבן צו וויסן, וואָס צו טון, פון איין זייט געטריבן דורכן ווילן צו העלפן, פון דער אַנדערער ווידער צוריקגעהאַלטן דורך דער איינגעוואָרצלטער אומדרייסטקייט זיך צו ווענדן אויף דער גאַס צו אַ פרעמדן מאַן. די גאַז־לאָמטערנעס האָבן טונקל געפינקלט אונטער אַ פאַרוואָלקנטן הימל, גאַנץ זעלטן בלויז האָט מען געזען פאַרביי־איילן אַ געשטאַלט, ווארום עס איז שוין געווען נאָענט צו האַלבער נאַכט און איך האָב מיך געפונען כמעט

איינע אַליין אין פּאַרק מיט דער דאָזיקער זעלבסטמערדערישער געשטאַלט. פינף מאָל, צען מאָל האָב איך מיך שוין געהאַט אָנגענומען מיט מוט און זיך געלאָזט גיין צו אים, אָבער תּמיד האָט מיך די בושה צוריקגעריסן אָדער אפשר גאָר יענער אינסטינקט פון טיפער אַנונג, אַז פאַלנדיקע שלעפּן גערן מיט מיט זיך יענע, וואָס קומען זיי צו הילף — און אינמיטן דער דאָזיקער אומאַנטשלאָסנקייט האָב איך אַליין דייטלעך געפילט די זינלאָזיקייט, די לעכערלעכקייט פון דער סיטואַציע. און דאָך האָב איך מיר נישט געקאָנט קיין עצה געבן: נישט איך האָב געקאָנט צו אים רעדן, און נישט איך האָב געקאָנט אַוועקגיין, נישט עפּעס טון, און נישט אים איבערלאָזן. און איך האָף, איר וועט מיר גלויבן, אַז איך האָב אפשר א שעה לאַנג, אַן אומענדלעכע שעה, אומאַנטשלאָסן אַרומגעוואַנדערט אויף דער טעראַסע; אַזוי שטאַרק האָט מיך דערשיטערט און צוגעשמידט צו זיך דאָס דאָזיקע בילד פון א מענטשנס פולשטענדיקער חורבן.

און דאָך, איך האב נישט געהאַט קיין מוט אַרויסצורעדן א וואָרט אָדער עפּעס צו טון, און איך וואָלט מסתמא אַזוי געווען אָפּגעשטאַנען די האַלבע נאַכט, אָדער אפשר גאָר וואָלט א קליגערער עגאָאיזם מיך געווען באַוויגן אַהיימצוגיין; מיר דאַכט זיך אַפילו, אַז איך האָב שוין געהאַט באַשלאָסן איבערצולאָזן דאָ דאָס דאָזיקע אומגליקלעכע שטיק מענטש אין זיין אָנמאַכט — אָבער מיטאַמאָל איז א העכערער כּוח אַנטקייגנגעקומען מיין אומאַנטשלאָסנקייט. עס האָט אָנגעהויבן צו רעגנען. דעם גאַנצן אָוונט שוין האָט דער ווינט צונויפגעטריבן איבערן ים שווערע פרילינג־וואָלקנס, מען האָט געשפּירט מיט די לונגען, מיטן האַרץ, די אָנגעלאָדנקייט פון דער לופט — פּלוצלינג האָבן אָנגעהויבן צו פאַלן דיקע טראָפּנס, און באַלד האָט זיך אַראָפּגעלאָזט א געדיכטער רעגן אין שווערע, נאַסע, פון ווינט געטריבענע שטריימען. נישט ווילנדיק בין איך אַרונטערגעלאָפן אונטער א קיאָסק־דאַך, און הגם איך האָב פונאַנדערגעעפנט דעם שירעם, האָט דער טאַנצנדיקער ווינט דאָך געשליידערט נאַסע בינטלעך וואַסער אויף מיין קלייד. א קאַלטער וואַסער־שטויב פון די אויף דער ערד צעשפּרונגענע טראָפּנס האָט מיר באַשפּריצט דאָס פּנים און די הענט.

אָבער — דאָס איז געווען אַזאַ מוראדיק בילד, אַז היינט נאָך, אין צוויי צענדליק יאָר אַרום, ווערט מיר ענג אין האַלז ביי דער דאָזיקער דעראינערונג — אין דאָזיקן שלאַקס־רעגן איז דער אומגליקלעכער געבליבן

זיצן אומבאַוועגלעך אויף דער באַנק און זיך נישט גערירט פון אָרט. פון אַלע רינעס האָט געטריפט און געפּליעסקעט דאָס וואַסער, פון דער שטאָט האָט זיך געהערט דאָס דונערנדיקע גערויש פון שנעל פאָרנדיקע וועגענער, רעכטס און לינקס זענען אין איילעניש פאַרבייגעלאָפן געשטאַלטן מיט אויפגעשטעלטע קעלנער פון די מאַנטלען; אַלץ, וואָס האָט נאָר געהאַט אין זיך אַ לעבעדיקן אָטעם, איז צוזאַמענגעקורטשעטערהייט געלאָפן, געפלויגן, געזוכט אַ באַהעלטעניש; סיי ביי מענטש, סיי ביי חיה האָט זיך געפילט דער פּחד פאַר דעם צעשטורעמטן עלעמענט — בלויז דער דאָזיקער שוואַרצער מענטשן־קנויל דאָרט אויף דער באַנק האָט זיך קיין ריר נישט געטון. איך האָב אייך שוין פריער געזאָגט, אַז דער דאָזיקער מענטש האָט געהאַט עפּעס אַ מאַגישע אייגנשאַפט צו קענען פּלאַסטיש אויסדריקן יעדעס פון זיינע געפילן דורך באַוועגונג און זשעסט; אָבער קיין זאַך, קיין שום זאַך אויף דער וועלט איז נישט בכוח געווען אַזוי דערשיטערנדיק אויסצודריקן פאַרצווייפלונג, פולשטענדיקן יאוש און אַ געשטאָרבן־זיין ביים לעבן, ווי אָט דאָס אומבאַוועגלעכע, גלייכגילטיקע זיצן אונטער אַ גוס־רעגן, דאָס דאָזיקע צופיל מיד זיין אויף אויפצוהויבן זיך און צו גיין די עטלעכע טריט, כדי זיך צו באַהאַלטן אונטער אַ דאַך, די דאָזיקע אומענדלעכע גלייכגילטיקייט צו דער אייגענער עקזיסטענץ. קיין שום סקולפּטאָר, קיין שום דיכטער, נישט מיכעלאַנזשעלאָ און נישט דאַנטע האָט מיר קיינמאָל נישט אַזוי בולט געמאַכט דאָס געפיל פון העכסטער פאַרצווייפלונג, פון העכסטער נידערשלאַגנקייט, ווי דער דאָזיקער לעבעדיקער מענטש, וואָס איז געזעסן אונטערן גוס־רעגן און איז שוין געווען אַזוי אָפּגעלאָזן, אַזוי מיד, אַז ער האָט אפילו קיין איין באַוועגונג נישט געמאַכט, כדי זיך צו שיצן.

דאָס האָט מיך אַ הויב געטון פון אָרט, איך האָב מיך נישט געקאָנט מער איינהאַלטן. איך בין אונטער דעם שמייסנדיקן רעגן האַסטיק צוגעלאָפן און גענומען טרייסלען דאָס דורכגעווייקטע שטיק מענטש אויף דער באַנק. „קומט!" איך האָב אים אָנגעכאַפּט ביים אָרעם. עפּעס אַ פאַרגלייווערט־גלאָצנדיקער בליק האָט זיך מיט מי אויפגעהויבן. עפּעס אַ באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן פּאַמעלעך אויסצושיילן, אָבער ער האָט גאָר נישט פאַרשטאַנען. „קומט!" האָב איך נאָכאַמאָל אַ שלעפּ געטון דעם נאַסן אַרבל, אַצינד שוין כמעט מיט כעס. ער איז אויפגעשטאַנען פּאַמעלעך,

אַז ווילן און וואַקלענדיק זיך. „וואָס ווילט איר?“ האָט ער אַ פרעג געטון, און איך האָב דערויף נישט געהאַט קיין ענטפער, ווארום איך האָב אַליין נישט געוווּסט, ווּהין אים צו נעמען: נאָר אַוועק פון אונטער דעם קאַלטן גוס־רעגן, פון דעם אומזיניקן, זעלבסטמערדערישן זיצן אין העכסטער פאַר־צווייפלונג. איך האָב נישט אָפּגעלאָזט זיין האַנט און אים אַוועקגעצויגן מיט זיך צום קיאָסק, ווו דאָס שמאָלע דעכל האָט אים כאָטש געקאָנט אַ ביסל שיצן פון דעם שטורמישן, דורכן ווינט געטריבענעם גוס רעגן. ווייטער האָב איך גאָרנישט געוווּסט, גאָרנישט מער געוואָלט. בלויז אויף אַ טרוקן אָרט, בלויז אונטער אַ דאַך ברענגען דעם דאָזיקן מענטש: מער האָב איך אין דער מינוט נישט געטראַכט.

און אַזוי זענען מיר ביידע געשטאַנען איינער נעבן אַנדערן אויף דעם שמאָלן שטרייף טרוקעניש, הינטער אונז האָט זיך געפונען די פאַרשלאָסענע טיר פון דעם קיאָסק, איבער אונז בלויז דאָס קליינע דעכל, אונטער וועלכן דער אומאויפהערלעכער רעגן האָט מיט יעדן פּלוצלינגן ווינטשטויס צו להכעיסדיק אַ שמיץ געטון נאַסע שטיקער קעלט אויף אונזערע קליידער און פּנים. די סיטואַציע איז געוואָרן אומדערטרעגלעך. איך האָב דאָך נישט געקאָנט כסדר אַזוי שטיין נעבן דעם דאָזיקן פרעמדן דורכגעווייקטן מענטש. פון דער אַנדערער זייט ווידער האָב איך אויך נישט געקאָנט, נאָכדעם ווי איך האָב אים דאָ אַהערגעשלעפּט, פּשוט לאָזן אים שטיין און אַוועקגיין. עפּעס־וואָס האָט דאָ געמוזט געשעען; איך האָב מיך באַמיט קלאָר און רואיק צו באַטראַכטן די לאַגע. דאָס בעסטע, האָב איך מיר געטראַכט, וועט זיין אַריינזעצן אים אין אַ וואָגן און אַהיימפירן און דערנאָך אַליין אויך אַהיימגיין: מאָרגן וועט ער זיך שוין אַליין אַן עצה געבן. איך האָב אים דעריבער אַ פרעג געטון: „ווו וווינט איר?“

ער איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך און פאַרגליווערט געגלאָצט אין דער נאַכט אַריין:

„איך האָב נישט קיין וווינונג... איך בין ערשט אין אָוונט געקומען פון ניצא... צו מיר קאָן מען נישט גיין...

דעם לעצטן זאַץ האָב איך נישט באַלד פאַרשטאַנען. ערשט אין אַ ווײַלע אַרום האָב איך מיך משער געווען, אַז דער דאָזיקער מענטש האָט מיך אָנגענומען פאַר... פאַר אַ קאָקאָטע, פאַר איינער פון יענע פרויען, וואָס שלייכן אַרום ביינאַכט מחנותווייז אַרום קאַזינאָ, אין דער האָפע־

נונג אָנצוטרעפן אויף א גליקלעכן שפילער אָדער אויף א שכורן און ארויס־ציען ביי אים אַביסל געלט. איבריקנס, וואָס דען האָט ער געזאָלט פון מיר טראַכטן? בעת איך דערצייל אייך איצט דאָס דאָזיקע געשעעניש, שפיר איך ערשט די גאַנצע משונהדיקייט, שעור נישט פאַנטאַסטישקייט פון מיין סיטואַציע — ווי אַזוי האָט ער געקאָנט וועגן מיר אַנדערש טראַכטן, אַז דער אופן, מיט וועלכן איך האָב אים אַוועקגעצויגן פון דער באַנק און אָן צערעמאָניעס מיטגעשלעפט מיט זיך, האָט זיך כלל נישט געפאַסט פאַר קיין דאַמע. אָבער דער דאָזיקער געדאַנק איז מיר איינגעפאַלן נישט גלייך אויפן אָרט. ערשט שפעטער, צו שפעט שוין האָט מיר אָנגעהויבן קלאָר ווערן דער שוידערלעכער טעות, אין וועלכן ער האָט זיך געפונען בנוגע מיין פערזאָן. ווארום אַזיסט וואָלט איך אים בשום אופן נישט געזאָגט באַלד דערנאָך די ווערטער, וואָס זענען בלויז מסוגל געווען צו באַשטע־טיקן זיין השערה. איך האָב אים נעמלעך געזאָגט: „טאָ וועט מען דינגען אַ צימער אין אַ האָטעל. דאָ טאָרט איר נישט בלייבן. איר מוזט אַצינד ער־געץ־ווו געפינען אַן אָרט".

אָבער דאָ האָב איך גלייך באַמערקט זיין פיינלעכן טעות, ווארום נישט אויסדרייענדיק זיך אפילו צו מיר, האָט ער בלויז מיט אַ געוויסן חוזק־אויסדרוק אָפגעוואָרפן מיין פאָרשלאַג: „ניין, איך באַדאַרף נישט קיין צימער, איך באַדאַרף שוין גאָרנישט. זיי דיך נישט מטריח, וועסט פון מיר גאָרנישט אַרויסבאַקומען. דו האָסט נישט געטראָפן אויפן ריכטיקן אָרט, איך האָב נישט קיין געלט".

דאָס איז ארויסגערעדט געוואָרן אין אַזאַ שרעקלעכן טאָן, מיט אַזאַ דערשיטערנדיקער גלייכגילטיקייט; און דאָס שטיין זיינס, דאָס שלאַ־בעריקע אָנלענען זיך ביי דער וואַנט, אַ נאַסער, אַ דורכגעווייקטער און אינערלעך דערשעפטער האָט מיך אַזוי דערשיטערט, אַז איך האָב גאָר קיין צייט נישט געהאַט אויף אַ קליינלעך, נאַריש באַליידיקן זיך. איך האָב בלויז געפילט — דאָס דאָזיקע געפיל האָב איך געהאַט כסדר פון דער ער־שטער רגע אָן, זינט איך האָב אים געזען זיך אַרויסוואַקלען פון זאַל: אַז דאָ שטייט אַ מענטש, אַ יונגער, לעבעדיקער, אָטעמענדיקער מענטש, נאָ־ענט צום טויט און אַז איך מוז אים ראַטעווען. איך בין צוגעגאַנגען צו אים נענטער.

„זאָרגט זיך נישט וועגן געלט און קומט! דאָ טאָרט איר נישט בלייבן,

איך וועל אייך שוין איינאָרדענען. זאָרגט זיך נישט וועגן קיין זאַך, נאָר קומט מיט מיר!“

ער האָט אַ קער געטון צו מיר דעם קאָפּ, איך האָב געשפּירט, ווי ער האָט, בשעת דער רעגן האָט טויב געפּויקט אַרום אונז און דאָס וואַסער פון דער רינע איז פּליעסקענדיק אַראָפּגעפאַלן צו אונזערע פיס, ווי ער האָט אין דער פינסטער צום ערשטן מאָל זיך באַמיט מיר אַריינצוקוקן אין פּנים. אויך דער קערפּער האָט אויסגעזעען פאַמעלעך צו דערוואַכן פון זיין לעטאַרגיע.

„נאַ, ווי דו ווילסט“, האָט ער אַ זאָג געטון נאָכגיביק. „מיר איז אַלצאיינס... איינגנטלעך פאַרוואָס טאַקע נישט? לאָמיר גיין“. איך האָב געעפנט דעם שירעם, ער איז צוגעגאַנגען צו מיר און האָט מיך אָנגענומען ביים אָרעם. די דאָזיקע פּלוצלינגע אינטימקייט איז מיר געווען אומאַנגענעם, בעסער געזאָגט, זי האָט מיך פאַרבליפט, איך בין דערשראָקן געוואָרן ביז אין דער טיפעניש פון מיין האַרץ. אָבער איך האָב נישט געהאַט קיין מוט אים צו פאַרווערן; ווארום ווען איך זאָל אים געווען אַצינד אָפּשטויסן, וואָלט ער אַריינגעפאַלן אין אַ תהום, און אַלע מיינע ביז איצטיקע באַמיאונגען וואָלטן געווען אַרויסגעוואָרפן. מיר האָבן זיך געלאָזט גיין צוריק צום קאַזינאָ; באַלד אָבער איז מיר איינגעפאַלן, אַז איך ווייס נישט, וואָס מיט אים צו טון. דאָס בעסטע וועט זיין, איז מיר שנעל געקומען אַ געדאַנק, אים צופירן צו אַ האָטעל, אַריינשטופּן געלט אין האַנט, אַז ער זאָל קענען איבערנעכטיקן און מאָרגן אַהיימפאָרן: ווייטער בין איך גאָרנישט אויסן געווען. און אַזוי ווי עס זענען איצט שנעל אָנגעפאָרן וועגענער פאַרן קאַזינאָ, האָב איך צוגערופן איינעם און מיר האָבן זיך אַריינגעזעצט. ווען דער קוטשער האָט אַ פרעג געטון, וווהין צו פאָרן, האָב איך תחילת נישט געוווסט, וואָס צו ענטפערן. באַלד אָבער באַטראַכטנדיק זיך, אַז עס איז מעגלעך, מען זאָל אַזאַ איינגאַנצן דורכגענעצטן מענטש נישט וועלן אַריינלאָזן אין אַ בעסערן האָטעל, האָב איך ווי אַן אמת אומדערפאַרענע פרוי, נישט טראַכטנדיק גאָר, ווי צווייַדייטיק דאָס קאָן פאַרשטאַנען ווערן, אַ זאָג געטון צום קוטשער: „צו אַ וועלכן ס'איז איינפאַכן האָטעל!“

דער דורכגענעצטער קוטשער האָט גלייכגילטיק אַ טרייב געטון די פערד. דער פרעמדער מענטש נעבן מיר האָט נישט גערעדט קיין וואָרט, די רעדער האָבן גערוישט און דער רעגן האָט האַסטיק געקנאַקט אין די

שויבן: זיצנדיק אינם דאָזיקן פינסטערן, קבר־ענגן חלל, האָב איך געהאַט דאָס געפיל, ווי איך וואָלט געפירט א מת. איך האָב מיך באַמיט צו טראַכטן, עפּעס א וואָרט צו געפינען, כדי דאָס דאָזיקע משונהדיקע און אומהיימלעכע שטילשווייגן אָפּצושוואַכן, אָבער עס איז מיר קיין שום זאַך נישט איינגעפאַלן. אין עטלעכע מינוט ארום האָט זיך דער וואָגן אָפּגעשטעלט, איך בין אַרויס די ערשטע און באַצאָלט דעם קוטשער, בעת מיין באַגלייטער האָט ווי שלעפעריק צונעקלאַפּט דאָס טירל פון וואָגן. מיר זענען געבליבן שטיין ביים טויער פון א קליינעם, אומבאַקאַנטן האָטעל. איבער אונז האָט א גלעזערנער פאָדער־דאַך באַשיצט א קליין שטיקל פלאַץ פאַרן רעגן, וואָס האָט מיט א מוראדיקער איינטאָניקייט צעלעכערט די אַרומיקע נישט דורכדרינגלעכע נאַכט.

דער פרעמדער האָט, פאַלנדיק פון די פיס, נישט ווילנדיק זיך אָנגעלענט אין דער וואַנט. עס האָט גערונען און געטריפט פון זיין נאַסן הוט און צעקנאָדערטע מלבושים. ווי א דערטרונקענער, וועלכן מען האָט ערשט פון וואַסער אַרויסגעצויגן מיט נאָך צעטומלטע חושים, אַזוי איז ער דאָ געשטאַנען, און אויף דעם קליינעם שטיקל פּלאַץ, וווּ ער איז געווען אָנגעשפּאַרט, איז געוואָרן א קאַלוזשע פון דעם אַראָפּטריפנדיקן וואַסער. אָבער ער האָט זיך אפילו נישט געגעבן די קלענסטע מי אָפּצוטרייסלען פון זיך דאָס וואַסער, אָפּצושאָקלען דעם הוט, פון וועלכן עס האָבן כסדר אַראָפּגעטריפט טראָפּנס איבערן שטערן און פּנים. ער איז געשטאַנען אינגאַנצן גלייכגילטיק, און איך קאָן אייך גאָרנישט איבערגעבן, ווי די דאָזיקע נידערשלאָגנקייט האָט מיך דערשיטערט.

אָבער מען האָט געמוזט עפּעס טון. איך האָב אויפגעעפנט מיין האַנט־בייטל: „דאָ האָט איר הונדערט פראַנק“, האָב איך געזאָגט, „דינגט אייך דערפאַר א צימער און פאָרט מאָרגן צוריק קיין ניצאַ“.

ער האָט א קוק געטון אויף מיר דערשטוינט.

„איך האָב מיך צו אייך צוגעקוקט אין שפּיל־זאַל“ האָב איך ווייטער געזאָגט, באַמערקנדיק זיין קווענקלען זיך, „איך ווייס, אַז איר האָט אַלץ פאַרשפּילט, און איך האָב מורא, אַז איר קאָנט נאָך אָפּטון עפּעס א נאַרישקייט. עס איז נישט קיין חרפּה אָנצונעמען הילף... נו, נעמט!“

אָבער ער האָט צוריקגעשטויסן מיין האַנט מיט אַזא ענערגיע, אויף וועלכער איך וואָלט מיך גאָרנישט געריכט פון אים. „דו ביסט זייער א

ווילע", האָט ער געזאָגט, אָבער מאַך נישט קאַליע קיין געלט. מיר קאָן מען שוין נישט העלפן. צי איך וועל די נאַכט שלאָפן אָדער נישט, דאָס איז שוין אַלצאיינס. מאָרגן איז סיי ווי סיי צו אַלדינג אַ סוף. מיר קאָן שוין גאָרנישט העלפן".

„ניין, איר מוזט נעמען", האָב איך מיך איינגעעקשנט, „מאָרגן וועט איר אַנדערש טראַכטן. גייט נאָר קודם אַצינד אַרויף, שלאָפט זיך דורך און איר וועט פאַרגעסן אין אַלעם. בייטאָג האָבן די זאַכן אַן אַנדער פּנים."

אָבער ווען איך האָב אים אויפסניי אָנגעהויבן אַריינצונייטן דאָס געלט, האָט ער כמעט מיט כוח געטון אַ שטופּ אָפּ מיין האַנט. „לאָז צורו", האָט ער געזאָגט מיט אַ פאַרשטיקט קול, „עס האָט נישט קיין שום זין, עס איז גלייכער, אַז איך זאָל דאָס אָפּטון אינדרויסן, איידער דאָ ביי די מענטשן איינצוריכטן דאָס צימער מיט בלוט. מיר קאָן מען מיט קיין הונדערט פראַנק נישט העלפן און אפילו מיט טויזנט אויך נישט. איך וועל דאָך מאָרגן ווידער גיין מיט די לעצטע פּאָר פראַנק אין שפּיל־זאַל אַריין און וועל נישט פריער אויפהערן, ביז איך וועל אַלץ האָבן פאַרשפּילט. צו וואָס נאָכאַמאָל אָנהויבן אויפסניי, איך האָב שוין גענוג".

איר קאָנט זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, ווי די דאָזיקע פאַרשטיקטע שטים איז מיר אַריינגעדרונגען ביז אין דער נשמה; מאָלט אייך נאָר דאָס אויס: צוויי טריט פון אייך שטייט אַ יונגער, לעבעדיקער, אָטעמענדיקער מענטש, און איר ווייסט, אַז אויב איר וועט נישט אָנשטרענגען אַלע כּוחות, וועט דאָס דאָזיקע דענקענדיקע, רעדנדיקע, אָטעמענדיקע שטיק יוגנט אין צוויי שעה אַרום פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מת. און עס האָט מיך פּלוצלינג אַרומגעכאַפּט עפּעס אַ מין ווילדער כעס, אַ צאָרנדיקער באַגער צו באַזיגן די דאָזיקע אומזיניקע עקשנות. איך האָב אים אַ נעם געטון ביים אָרעם: „גענוג מיט די דאָזיקע נאַרישקייטן! איר וועט אַצינד אַרויפגיין און דינגען אַ צימער, און מאָרגן אינדערפרי וועל איך קומען און אייך נעמען צו דער באַן. איר מוזט אַוועק פונדאַנען. איר מוזט נאָך מאָרגן אַהיימפאָרן, און איך וועל פריער נישט רוען, ביז איך וועל אייך נישט זען מיטן באַנבילעט אין צוג. מען נעמט זיך נאָך נישט דאָס לעבן יונגערהייט בלויז דערפאַר, ווייל מען האָט גראַד עטלעכע הונדערט אָדער עטלעכע טויזנט פראַנק פאַרשפּילט. דאָס איז פּחדנות, אַ נאַרישע היסטעריע פון צאָרן און פאַרביטערונג. מאָרגן וועט איר אַליין מודה זיין, אַז איך בין גערעכט!"

„מאָרגן!“ האָט ער נאָכגעזאָגט אָנגעכמורעט און איראָניש. „מאָרגן! ווען דו זאָלסט וויסן, ווו איך וועל מאָרגן זיין! איך אַליין ווייס עס אַפילו נישט, איך בין אייגנטלעך שוין אביסל נייגיריק דערויף. ניין, גיי אהיים, מיין קינד, זיי דיך נישט מטריח און וואַרף נישט אַרויס דיין געלט“.

אָבער איך בין נישט אָפּגעשטאַנען. עס האָט מיך אָנגעכאַפּט ווי א מאַניע, ווי א שגעון. איך האָב מיט געוואַלד אנגעכאַפּט זיין האַנט און אריינגעשטופּט אין איר דעם באַנקנאָט. „איר וועט נעמען דאָס געלט און באַלד ארויפגיין!“ און באַלד בין איך אַנטשלאָפן צו צום גלעקל און אָנגעקלונגען. „אָט אַזוי, איך האָב אָנגעקלונגען, דער פּאָרטיער וועט באַלד ארויסקומען, גייט ארויף און לייגט זיך שלאָפן. מאָרגן ניין אַזייגער אינדערפרי וועל איך דאָ וואַרטן פאַרן הויז און אייך אוועקפירן צו דער באַן. דאַנקט גאָרנישט, איך וועל שוין זאָרגן דערפאַר, אז איר זאָלט קענען אהיימקומען. אָבער אַצינד לייגט אייך, שלאָפט זיך אויס און טראַכט נישט וועגן קיין שום זאַך!“

אין דער רגע האָט זיך דערהערט דאָס קנאַקן פונם שליסל אין יענער זייט טיר, דער פּאָרטיער האָט געעפנט.

„קום!“ האָט ער פּלוצלינג א זאָג געטון מיט א האַרטער, פעסטער, פאַרביטערטער שטים, און איך האָב דערפילט זיינע פינגער אַרום מיין האַנט־געלענק ווי אַן אייזערנע רייף. איך בין דערשראָקן געוואָרן... איך בין געוואָרן אַזוי דורך און דורך דערשראָקן, אַזוי געליימט, אַזוי בליץ שנעל פאַרבליפט, אז עס איז מיר אָפּגענומען געוואָרן דער שכל... איך האָב מיך געוואָלט ווערן, ארויסרייסן... נאָר מיין ווילן איז געווען ווי געליימט... און איך... איר וועט דאָס פאַרשטיין... איך... האָב מיך געשעמט פאַר דעם פּאָרטיער, וועלכער איז אומגעדולדיק געשטאַנען און געוואַרט, זיך צו ראַנגלען מיט א פרעמדן מענטש. און אַזוי אַרום... אַזוי אַרום האָב איך מיך פּלוצלינג געפונען אינעווייניק אין האָטעל; איך האָב געוואָלט רעדן, עפּעס זאָגן, נאָר עס איז מיר ענג געוואָרן אין דער קעל... אַרום מיין אָרעם איז געלעגן שווער און געביטעריש זיין האַנט... איך האָב געשפּירט ווי דורך א נעפּל, אז זי ציט מיך ארויף אויף שטיגן... א שליסל האָט געקנאַקט אין שלאָס...

און פּלוצלינג האָב איך מיך געפונען מיטן דאָזיקן פרעמדן מענטש אַליין אין א פרעמד צימער, ערגעץ אין א האָטעל, וועמעס נאָמען איך ווייס נישט ביזן היינטיקן טאָג“.

מרס. צ. איז ווידער שטיל געבליבן און פּלוצלינג אויפגעשטאַנען. עס האָט אויסגעזעען ווי זי וואָלט פאַרלוירן דאָס לשון. זי איז צוגע־גאַנגען צום פענסטער, שטילשווייגנדיק אַרויסגעקוקט עטלעכע מינוט לאַנג, אָדער אפשר האָט זי גאָר צוגעלייגט דעם שטערן צו דער קאַלטער שויב; איך האָב נישט געהאַט דעם מוט זיך געננוי צוצוקוקן, ווארום עס איז מיר פּיינ־לעך געווען צו זעען די אַלטע דאַמע אין אַזאַ צעטראָגנקייט. איך בין דע־ריבער געזעסן שטיל, נישט פרעגנדיק קיין זאַך, נישט רעדנדיק קיין וואָרט, און געוואַרט, ביז זי איז מיט איינגעהאַלטענע טריט ווידער צוריקגעקומען און זיך אַנידערגעזעצט קייגנאיבער מיר.

„אַזוי — אַצינד איז דאָס שווערסטע אַרויסגעזאָגט. און איך האָף, איר גלויבט מיר, וויבאַלד איך פאַרזיכער אייך נאָכאַמאָל, וויבאַלד איך שווער אייך ביי אַלע, וואָס איז מיר הייליק, ביי מיין ערע און ביי מיינע קינדער, אַז ביז צו יענער רגע איז מיר אַפילו נישט געקומען אויפן זינען קיין מינדסטע מחשבה וועגן... וועגן אַ פאַרבינדונג מיטן דאָזיקן פרעמדן מענטש; אַז איך בין באמת אָן מיין ווילן און אינגאַנצן אָן באַוווסטזיין ווי דורך אַ פאַלטיר פּלוצלינג אַרויסגעשליידערט געוואָרן פון מיין גלייכן לעבנסוועג און אַריינגעפאַלן אין דער דאָזיקער סיטואַציע. איך האָב מיר געגעבן אַ שבועה, אייך און זיך אַליין צו זאָגן דעם אמת, איז זאָג איך אייך נאָכאַמאָל, אַז איך האָב נישט געהאַט דערביי קיין שום פּערזענלעך געפיל, נאָר בלויז דעם כמעט איבערשפּאַנטן ווילן צו העלפן; איך בין אַלזאָ אָן דעם מינדסטן פאַרלאַנג, אָן שום אַנונג אַריינגעפאַלן אין דער דאָזיקער טראַגישער אַוואַנטורע.

וואָס אין יענעם צימער און אין יענער נאַכט איז געשעען, פאַרשפּאָרט מיר צו דערציילן; איך האָב נישט פאַרגעסן קיין איינציקע רגע פון יענער נאַכט און וועל זי אויך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. איך האָב מיך אין יענער נאַכט געראַנגלט מיט אַ מענטש פאַר זיין לעבן, ווארום איך חזר עס נאָכ־אַמאָל איבער: פאַר לעבן אָדער שטאַרבן האָט זיך יענער קאַמף געפירט. איך האָב דייטלעך געשפּירט מיט יעדן נערוו, אַז דער דאָזיקער פרעמדער מענטש, אָט דער דאָזיקער האַלב שוין פאַרלוירענער, פּרוווט זיך נאָך אָנ־צוכאַפּן פאַרן לעצטן ברעקל הילף מיט דער גיריקייט און לײדנשאַפט פון

איינעם, וואס געפינט זיך אין א טויט־סכנה. ער האָט זיך געקלאַמערט אָן מיר, ווי איינער, וואָס פילט שוין אונטער זיך דעם אָפּגרונט. און איך האָב צוזאַמענגענומען אַלע מיינע כוחות, כדי אים צו ראַטעווען, כדי אים צו העלפן מיט אַלעם, וואס איך בין נאָר געווען אימשטאַנד. אַזאַ מאָמענט לעבט אַ מענטש איבער אודאי בלויז איינמאָל אין לעבן, און צווישן מיליאָנען בלויז איינער—אויך איך וואָלט, ווען נישט דער דאָזיקער שרעקלעכער צופאַל, קיינמאָל נישט געהאַט קיין אַנונג, ווי גליענדיק, ווי פאַרצווייפלט, מיט וואָס פאַר אַן אומגעצוימטער גיריקייט אַ פאַריאושטער, פאַרלוירענער מענטש זויגט ווידער איין אין זיך יעדן רויטן טראָפּן לעבן; צוואַנציק יאָר לאַנג דערווייטערט פון אַלע דעמאָנישע כוחות פונם לעבן, וואָלט איך קיינמאָל נישט געווען געוווסט, ווי הערלעך און פאַנטאַסטיש די נאַטור דרענגט טיילמאָל צונויף אין אַ פּאָר געציילטע אויגנבליקן אַזאַ מישמאַש פון היים און קאַלט, טויט און לעבן, אַנטציקונג און פאַרצווייפלונג. און די דאָזיקע נאַכט איז געווען אַזוי אָנגעפילט מיט קאַמף און מיט רייד, מיט ליידנשאַפט און צאָרן און האַס, מיט טרערן פון באַשווערונג און פאַרשיכורטקייט, אַז זי האָט זיך מיר אויסגעוויזן ווי טויזנט יאָר לאַנג און מיר צוויי מענטשן, יעדער פאַרזונקען אין זיין אָפּגרונט, איינער מיט אַ ווילדן טויט־באַגער, דער אַנדערער אינגאַנצן אַנונגלאָז, זענען אַרויס פונם דאָזיקן געפערלעכן שטורעם איבערגעאַנדערשטע, אינגאַנצן איבערגעאַנדערשט, מיט אַנדערע חושים, מיט אַן אַנדער געפיל.

אָבער איך וויל דערפון נישט רעדן. איך קאָן נישט און וויל דאָס נישט שילדערן. בלויז די שרעקלעכע מינוט פון מיין דערוואַכן צומאָרגנס מוז איך דערמאָנען. איך בין אויפגעקומען פון א בלייערנעם שלאָף, פון עפּעס אַ תהום, וועלכן איך האָב קיינמאָל נישט געקענט. עס האָט לאַנג געדויערט, איידער איך האָב געעפנט די אויגן, און דאָס ערשטע, וואָס איך האָב דערזען, איז געווען אַ פרעמדער סופיט איבער מיין קאָפּ, און דערנאָך, ווייטער בלאָנדזשענדיק מיטן בליק, אַ גאַנץ פרעמדער, אומבאַקאַנטער, מיאוסער חלל, און איך האָב מיך נישט געקאָנט דערמאָנען, ווי אַזוי איך בין אַהין אַריינגעקומען. תחילת האָב איך מיר איינגערעדט, אַז דאָס איז א חלום, אַ לייכטער, דורכזיכטיקער חלום, וואָס האָט זיך אַרויסגעשיילט פון יענעם שווערן, פינסטערן שלאָף — אָבער דורך די פענסטער האָט אַריינגעשיינט אַ קלאָר, אומצווייפלהאַפט אמתדיק זונליכט, א פרימאָרגנליכט, פון דער

גאס אונטן האט זיך דערטראגן א טראסקעריי פון וועגענער, א קלינגען פון טראמווייען און מענטשלעכע שטימען — און עס איז מיר געווארן קלאר, אז איך חלום נישט, נאר איך בין וואך. נישט ווילנדיק האב איך מיך אויפגעזעצט און זיך געוואלט דערמאנען, און פלוצלינג... בעת איך האב א קער געטון דעם בליק אין דער זייט... האב איך דערזעען — כ'בין גאר־נישט אימשטאנד אייך צו שילדערן יענע שרעק — א פרעמדן מענטש שלאפן אין דעםברייטן בעט נעבן מיר... אבער פרעמד, פרעמד, פרעמד, א האלב־נאקעטער, אומבאקאנטער מענטש...

ניין, די דאזיקע שרעק לאזט זיך נישט באשרייבן: עס איז מיך באפאלן אזא מוראדיק געפיל, אז איך בין אן כוחות צוריקגעפאלן אויפן געלעגער. אבער עס איז נישט געווען דאס גוטע חלשות־געפיל, דאס אויפהערן צו וויסן, פארקערט: מיט א בליץ שנעלער געשווינדקייט איז מיר אלדינג געווארן פונקט אזוי קלאר ווי אומדערקלערבאר, און איך האב געהאט בלויז דעם איינעם פארלאנג, צו שטארבן פאר עקל און חרפה, וואס איך האב מיך פלוצלינג דערזעען מיט א ווילד פרעמדן מענטש צוזאמען אין א פרעמד בעט אין עפעס א מסתמא פארדעכטיקער קנייפע. איך געדענק נאך גאנץ דייטלעך, מיין הארץ האט אויפגעהערט צו קלאפן, איך האב איינגעהאלטן דעם אטעם, גלייך ווי איך וואלט דערמיט געקאנט אויסלעשן דאס לעבן און קודם כל דאס באוווסטזיין אין מיר, יענץ קלארע, שוידערלעך קלארע באוווסטזיין, וואס האט אלץ משער געווען און דאך נישט געקענט באנעמען מיטן שכל.

איך ווייס נישט, ווי לאנג איך בין דעמאלט אזוי געלעגן, דורכגענומען מיט א קעלט אין אלע אברים: אזוי פארגליווערט מוזן נאר אודאי ליגן מתים אין ארון. איך ווייס בלויז איינס, איך האב פארמאכט די אויגן און געבעטן צו גאט, צו א וועלכער ס'איז הימלישער מאכט, אז דאס זאל נישט אמת זיין, אז דאס זאל נישט קיין ווירקלעכקייט זיין. אבער מיינע פארשארפטע חושים האבן שוין נישט דערלאזט קיין שום פאלשע איינרעדעניש, איך האב געהערט אין שכנותדיקן צימער מענטשן רעדן, וואסער רוישן, שארכנדיקע טריט אינדרויסן אין קארידאר, און יעדער פון די דאזיקע סימנים האט אומברחמנותדיק באשטעטיקט די גרויזאמע וואכקייט פון מיינע חושים.

ווי לאנג דער דאזיקער שוידערלעכער צושטאנד האט געדויערט, בין

איך נישט אימשטאַנד צו זאָגן: אַזעלכע סעקונדעס האָבן אַן אַנדערע צייטמאָס, ווי די פֿון געוויינלעכן לעבן. נאָר פּלוצלינג האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַן אַנדערע שרעק, אַ ווילדע, שווידערלעכע שרעק, אַז דער דאָזיקער פֿרעמדער מענטש, וועמענס נאָמען איך ווייס אַפֿילו נישט, קאָן באַלד אויפֿוואַכן פֿון שלאָף און צו מיר רעדן. און עס איז מיר גלייך קלאָר געוואָרן, אַז איך האָב בלויז איין אויסוועג: זיך אָנטון און אַנטלויפֿן, איידער ער וואַכט אויף פֿון שלאָף. ער זאָל מיך שוין מער נישט זען, איך זאָל שוין קיינמאָל נישט רעדן צו אים. זיך ראַטעווען, כּל זמן ס'איז נאָך צייט, אַנטלויפֿן, אַנטלויפֿן, צוריק אין ערגעץ אַן אייגענער אַטמאָספֿערע, אין מיין האָטעל אַריין, און באַלד מיטן ערשטן צוג אַוועק פֿון דעם דאָזיקן פֿאַרשאָלטענעם אָרט, פֿון דעם דאָזיקן לאַנד, קיינמאָל שוין זיך נישט טרעפֿן מיט אים, קיינמאָל שוין אים נישט אָנקוקן, קיין שום עדות נישט האָבן, קיין אָנקלאָגער, קיין מיטשולדיקע. דער דאָזיקער געדאַנק האָט מיך אַ הויב געטון פֿון אָרט: גאַנץ פֿאָרזיכטיק, מיט לייכטע, גערוישלאָזע באַוועגונגען פֿון אַ גנב, האָב איך מיך פּאַמעלעך צאָל נאָך צאָל (נאָר קיין גערויש נישט צו מאַכן) אַרויסגעשלייכט פֿון בעט און גענומען מיינע קליידער. איך האָב גאַנץ פֿאָרזיכטיק מיך אָנגעהויבן אָנטון, כּסדר ציטערנדיק, אַז ער קאָן זיך אויפֿכאַפּן, און באַלד בין איך געווען פֿאַרטיק, אָט־אָט וועט עס מיר האָבן געלונגען. בלויז מיין הוט איז נאָך געלעגן אויף דער אַנדערער זייט בעט צופֿיסנס, און בעת איך האָב מיך אויף די שפּיץ פֿינגער אַהינגעשאַרט, כּדי אים אויפֿצוהויבן,—אין דער זעלבער רגע האָב איך מיך נישט געקאָנט איינהאַלטן: איך האָב נאָך געמוזט וואַרפֿן אַ בליק אויפֿן פּנים פֿונם דאָזיקן פֿרעמדן מענטש, וועלכער איז אַריינגעפֿאַלן אין מיין לעבן ווי אַ שטיין פֿון געזימס אַראָפּ. בלויז אַ בליק טון האָב איך געוואָלט, אָבער... עס איז געווען אַזוי מאָדנע, וואָרום דער פֿרעמדער יונגער מענטש, וואָס איז דאָרט געלעגן אַ שלאָפֿנדיקער — איז אויף אַן אמת געווען פֿאַר מיר אַ פֿרעמדער מענטש: אין דער ערשטער רגע האָב איך גאָרנישט דערקענט דאָס פּנים פֿון נעכטן. וואָרום ווי אָפּגעווישט זענען געווען די דורך ליידנשאַפֿט אָנגעלאָדענע, קראַמפּהאַפֿטיק צעברויזטע, אָנגעשפּאַנטע שטריכן פֿון דעם שרעקלעך אויפֿגערעגטן — דער דאָזיקער דאָ האָט געהאַט אַ גאָר אַנדער, גאָר קינדיש, גאָר ייִנגליש פּנים, וואָס האָט פּשוט געשיינט מיט ריינקייט און הייטערקייט. די ליפּן, וואָס זענען נעכטן געווען פֿאַר־

ביסן און איינגעקלעמט צווישן די ציין, האבן איצט אויסגעזעען פאר חלומט און ליבלעך פונאנדערגעעפנט, און האלב שוין אויסגעבויגן ווי צו א שמייכל; די בלאנדע האר זענען אין ווייכע לאקן אראפגעהאנגען איבערן גלאטן שטערן, און ווי אין א לייכטן כוואליע־שפיל איז רואיק געפלאסן דער אטעם פון דער ברוסט איבערן רוענדיקן קערפער.

איך דערמאנט זיך אפשר, וואס איך האב אייך פריער געזאגט, אז איך האב נאך קיינמאל נישט געזעען ביי א מענטש אזא רציחהדיקן אויסדרוק פון גיריקייט און לײדנשאפט, ווי ביי דעם דאזיקן פרעמדן ביים שפילטיש. און איצט זאג איך אייך, אז איך האב נאך קיינמאל נישט געזעען, נישט אפילו ביי קינדער, ביי זויגקינדער, וואס האבן דאך טייל־מאל אין שלאף א מלאכימדיקע שיין פון הייטערקייט ארום זיך, אזא אויסדרוק פון ריינער הייליקייט, פון א באמת גליקלעכן דרימל. אין דעם דאזיקן פנים האבן זיך געקענט אויספורעמען מיט א װוּנדערלעכער פלאסטיק אלע געפילן. אצינד האט זיך דערין אפגעשפיגלט א גליקלעכע אויפלייזונג פון דער גאנצער אינערלעכער שווערקייט, א באפרייט־זיין, א געראטעוועט־זיין. ביים דאזיקן איבערראשנדיקן אנבליק איז אראפגעפאלן פון מיר ווי א שווערער, שווארצער מאנטל די גאנצע פיין, דער גאנצער שווידער — איך האב מיך שוין נישט געשעמט, ניין, איך בין כמעט געווען דערפרייט. דאס שרעקלעכע, דאס אומבאגרייפלעכע האט מיטאמאל באקומען פאר מיר א זין, איך האב מיך געפרייט, איך בין געווען שטאלץ ביי דעם געדאנק, אז דער דאזיקער יונגער, צארטער, שיינער מענטש, וואס ליגט דא רואיק און שטיל ווי א בלום, וואלט אן מיין איבערגעגעבנהייט געפונען געווארן ערגעץ נעבן א פעלז צעשלאגן, פארבלוטיקט, מיט א צעשמעטערט פנים, טויט, מיט אימהדיק אויפגעריסענע אויגן: איך האב אים געראטעוועט, ער איז געווען געראטעוועט. איך האב א קוק געטון—איך קאן עס נישט אנדערש אנרופן — מיט א מוטערלעכן בליק אויף דעם שלאפנדיקן, וועמען איך האב — דורך גרעסערע יסורים ווי מיינע אייגענע קינדער — אויפסניי געשענקט דאס לעבן. און אין דאזיקן פארוואָרלאזטן, שמוציקן צימער פון א צונויפקום־האטעל האט מיך ארומגענומען — ווי לעכערלעך דאס זאל זיך אייך נישט אויסווייזן — א געפיל ווי אין א קירכע, א הייליקע באגליקטקייט. פון דער שרעקלעכסטער רגע אין מיין לעבן איז ארויסגעוואקסן א צווייטע, שוועסטערלעכע רגע, א וואונדערלעכע און דערהויבענע.

צי האָב איך געמאַכט אַן אומפּאַרזיכטיקע באַוועגונג? אָדער האָב איך אפשר נישט ווילנדיק עפּעס אַרויסגערעדט הויך אויפֿן קול? איך ווייס נישט. נאָר פּלוצלינג האָט דער שלאָפֿנדיקער אויפֿגעעפֿנט די אויגן. איך האָב מיך אַ דערשראָקענע אַ צי געטון צוריק. ער האָט זיך אַרומגעקוקט דערשטוינט — פּונקט ווי איך פֿריער, אַזוי האָט ער אַצינד אויסגעזען, ווי ער וואָלט מיט גרויס מי אַרויפֿגעטויכט פֿון אַ געוואַלדיקער טיפֿעניש און כאַאָס. זיין בליק האָט אָנגעשטרענגט געבלאַנדזשעט איבערן פֿרעמדן, אומבאַקאַנטן צימער, דערנאָך האָט ער זיך פֿאַרווונדערט אָפּגעשטעלט אויף מיר. אָבער נאָך איידער ער האָט באַוויזן צו רעדן אָדער צונויפֿצונעמען די געדאַנקען, האָב איך מיך שוין געהאַט באַהערשט. נישט לאָזן אים קומען צום וואָרט, נישט דערלויבן קיין שום פֿראַגע, קיין שום אינטימקייט, עס טאָר זיך גאָרנישט איבערחזרן, נישט אויפֿגעקלערט און אַרומגערעדט ווערן קיין שום זאַך פֿון דעם, וואָס ס'איז געשען נעכטן און היינטיקע נאַכט.

„איך מוז אַצינד אַוועקגיין", האָב איך שנעל אַ זאָג געטון, איר וועט דאָ בלייבן און זיך אָנטון. צוועלף אַזייגער וועלן מיר זיך טרעפֿן בײַם אַרײַנגאַנג פֿון קאַזינאָ: דאָרט וועל איך שוין אַלץ באַזאָרגן".

און איידער ער האָט באַוויזן צו ענטפֿערן אַ וואָרט, בין איך אַרויסגעלאָפֿן פֿון צימער און נישט אומקוקנדיק זיך פֿאַרלאָזט דאָס הויז, וואָס איז מיר געווען פּונקט אַזוי אומבאַקאַנט, ווי דער מענטש, מיט וועלכן איך האָב דאָרט אַ נאַכט פֿאַרבראַכט.

*

מרס. צ. האָט ווידער איבערגעריסן איר דערציילונג אויף אַ רגע. אין איר קול האָט זיך שוין נישט געהערט קיין אָנגעשטרענגטקייט און געקווענטקייט: פּונקט ווי אַ וואָגן, וואָס איז מיט שווערער מי אַרויף אויף אַ באַרג און לאָזט זיך דערנאָך לייכט און געשווינד אַראָפּ אין דער נידער, אַזוי האָט זיך אַצינד נאָך די איבערגעקומענע שוועריקייטן לייכט געגליטשט איר ווייטערדיקע דערציילונג.

„אַלזאָ: איך בין שנעל געגאַנגען צו מיין האָטעל דורך די פֿרימאָרגנדיקע באַלויכטענע גאַסן, וואָס זענען דורכן שטורעם געווען אַזוי אָפּגערייניקט פֿון דער גאַנצער לופֿט־שווערקייט, פּונקט ווי מיין האַרץ אַצינד פֿון דעם

דריקנדיקן געפּיל. ווארום פאַרגעסט נישט, וואָס איך האָב אייך פריער געזאָגט: נאָך מיין מאַנס טויט האָב איך מיך געהאַט איינגאַנצן מיאש געווען פונם לעבן. מיינע קינדער האָבן זיך נישט גענויטיקט אין מיר, מיר אַליין איז קיין זאַך נישט ניחא געווען, און אויב מען לעבט נישט צוליב עפּעס אַ באַשטימטן צוועק, איז דאָס גאַנצע לעבן אַ טעות. און אַט איז מיר אומגעריכט אונטערגעקומען אַן אויפגאַבע: איך האָב אַ מענטש גערא־טעוועט, איך האָב אים אָפּגעראַטעוועט פון טויט דורכן אָנשטרענגען אַלע מיינע כוחות. בלויז אַ קלייניקייט איז נאָך געבליבן בייצוקומען, און די דאָזיקע אויפגאַבע מוז אויסגעפירט ווערן ביז צום סוף. איך בין אַלזאָ געלאָפן צו מיין האָטעל: דעם פאַרטיערס דערשטוינטער בליק, וואָס איך בין ערשט איצט ניין אַזייגער אינדערפרי אהיימגעקומען, האָט אויף מיר נישט געמאַכט קיין באַזונדערן רושם — עס האָט מיך שוין מער נישט געקוועלט קיין בושה און פאַרדרוס צוליב דער געשעעניש, איך האָב דער־פילט אַ פּלוצלינג צוריק־אויפוואַכן פון מיין לעבנס־ווילן: אַן אומגעריכט ניי געפּיל פון דער נויטווענדיקייט פון מיין עקזיסטענץ האָט ווארעם דורכ־געשטראָמט מיינע אָדערן. איך בין אַריין אין מיין צימער און זיך גיך אי־בערגעטון; איך האָב אומבאַוווסטזיניק (ערשט שפּעטער האָב איך דאָס באַ־מערקט) אַראָפּגענומען פון מיר דאָס טרויער־קלייד און אָנגעטון אַ העל־לערס, דערנאָך בין איך אַוועק אין באַנק, כדי אַרויסצונעמען געלט, פון דאָרט גלייך צום באַנהויף, זיך צו דערוויסן, ווען די צוגן גייען אָפּ; מיט אַן אַנטשלאָסנקייט, וואָס האָט מיך אַליין געחידושט, האָב איך נאָך חוץ־דעם באַזאָרגט עטלעכע אַנדערע ענינים. און ענדלעך איז מיר נישט געבליבן מער צו טון, ווי צו דערליידיקן דאָס אָפּפאָרן און דערמיט די אַנטגילטיקע רעטונג פון דעם מענטש, וועלכן דער גורל האָט מיר צוגעוואָרפן.

וואָס אַן אמת, דערצו האָט מען באַדאַרפט האָבן דעם כוח זיך אַצינד אוועקצושטעלן פאַר אים פּנים אל פּנים. ווארום אַלע נעכטיקע געשעענישן האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין דער פינסטער, אין אַ מין ווירבל, ווי עס שטויסן זיך פּלוצלינג צוזאַמען צוויי שטיינער, וואָס ווערן מיטגעריסן דורך אַ וואַ־סערפאַל. מיר האָבן קוים אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערנס פּנים, איך בין אַפילו נישט געווען זיכער, צי דער פרעמדער וועט מיך בכלל נאָך דערקענען. נעכטן — איז עס געווען אַ צופאַל, אַ שכרות, אַ שגעון פון צוויי

צעטומלטע מענטשן, היינט אָבער האָב איך מיך געמוזט נאָך מער מפקיר זיין ווי נעכטן, ווייל אַצינד האָב איך מיך געמוזט ווייזן פאַר אים ביים אומרחמנותדיק קלאָרן טאָגליכט מיט מיין פּערזאָן, מיט מיין פּנים, ווי אַ לעבעדיקער מענטש.

אָבער אַלץ איז געשעען לייכטער, ווי איך האָב מיר פאָרגעשטעלט. ווי נאָר איך בין צו דער אָפּגערעדטער שעה צוגעקומען צום קאַזינאָ, איז אַ יונגער מענטש אויפגעשפּרונגען פון אַ באַנק און שנעל מיר אנטקייגנגעלאָפן. אין דער דאָזיקער איבערראַשטקייט זיינער איז געווען אַזויפיל נאַטירלעכקייט, אַזויפיל קינדישע תמימות, אַזאַ עכטקייט און גליקלעכקייט, פונקט ווי אין יעדער פון זיינע אויסדרוקפולע באַוועגונגען. ער איז צוגעלאָפן מיט דאַנקבאַר און גלייכצייטיק ערפורכטיק צעשטראַלטע אויגן, וואָס האָבן זיך באַלד הכנעהדיק אַראָפּגעלאָזט, ווי נאָר ער האָט באַמערקט מיין צעמישטקייט דורך זיין געגנוואַרט. דאַנקבאַרקייט, מען שפּירט זי דאָך אַזוי זעלטן ביי מענטשן, און גראַד די דאַנקבאַרסטע געפינען נישט דעם אויסדרוק דערצו, זיי שעמען זיך און שווייגן צעטראָגן און כלומרשט עקשנותדיק, כדי זייערע געפילן צו באַהאַלטן. דאָ אָבער, אינם דאָזיקן מענטש, אין וועלכן גאָט האָט ווי אַ געהיימניספולער סקולפּטאָר אויסגעפורעמט אַלע געפיל־אויסדריקן זינלעך, שיין און פּלאַסטיש, האָט אויך דער דאַנקבאַרקייט־אויסדרוק שטראַלנדיק דורכגעגליט ווי אַ ליידנשאַפט זיין גאַנצן קערפּער. ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו מיין האַנט, און לאָזנדיק אין אַ פיין גערונדיקטער ליניע אַראָפּזינקען אין פאַרערונג זיין קאָפּ, איז ער אַזוי פאַרבליבן אַ מינוט לאַנג אין אַ רעספּעקטפולן, די פינגער קוים באַרירנדיקן קוש, דערנאָך האָט ער זיך צוריק אויסגעגלייכט, געפרעגט ווי איך פיל מיך, אָנקוקנדיק מיך גערירט, און אין יעדן וואָרט איז געווען אַזויפיל פיינקייט, אַז אין עטלעכע מינוט אַרום איז מיין גאַנצע אומרו־איקייט פאַרשוווּנדן געוואָרן. און ווי אָפּשפּיגלענדיק די אויסגעלייטערטקייט פון אונזער געפיל, האָט די אַרומיקע לאַנדשאַפט געלויכטן אינגאַנצן באַרואיקט: דער ים, וואָס איז נעכטן געווען צעשטורעמט, איז אַצינד געלעגן אַזוי שטיל און לויטער, אַז יעדעס זאַמד־שטיינדל אויפן ברעג האָט העל געגלאַנצט אונטער דער לייכט־שפּילעוודיקער כוואַליע; דאָס קאַזינאָ, דאָס דאָזיקע שאול תחתיה, האָט געבליקט מאָוריטאַניש גלאַנצנדיק צום אויסגעלייטערטן, דורכזיכטיקן הימל; אין יענער קיאָסק, וווּהין דער שלאַקס־

רעגן האָט אונז נעכטן געהאַט פאַרטריבן אונטערן שוצדאַך, איז אַצינד געווען אַ פונאַנדערגעעפנטע בלומען־קראַם: אין אַ בונטן מישמאַש זענען דאָרט געלעגן גרויסע בוקעטן פון ווייסע, רויטע און גרינע בלומען, וועלכע אַ יונג מיידל אין אַ העל־קאָלירטער בלוזע האָט פאַרקויפט.

איך האָב אים פאַרבעטן אויף מיטאָג אין אַ קליינעם רעסטאָראַן; דאָרט האָט מיר דער פרעמדער, יונגער מענטש דערציילט די געשיכטע פון זיין טראַגישער פּאַסירונג. זי איז געווען אַ פולשטענדיקע באַשטעטיקונג אויף מיין ערשטער השערה, ווען איך האָב געזען זיינע נערוועז ציטערנדיקע הענט אויפן גרינעם טיש. ער האָט געשטאַמט פון אַן אַלטער מיחוסדיקער פאַמיליע אין עסטרייכישן פּוילן, געשטרעבט צו אַ דיפּלאָמאַטישער קאַריערע, שטודירט אין ווין און מיט אַ חודש צוריק אויסגעהאַלטן מיט אַן אויסערגעוויינלעכן דערפאָלג דעם ערשטן עקזאַמען. כדי דעם דאָזיקן טאָג צו פייערן, האָט אים זיינער אַ פעטער, אַ העכערער גענעראַלשטאַב־אָפיציר, ביי וועלכן ער האָט געוווינט, אַוועקגעפירט אין אַ פיאַקער צום פּראַטער, און זיי זענען צוזאַמען געגאַנגען אויפן געוועטלויף־פּלאַץ. דער פעטער האָט געהאַט מזל ביים שפּילן, ער האָט דריי מאָל נאָכאַנאַנד געוווּנען: מיט אַ שפּאַר פּעקל געוווּנענע באַנקנאָטן זענען זיי דאַן אַוועק אין אַן עלעגאַנטן רעסטאָראַן אויף אָוונטברויט. צומאָרגנס ווידער האָט דער צוקינפטיקער דיפּלאָמאַט באַקומען פון זיין פאָטער אַלס באַלוינונג פאַר דעם גוט אויסגעהאַלטענעם עקזאַמען אַ סומע אין דער גרייס פון זיין חודש־געלט. מיט צוויי טעג פריער וואָלט ער נאָך אַזאַ סומע געווען באַטראַכט פאַר אַ גרויסע, איצט אָבער, נאָך יענעם לייכטן געווינס, האָט זי זיך אים אויסגעוויזן קליין און נישטיק. ער איז דעריבער באַלד נאָכמיטאָג ווידער אַוועק צום געוועטלויף, האָט ווילד און ליידנשאַפטלעך איינגעשטעלט, און זיין גליק אָדער גיכער אפשר זיין אומגליק האָט געוואָלט, אַז ער זאָל פאַרלאָזן דעם געוועטלויף־פּלאַץ מיט אַ סומע, וואָס איז געווען דריי מאָל אַזוי גרויס, ווי פונם פריערדיקן געוועטלויף אין פּראַטער. און פון דעמאָלט אָן איז אים באַפאַלן אַ שפּיל־שגעון, דאָ ביים געוועטלויף, דאָ אין קאַפעהייזער אָדער אין קלובן, און דאָס האָט אים צעריבן צייט, שטודיום, נערוון און דער עיקר געלט. ער איז שוין מער נישט אימשטאַנד געווען צו טראַכטן, רואיק צו שלאָפן און זיך צו באַהערשן; איינמאָל ביינאַכט, ווען ער איז אַהיימגעקומען פון קלוב, ווו ער האָט דאָס גאַנצע געלט

פֿאַרשפּילט, האָט ער ביים אויסטון זיך געפֿונען אין וועסט־טאַש אַ צעד קנייטשטן פֿאַרגעסענעם באַנקנאָט. עס האָט אים שוין נישט געלאָזט איינד רוען, ער האָט זיך אויפֿסניי אָנגעטון און אַזוי לאַנג אַרומגעבלאָנדזשעט, ביז ער האָט ערגעץ אין אַ קאַפֿעהויז געפֿונען עטלעכע דאָמינאָ־שפּילער, מיט וועלכע ער איז אָפּגעזעסן ביזן ווייסן טאָג אַריין. איינמאָל האָט אים זיינע אַ חתונה געהאַטע שוועסטער אַרויסגעהאָלפֿן און באַצאָלט זיינע חובות די פּראַצענטניקעס, וואָס האָבן גאַנץ גערן געגעבן הלוואות אַ יורש, וואָס שטאַמט פֿון הויכן אדל. אַ שטיקל צייט האָט ער ווידער געהאַט מזל ביים שפּילן — דערנאָך אָבער האָט עס אים אָנגעהויבן צו גיין כסדר באַרג אַראָפּ, און וואָס מער ער האָט פֿאַרשפּילט, אַלץ דרינגלעכער האָבן די נישט געצאָלטע פֿאַרפֿליכטונגען און טערמיניקע ערנוואָרט־הלוואות זיך געמאָ־טיקט אין אַ געווינס. ער האָט שוין לאַנג געהאַט פֿאַרמשכנט זיין זייגער, זיינע מלבושים, און צום סוף איז נאָך געשעען דאָס שרעקלעכע: ער האָט אַרויסגעגנבעט ביי דער אַלטער מומע פֿון שאַנק צוויי גרויסע פּערל־אויערינגד לעך, וועלכע זי פֿלעגט זעלטן טראָגן. איינס האָט ער פֿאַרזעצט אויף אַ גרויסע סומע, וואָס איז נאָך דעם זעלבן אָוונט פֿאַרפֿירפּאַכט געוואָרן ביים שפּילן. אָבער אנשטאָט עס באַלד אויסצולייזן, האָט ער איינגעשטעלט דאָס גאַנצע געלט און פֿאַרשפּילט. ביז זיין אַוועקפֿאָרן איז די גנבה נאָך נישט געוואָרן אויפֿגעדעקט, האָט ער פֿאַרזעצט דאָס צווייטע אויערינגל און איז אַוועקגעפֿאָרן — פֿאָלגנדיק אַ פּלוצלינגען געדאַנק — קיין מאָנטע קאַרלאָ, כדי אין רולעטע זיך צו פֿאַרשאַפֿן דאָס אויסגעחלומטע פֿאַרמעגן. ער האָט שוין דאָ פֿאַרקויפֿט דעם קופֿער, די מלבושים, דעם שירעם, עס איז אים גאָרנישט געבליבן, חוץ אַ רעוואָלווער מיט פֿיר קוילן און אַ קליינער, מיט איידלשטיינער באַזעצטער קרייץ פֿון זיין טויפֿמוטער, דער פֿירשטין X., מיט וועלכן ער האָט זיך נישט געוואָלט שיידן. אָבער אַפֿילו דעם דאָזיקן קרייץ האָט ער נאָכמיטאָג פֿאַרקויפֿט פֿאַר פֿופֿציק פֿראַנק, כדי נאָך אַ לעצט מאָל צו קענען שטילן די הייסע תאווה פֿון שפּילן אויף לעבן און טויט.

דאָס אַלדינג האָט ער מיר דערציילט מיט יענעם באַצויבערנדיקן חן, וואָס האָט געשטעקט אין זיין וועזן. און איך האָב אויסגעהערט, דער־שיטערט, פֿאַרכאַפּט, גערירט; אָבער קיין איין רגע אַפֿילו איז מיר נישט געקומען אויפֿן געדאַנק אין כעס צו ווערן, וואָס דער דאָזיקער מענטש ביי

מײַן טיש איז דאָך אײגנטלעך אַ גנבֿ. װען עס װאָלט מיר נעכטן עמעצער בלויז געװען אָנגעדײַט, אַז איך, אַ פּרוי, װאָס האָט געפּירט אַן אָנשטענדיק לעבן, װאָס האָט אין אירע געזעלשאַפטלעכע באַציִאונגען אַכטונג געגעבן אויף דער שטרענגסטער, קאָנװענציאָנעלער אָרנטלעכקײט, װעל אַזוי הײַ־מיש זיצן צוזאַמען מיט אַ װילד־פרעמדן יונגן מענטש, װאָס איז קוים עלטער פאַר מײַן זון און װעלכער האָט גענבֿעט פּערל־אויערינגלעך — װאָלט איך אים געהאַלטן פאַר חסר דעה. אָבער זײַן דערצײלונג האָט אויף קײן אײן רגע אפילו נישט אַרויסגערופן בײַ מיר קײן װידערגעפיל, ער האָט דאָס אַלץ דערצײלט אַזוי נאַטירלעך און מיט אַזאַ לײַדנשאַפט, אַז זײַן האַנדלונג האָט גיכער אויסגעזעען װי דער רעזולטאַט פון אַ פיבער, פון אַ קראַנקהײט, אײדער פון אַ בײזער טאַט. און חוץ דעם: װער עס װאָלט דורכגעלעבט אַזאַ פּלוצלינגע, אומדערװאַרטע פּאַסירונג, װי איך אין דער פאַרגאַנגענער נאַכט, פאַר דעם װאָלט דאָס װאָרט „אוממעגלעך" פאַרלוירן יעדן זין. איך האָב טאַקע אין יענע צװײ שעה מער באַנומען די װירקלעכקײט פון לעבן, אײדער פריער אין פערציק בירגערלעך דורכגע־לעבטע יאָרן.

עפּעס אַ זאַך האָט פונדעסטװעגן דאָך אַרויסגערופן בײַ מיר שרעק אין יענער װדוי. דאָס איז געװען דער פיבערדיקער גלאַנץ אין זײַנע אויגן, װאָס האָט געמאַכט ציטערן אַלע נערװן אין זײַן פּנים, בעת ער האָט דער־צײלט װעגן זײַן לײַדנשאַפט צו שפּילן. שוין דאָס בלויזע דערצײלן האָט אים צעװאָרעמט, און אין זײַן פּלאַסטיש פּנים האָט זיך מיט אַ שרעק־לעכער דײַטלעכקײט װידער אָפּגעשפּיגלט יענע תאװהדיקע און פײַנלעכע געשפּאַנטקײט. נישט װילנדיק האָבן זײַנע הענט, די דאָזיקע װוּנדערלעכע שמאָלע, נערװעזע הענט, װידער אָנגעהויבן זיך צו פאַרװאַנדלען אין רויב־חיה־ענלעכע, נאָכיאָגנדיקע און אַנטלויפנדיקע באַשעפענישן, פּונקט װי בײַם שפּילטיש: איך האָב זײ געזעען, בעת זײַן דערצײלן, פּלוצלינג אויפ־ציטערן, זיך געװאַלטיק אויסקרימען און צונויפדריקן, דערנאָך װידער אויפ־צאַפּלען און אויפסנײַ זיך צוזאַמענקנוילן. און בעת ער האָט מתודה גע־װען די גנבֿה פון די אויערינגלעך, האָבן זײ (איך האָב נישט װילנדיק אַ ציטער געטון) מיט אַ בליץ־שנעלקײט זיך אַ רוק געטון פאָראויס און גע־מאַכט די שנעלע, גנבֿהשע כאַפּ־באַװעגונג. איך האָב געזעען קלאָר, װי די פינגער האָבן זיך װילד אַ װאָרף געטון אויפן צירונג און האָסטיק עס

איינגעשלונגען אין די פויסטן. און איך האָב מיט שרעק דערקענט, אַז דער דאָזיקער מענטש איז געווען פאַרסמט פון זיין ליידנשאַפט ביזן לעצטן טראָפּן בלוט.

בלויז דאָס אַליין האָט מיך אין זיין דערציילונג אַזוי שטאַרק דער־שיטערט און פאַרבליפט. די דאָזיקע קנעכטישע אונטערטעניקייט פון אַ יונגן, ריינעם, פון דער נאַטור זאַרגלאָזן מענטש צו אַ שגעונדיקער ליידנ־שאַפט. און איך האָב געהאַלטן פאַר מיין ערשטן חוב פריינטשאַפטלעך צוצורעדן דעם דאָזיקן יונגן מענטש, וואָס איז אומגעריכט אַרונטער אונ־טער מיין אַפּיטרופּסות, אַז ער זאָל וואָס שנעלער אַוועקפאָרן פון מאָנטע קאַרלאָ, ווו דער נסיון איז געווען צום געפערלעכסטן, און נאָך היינט צוריק־פאָרן צו זיין פאַמיליע, איידער מען אַנטדעקט דאָס פאַרשווינדן פון די אויערינגלעך און זיין צוקונפט ווערט צעבראָכן אויף אייביק. איך האָב אים צוגעזאָגט געלט אויף דער רייזע און אויף אויסצולייזן דאָס צירונג, אָבער נאָר מיטן באַדינג, ער זאָל נאָך היינט אַוועקפאָרן און מיר צושווערן ביי זיין ערע, אַז ער וועט זיך שוין קיינמאָל נישט צורירן צו קיין קאָרט און צו קיין שום האַזאַרד־שפּיל.

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן, מיט וואָס פאַר אַ צוערשט הכנעה־דיקער און דערנאָך ביסלעכווייז זיך צעשטראַלנדיקער דאַנקבאַרקייט דער דאָזיקער פרעמדער, פאַרלוירענער מענטש האָט זיך צוגעהערט צו מיר; ווי ער האָט געטרונקען מיינע ווערטער, בעת איך האָב אים צוגעזאָגט הילף. און פּלוצלינג האָט ער אויסגעשטרעקט דורכן טיש אַריבער ביידע הענט און אָנגענומען מיינע מיט אַ פּאַר מיר אומפאַרגעסלעכן אויסדרוק פון פאַרגעטערונג און פייערלעכן נדר. אין זיינע העלע, תּמיד אַביסל צעטומלטע אויגן זענען געשטאַנען טרערן, זיין גאַנצער קערפּער האָט נערוועז געציי־טערט פון באַגליקטער צעטראָגנקייט. איך האָב שוין אַ סך מאָל געפּרווט אייך צו שילדערן די זעלטענע אויסדרוק־פעאיקייט פון זיינע מינעס, אָבער די דאָזיקע מינע בין איך נישט אימשטאַנד אויסצומאָלן, וואָרום דאָס איז געווען אַזאַ עקסטאַטישע, איבערערדישע באַגליקטקייט, וואָס מען טרעפט זייער זעלטן אין אַ מענשטלעך פּנים; זי לאָזט זיך בלויז פאַרגלייכן מיט יענעם ווייסן שאָטן, בעת מען וואַכט אויף פון אַ חלום, אין וועלכן עס האָט זיך אויסגעדראַכט צו זען דאָס פאַרביישוועבנדיקע פּנים פון אַ מלאך.

צו וואָס פאַרשווייגן: איך האָב דעם דאָזיקן בליק נישט געקאָנט

אויסהאַלטן. דאַנקבאַרקייט דערפֿרייט, ווייל עס קומט אויס אַזוי זעלטן זי צו זעען באַשיינפּערלעך, צאַרטקייט פֿון געפֿיל פֿאַרשאַפֿט הנאה, און פֿאַר מיר, דעם געלאַסענעם, קאַלטן מענטש, איז אַזאַ שפֿע פֿון געפֿיל געווען אַן אָנגענעם, באַגליקנדיק נייעס. און אויסער דעם: צוזאַמען מיטן דאָזיקן דערשיטערטן, צעטרעטענעם מענטש האָט אויך די לאַנדשאַפֿט מאַגיש אויפֿגעוואַכט נאָכן נעכטיקן רעגן. ווען מיר זענען אַרויס פֿון רעסטאָראַן, האָט דער ים, אינגאַנצן באַרואיקט, הערלעך געגלאַנצט, בלוי ביז צום הימל אַרויף און בלויז גאַנץ אויבן, אין דער אַנדערער, העכערער בלויקייט, ווייס באַשפּרענקלט מיט שוועבנדיקע מעוועס. איר קענט דאָך די ריוויערע־לאַנדשאַפֿט. זי איז תמיד שיין, אָבער זי מאַכט מיד דאָס אויג מיט אירע שטענדיק זאַטע פֿאַרבן, זי זעט אויס ווי אַ שלאָפֿנדיקע, פֿוילע שיינהייט, וואָס לאָזט זיך גלייכגילטיק באַרירן פֿון יעדן בליק, אָריענטאַליש כמעט אין איר אייביק פֿרעכטיקער גרייטקייט. אָבער טיילמאָל, גאַנץ זעלטן, זענען דאָרט פֿאַראַן טעג, ווען די דאָזיקע שיינהייט דערוואַכט, דאַן טוט זי זיך אַ כאַפּ־אויף און צעשרייט זיך הילכיק מיט אירע שאַרפֿע, פֿאַנאַטיש בלישטשענדיקע פֿאַרבן, דאַן טוט זי זיגעריש אַ שליידער איר גאַנצע קאָלירנרייכקייט, דאַן גליט זי, דאַן ברענט זי אין זינלעכקייט. און גראַד אַזאַ הערלעכער טאָג האָט זיך דעמאָלט אַרויסגעשיילט פֿון שטורמישן כאַאָס פֿון דער געוויטערדיקער נאַכט. ווייס אויסגעוואַשן האָט געבלאַנקט די גאַס, טורקיזן־בלוי דער הימל, און אין אַלע זייטן האָבן קוסטעס, ווי קאָלירטע פֿאַקעלן, אַרויסגעשיינט פֿון דעם זאַפֿטיק פּייכטן גרינס. די בערג האָבן זיך פֿלוצלינג ווי דערנענטערט אין דער דורכגעלייטערטער, זוניקער לופֿט: זיי האָבן זיך נייגיריקע צוגעשאַרט צו דעם קלאָר אויסגעוואַשענעם, בלישטשענדיקן שטעטל. אומעטום האָט זיך געשפּירט דער וועקנדיקער רוף פֿון דער נאַטור, וואָס האָט אינסטינקטיוו צוגעצויגן צו זיך יעדעס האַרץ. „לאָמיר נעמען אַ וואָגן“, האָב איך אַ זאָג געטון, „און לאָמיר זיך דורכפֿאָרן לענגאויס דער קאָרניש“.

ער האָט אַנטציקט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ: זינט זיין אַהערקומען, האָט דער יונגער מענטש אַפּנים ערשט איצט צום ערשטן מאָל אָנגעהויבן צו זעען און באַמערקן די לאַנדשאַפֿט. ביז אַהער האָט ער דאָ גאָרנישט געקענט מער ווי דעם שטיקנדיקן קאַזינאַ־זאַל מיט זיין שווערן, שווייסיקן ריח, מיט זיין געדרענג פֿון מיאוסע, אָנגעברוגזט־פֿאַרקרימטע מענטשן

און אַ כמורנעם, גרויען, ליאַרמענדיקן ים. אַצינד אָבער איז געלעגן פאַר אונז פונאַנדערגעשפּרייט ווי אַ ריזעדיקער פּעכער דער זון־באַגאָסענער ברעג, און דאָס אויג האָט ווי פאַרשכורט געבלאָנדזשעט פון ווייטקייט צו ווייט־קייט. מיר זענען פּאַמעלעך געפאָרן אין וואָגן (עס זענען נאָך דעמאָלט נישט געווען קיין אויטאָמאָבילן) איבערן הערלעכן וועג, פאַרביי אַ סך ווילעס און שיינע אויסזיכטן: הונדערטער מאָל, ביי יעדן הויז, ביי יעדער אין שאָטן פון פּיניע־ביימער איינגעהילטער ווילע, פלעגט אויפטויכן אַ באַהאַלטענער באַגער: דאָ וואָלט מען געקאָנט לעבן, שטיל, צופרידן, ווייט פון דער וועלט!

בין איך אַמאָל אין מיין לעבן גליקלעכער געווען ווי אין יענער שעה? איך ווייס נישט. נעבן מיר אין וואָגן איז געזעסן דער דאָזיקער יונגער מענטש, וואָס האָט נאָך נעכטן געשטעקט אין די נעגל פון פּאַטום און טויט, און איצט איז ער געזעסן אַ באַגייסטערטער, באַגאָסן מיטן העלן ליכט פון דער זון. ער האָט אויסגעזען, ווי ס'וואָלטן פון אים אַראָפּגעפאַלן אַ סך יאָרן, ווי ער וואָלט צוריק געוואָרן אַ ייִנגל, אַ שיין, זיך שפּילנדיק קינד מיט שטיפערישע און גלייכצייטיק ערפורכטיקע אויגן. וואָס מיך האָט צום מיינסטן אין אים אַנטציקט, איז געווען זיין איידלקייט: אויב דעם וואָגן איז אויסגעקומען זיך צו פאַרנעמען אויף אַ צו משופּעדיקן באַרג־אַרויף און די פערד איז שווער געווען צו שלעפּן, פלעגט ער געשיקט אַראָפּשפּרינגען, כדי פון הינטן נאָכצושטופּן. האָב איך אָנגערופן אַ בלום, אָדער אָנגעוויזן אויף אַ וועלכער ס'איז ביים וועג, איז ער שנעל אַראָפּ און זי פאַר מיינעטוועגן אָפּגעריסן. אַ קליין זשאַבעלע, דורכן נעכטיקן רעגן אַהער פאַרשלעפּט, וואָס איז מיט גרוים מי געקראָכן איבערן וועג, האָט ער אויפגעהויבן און פאָרזיכטיק אַוועקגעטראָגן אין גרינעם גראָז אַריין, כדי די דורכפאָרנדיקע וועגענער זאָלן עס נישט צעקוועטשן: און דורך דער צייט האָט ער מיר שטיפעריש דערציילט לאַכנדיקע, באַחנטע מעשה־לעך. איך מיין, אַז דאָס דאָזיקע לאַכן איז געווען פאַר אים אַ מין אויסלאָדן זיך, וואָרום אַזיסט וואָלט ער געמוזט זינגען אָדער שפּרינגען אָדער אָפּטון עפּעס אַ משוגעתדיקע זאַך, אַזוי באַגליקט, אַזוי פאַרשכורט איז ער געווען פון דער פּלוצלינגער איבערגעלאָדנטקייט.

בעת מיר זענען פּאַמעלעך דורכגעפאָרן אַ קליין דערפל, האָט ער פּלוצלינג העפלעך אַראָפּגענומען דעם הוט. איך האָב מיך געחידושט:

וועמען באַגריסט ער דאָ אויף אַ פרעמד אָרט? ער האָט זיך לייכט פאַר־דרייטלט ביי מיין פראַגע און מיר דערקלערט, כמעט ווי אַנטשולדיקנדיק זיך, אַז מיר זענען פאַרבייגעפאָרן פאַר אַ קירכע, און ביי זיי אין פּוילן, פּונקט ווי אין אַלע שטרענג קאַטוילישע לענדער, געוווינט מען צו פון קינדוויַיז אָן אַראָפּצונעמען דעם הוט פאַר יעדער קירכע. די דאָזיקע שיינע ערפורכטיקייט פאַר דעם רעליגיעזן האָט מיך טיף גערירט, גלייכצייטיק האָב איך מיך דערמאָנט אָן יענעם קרייץ, וועגן וועלכן ער האָט מיר געהאַט דערציילט, און איך האָב אים געפרעגט, צי ער איז אַ גלויביקער. און בעת ער האָט מיט אַ ביסל אַ פאַרשעמטער מינע באַשיידן געענטפערט, אַז ער האָפט צו האָבן אַ חלק אין געטלעכן חסד, איז מיר פּלוצלינג איינגעפאַלן אַ געדאַנק: „שטייט!“ האָב איך אַ זאָג געטון צום קוטשער און בין שנעל אַראָפּ פון וואָגן. ער איז מיר נאָכגעגאַנגען פאַרחידושט: וווהין גייען מיר?“ איך האָב בלויז געענטפערט: „קומט מיט מיר“.

איך בין צוזאַמען מיט אים צוריקגעגאַנגען צו אַ קליינער דאָרפישער קירכע פון ציגל. קאַלכיק, גרוי און ליידיק האָבן זיך געבלייכט אינעווייניק די ווענט; די טיר איז געשטאַנען אָפן, אַזוי אַז אַ געלער סנאָפּ ליכט האָט זיך שאַרף איינגעשניטן אין דער טונקלקייט אַריין אינעווייניק, וווּ שאָטנס האָבן בלויז אַרומגעהילט אַ קליינעם אַלטאַר. צוויי ליכט האָבן, ווי פאַרשלייערטע אויגן, אַרויסגעבליקט פון דער ווייַרויך אָנגעזאַפּטער טונקלקייט. מיר זענען אַריינגעגאַנגען, ער האָט אַראָפּגענומען דעם הוט, איינגעטונקען די האַנט אין קעסל מיטן געהייליקטן וואַסער, זיך איבערגעצלמט און אַני־דערגעקניט. און באַלד ווי ער איז אויפגעשטאַנען, האָב איך אים אַ נעם געטון פאַר דער האַנט. „גייט צו“, האָב איך אים געזאָגט, „צום אַלטאַר אָדער צו וועלכן ס'איז בילד, וואָס איז אייך הייליק, און זאָגט מיר נאָך אַ שבועה“. ער האָט מיך אָנגעקוקט דערשטוינט, כמעט מיט שרעק. אָבער באַלד פאַרשטייענדיק, איז ער צוגעגאַנגען צו אַ נישע, זיך געצלמט און גע־האָרכזאַם אַנידערגעקניט. „זאָגט מיר נאָך“, האָב איך אַרויסגערעדט, אַליין ציטערנדיק פאַר צעטראָגנקייט, זאָגט מיר נאָך: „איך שווער“ — „איך שווער“ האָט ער נאָכגעזאָגט, און איך האָב פאָרגעזעצט: „אַז איך וועל מיך שוין קיינמאָל נישט באַטייליקן אין אַ שפּיל אויף געלט, פון וואָס פאַר אַ מין דאָס זאָל נישט זיין, אַז איך וועל שוין קיינמאָל נישט איינשטעלן מיין לעבן און מיין כבוד צוליב דער דאָזיקער ליידנשאַפט“.

ער האָט ציטערנדיק נאָכגעזאָגט די ווערטער: דייטלעך און הויך האָבן זיי אָפּגעקלונגען אין דער גענצלעכער ליידיקייט פון חלל. דערנאָך איז אויף א רגע שטיל געוואָרן, אזוי שטיל, אז מען האָט געהערט פונדרויסן דאָס שטילע זשומען פון די ביימער, ביי וועלכע דער ווינט האָט באַרירט די בלעטער. און מיטאַמאָל האָט ער זיך א וואָרף געטון צו דער ערד ווי א בעל תשובה און אָנגעהויבן ארויסצורעדן מיטן אַן עקסטאַז, ווי איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געהערט, שנעלע צונויפגעפּלאָנטערטע ווערטער אין דער פּוילישער שפּראַך, וועלכע איך האָב נישט פאַרשטאַנען. אָבער עס האָט געמוזט זיין א התלהבותדיקע תפילה, א תפילה פון דאַנק און חרטה, ווארום ער האָט כסדר אַראָפּגעבויגן הכנעהדיק דעם קאָפּ אין שטורמישער ווידוי, עס האָבן זיך וואָס אַמאָל ליידנשאַפטלעכער איבערגעחזרט די פרעמדע קלאַנגען, און וואָס אַמאָל שטורמישער האָט זיך מיט אַן אומבאַשרייבלעכער התלהבות ארויסגעריסן פון זיין מויל עפּעס א באַשטימט וואָרט. איך האָב קיינמאָל, נישט פריער און נישט נאָכדעם, אין קיין שום קירכע אויף דער וועלט נישט געהערט אזוי בעטן. זיינע הענט האָבן קראַמפּהאַפּטיק ארומגעקלאַמערט די הילצערנע געבעט־שטול, זיין גאַנצער קערפּער איז געטרייסלט געוואָרן דורך אַן אינערלעכן שטורעם, וואָס האָט אים טיילמאָל געטון א ריס אינדערהויך, טיילמאָל ווידער א שליידער אַראָפּ. ער האָט נישט געזען און נישט געפילט קיין שום זאַך: עס האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט זיך געפונען ערגעץ אין אַן אַנדערער וועלט, אין א צושטאַנד פון נשמה־לייטערונג אָדער דערהויבונג צו א הייליקער ספערע. ענדלעך איז ער פּאַמעלעך אויפגעשטאַנען, זיך געצלמט און מיט מי אויסגעדרייט דעם קאָפּ. די קניען האָבן אים געציטערט, זיין פּנים איז געווען בלייך ווי ביי א שטאַרק פאַרמאַטערטן. אָבער ווי ער האָט מיך דערזען, האָבן זיינע אויגן אויפגעשיינט; א ריינער, אַן אמתדיק פרומער שמייכל האָט באַשטראַלט זיין באַגייסטערט פּנים. ער איז צוגעגאַנגען נענטער, טיף זיך געבויגט אויפן רוסישן שטייגער, אָנגענומען מיינע הענט און ערפורכטיק באַרירט מיט די ליפּן: „גאָט האָט אייך געשיקט צו מיר. איך האָב אים דערפאַר געדאַנקט." איך בין נישט אימשטאַנד געווען צו רעדן. אָבער איך האָב געהאַט א פאַרלאַנג, אז עס זאָלן זיך פּלוצלינג פונאַנדערגיסן איבער די דאָזיקע נידעריקע קירכע־בענק אָרגל־קלאַנגען, ווארום איך האָב געפילט,

אז עס איז מיר אַלרינג געלונגען: איך האָב דעם דאָזיקן מענטש געראַטע־וועט אויף אייביק.

מיר זענען אַרויס פון דער קירכע און צוריק אַריין אין דעם שטראַלנדיקן, פלייצנדיקן ליכט פונם דאָזיקן מאַי־טאָג: נאָך קיינמאָל האָט זיך מיר די וועלט נישט אויסגעוויזן אַזוי שיין. צוויי שעה זענען מיר נאָך פּאַמעלעך געפאָרן אין וואָגן לענגאויס די בערג איבער דעם פּאַנאָראַמע־ענלעכן וועג, וואָס האָט ביי יעדן אויסבויג אַנטפּלעקט וואָס אַמאָל נייע אויסבליקן. אָבער מיר האָבן שוין נישט גערעדט. נאָך דעם דאָזיקן אויסגוס פון געפיל האָט יעדעס וואָרט אויסגעזעען קליין, און אַז מיין בליק האָט זיך צופעליק באַגעגנט מיט זיינעם, האָב איך אים געמוזט פאַרשעמט אָוועקנעמען: עס האָט מיך צו שטאַרק דערשיטערט אָנצוקוקן דעם נס, וואָס איך אַליין האָב באַוויזן...

אַרום פינף אַזייגער נאָכמיטאָג זענען מיר צוריקגעקומען קיין מאָנטע קאַרלאָ. איך האָב געהאַט אָפּגעשמועסט אַ צוזאַמענטרעף מיט מיינע קרובים און עס איז מיר שוין נישט מעגלעך געווען אים אָפּצורופן. אין זיך האָב איך אייגנטלעך שוין געבענקט נאָך אַ פּויזע, נאָך אַ צוריק אויפלייזן דאָס צופיל איבערגעשפּאַנטע געפיל. וואָרום צו גרויס איז שוין געווען דאָס גליק. איך האָב געשפּירט, אַז איך מוז מיך אָפּרוען פון דעם דאָזיקן הייסן, עקסטאַסטישן צושטאַנד, ווי איך האָב נאָך קיינמאָל אַזעלכן נישט געקענט. האָב איך דעריבער געבעטן דעם יונגן מענטש, ער זאָל אַריינגיין צו מיר אויף אַ רגע אין האָטעל; דאָרט אין מיין צימער האָב איך אים געגעבן דאָס געלט אויף דער רייזע און אויף אויסצולייזן דאָס צירונג. מיר האָבן אָפּגערעדט, אַז דורך דער צייט, וואָס איך וועל פאַרווײַלן מיט מיינע קרובים, זאָל ער זיך דערוויל באַזאָרגן דעם באַן־בילעט, דערנאָך וועלן מיר זיך זיבן אַזייגער אין אָוונט טרעפן ביים איינגאַנג פון באַן־הויף, אַ האַלבע שעה פאַרן אָפּגיין פון צוג, וואָס וועט אים דורך גענוא פירן אַהיים. בעת איך האָב אים געוואָלט דערלאַנגען די פינף באַנקנאָטן, זענען זיינע ליפּן משונהדיק בלאַס געוואָרן: „ניין... קיין שום געלט... איך בעט אייך, קיין שום געלט!" האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן פון צווישן די צונויפגעדריקטע ציין און זיינע פינגער האָבן זיך נערוועז און האַסטיק צונויפגעקורטשעט. „קיין שום געלט... קיין שום געלט... איך קאָן דערויף נישט קוקן", האָט ער כסדר איבערגעחזרט, גלייך עס וואָלט

אים אַרומגענומען אַ געפּיל פון עקל אָדער פּחד. איך אָבער האָב מיך באַמיט אים צו באַרואיקן, אַז דאָס איז דאָך בלויז געליען, און אויב עס איז אים נישט אַנגענעם, קאָן ער מיר אויסשטעלן אַ באַשטעטיקונג. „יאָ... יאָ... אַ באַשטעטיקונג", האָט ער געמורמלט, אַפּוועגדנדיק דעם בליק און אַריינגערוקט צעקנייטשטעטרהייט די באַנקנאָטן, נישט אָנקוקנדיק זיי אַפּילו, אין טאַש אַריין, ווי עפּעס אַ קלעפּיקע זאַך, וואָס קאָן נאָך די פינגער שמוציק מאַכן. דערנאָך האָט ער האַסטיק אָנגעשריבן אויף אַ פּאַפּיר עטלעכע ווערטער. ווען ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָב איך דערזעען אַ פּייכטן שווייס אויף זיין שטערן: עס האָט אויסגעזעען ווי ס'וואָלט אין אים אינעווייניק עפּעס געבראַוויזט, און באַלד ווי ער האָט מיר צוגעשאַרט דאָס פּאַפּיר, האָט ער אויפגעציטערט און איז פּלוצלינג — איך בין אינסטינקטיוו דערשראָקן אָפּגעשפּרונגען — אַנידערגעפאַלן אויף די קניען און מיר געקושט דעם זוים פון קלייד. אַן אומבאַשרייבלעכער זשעסט: איך האָב אויפגעציטערט דורך אים מיטן גאַנצן לייב. אַ מאָדנער שווינדער איז מיך באַפאַלן, איך בין צעמישט געוואָרן און האָב בלויז גע־קאָנט אַרויסשטאַמלען: „איך דאַנק אייך, וואָס איר זענט אַזוי דאַנקבאַר. אָבער איך בעט אייך, גייט אַצינד אַוועק! זיבן אַזייגער אין אָוונט וועלן מיר זיך טרעפן ביים איינגאַנג פון באַנהויף און מיר וועלן זיך דאָרט געזעגענען".

ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ פייכטן, גערירטן בליק; אַ רגע האָב איך געמיינט, אַז ער וויל מיר עפּעס זאָגן, אַז ער וויל צוגיין צו מיר. אָבער ער האָט זיך פּלוצלינג ווידער טיף, גאַנץ טיף, פאַרבויגן און איז אַרויס פון צימער".

*

ווידער האָט מרס. צ. איבערגעריסן איר דערציילונג. זי איז אויפגע־שטאַנען און צוגעגאַנגען צום פענסטער, דאָרט איז זי אַ לאַנגע צייט געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך און אַרויסגעקוקט: אין דעם סילועט פון איר רוקן האָב איך באַמערקט אַ לייכטע, ציטערנדיקע באַוועגונג פון אומאַנטשלאָסנקייט. מיטאַמאָל אָבער האָט זי זיך אויסגעדרייט אַנטשלאָסן, אירע הענט, די גאַנצע צייט רואיקע, האָבן איצט פּלוצלינג געמאַכט אַ האַסטיקע באַוועגונג, ווי זיי וואָלטן וועלן עפּעס צערייסן. דערנאָך האָט

זי אויף מיר אָנגעשטעלט א הארטן, כמעט ארויסרופנדיקן בליק און פּלוצלינג ווידער אָנגעהויבן:

„איך האָב אייך צוגעזאָגט צו זיין אינגאַנצן אויפריכטיק. און איך זע אַצינד ווי נויטיק ס'איז געווען דער דאָזיקער צוזאָג. ווארום אַצינד ערשט, בעת איך צווינג מיך צום ערשטן מאָל צו שילדערן לויט א באַשטימטן סדר דעם גאַנצן פארלויף פון יענער פּאַסירונג און באַמי מיך אויסצוגעפינען קלאָרע ווערטער פאר דעם דעמאָלט פארפלאָנטערטן און מטושטשדיקן געפיל, פארשטיי איך ערשט דייטלעך א סך זאַכן, וועלכע איך האָב דעמאָלט נישט פארשטאַנען, אָדער אפשר גאר נישט געוואָלט פארשטיין. און דעריבער וויל איך אומברחמנותדיק און אַנט־שלאָסן מיר אַליין און אויך אייך זאָגן דעם אמת: דעמאָלט, אין יענער רגע, ווען דער יונגער מענטש האָט פארלאָזט דאָס צימער און איך בין געבליבן אַליין, האָב איך געהאַט דאָס געפיל — ווי אַן אָנמאַכט איז עס מיך באַפאַלן — גלייך ווי איך וואָלט באַקומען א שווערן שטויס אין הארץ אריין: עפּעס האָט מיר אומדערבארעמדיק וויי געטון, אָבער איך האָב נישט געוווּסט — אָדער מיך באַמיט נישט צו וויסן — ווי ווייט די דאָזיקע רירנדיקע, רעספּעקטפולע האַלטונג פון מיין פּראָטעזשירטן האָט מיך פארוווּנדעט.

אַצינד אָבער, בעת איך צווינג מיך צו קוקן אויף דעם פארגאַנגענעם ווי אויף א פרעמדער זאַך, און וויל נישט דערלאָזן קיין פּחדניש באַהאַלטן זיך צוליב א בושה־געפיל — היינט ווייס איך קלאָר: דאָס, וואָס האָט דעמאָלט אזוי וויי געטון, איז געווען די אַנטוישונג... די אַנטוישונג, וואָס... דער דאָזיקער יונגער מענטש איז אזוי געהאָרכזאַם אוועקגעגאַנגען... אזוי אָן שום פּרווו מיך צו פארהאַלטן ביי זיך, ביי מיר צו בלייבן... וואָס ער האָט אזוי הכנעהדיק און ערפורכטיק מסכים געווען באַלד אויף מיין ערשטן פארלאַנג, ער זאָל אוועקפאָרן, אַנשטאָט צו פּרוּוון מיך נעמען מיט זיך... וואָס ער האָט מיך פארערט בלויז ווי א הייליקע, וועלכע ער האָט באַגעגנט אויף זיין וועג... און נישט... נישט געפילט אין מיר די פרוי.

דאָס איז געווען פאר מיר די אַנטוישונג.. אַן אַנטוישונג, אין וועל־כער איך האָב מיך נישט געוואָלט מודה זיין. נישט דעמאָלט און נישט שפּעטער, אָבער דאָס געפיל פון א פרוי ווייסט אַלץ, אָן שום רייד און באַוווּסטזיין. ווארום... אַצינד וויל איך מיך שוין נישט נארן — ווען

דער דאָזיקער מענטש זאָל מיך דעמאָלט געווען ארומנעמען, זאָל מיך דעמאָלט געווען באַגערן, וואָלט איך מיט אים געווען געגאַנגען ביזן עק וועלט, איך וואָלט געווען פאַרפלעקט מיין נאָמען און מיינע קינדערס... איך וואָלט נישט געווען געקוקט דערויף, וואָס מענטשן וועלן זאָגן, און נישט אויפן קלאָרן פאַרשטאַנד, נאָר איך וואָלט געווען מיט אים אוועק, אַזוי ווי מאַדאַם אַנריעט מיטן יונגן פראַנצויז, וועלכן זי האָט מיט אַ טאָג פריער נאָך נישט געקענט... איך וואָלט נישט געווען געפרעגט, וווהין און אויף ווי לאַנג, איך וואָלט אַפילו קיין בליק נישט געוואָרפן אויף מיין פריערדיק לעבן... איך וואָלט מקריב געווען מיין געלט, מיין נאָמען, מיין פאַרמעגן, מיין ערע פאַרן דאָזיקן מענטש... איך וואָלט געגאַנגען בעטלען, עס איז נישטאָ אַזאַ נידעריקע זאַך אויף דער וועלט, וואָס איך וואָלט נישט געווען געטון צוליב אים. דאָס, וואָס מענטשן רופן בושה און איינזעעניש, וואָלט מיך נישט געווען אָפּגעהאַלטן, אויב ער זאָל נאָר געווען מיט אַ וואָרט, מיט אַ טריט זיך צו מיר דערנענטערן, מיך פרוון נעמען — אַזוי האָב איך מיך געפונען אונטער זיין מאַכט אין יענער רגע. אָבער... איך האָב אייך שוין געזאָגט... דער דאָזיקער מאָדנער צעטראָגענער מענטש האָט שוין מיך און די פרוי אין מיר איינגאַנצן נישט געזען... און ווי שטאַרק, ווי פלאַמענדיק עס האָט מיך געצויגן צו אים, האָב איך דערפילט ערשט, ווען איך בין געבליבן אַליין מיט מיר, ווען די ליידנשאַפט, וואָס זיין אויסגעלייטערט, איידל פנים האָט געהאַט אָט ערשט אַ הויב געטון אין מיר אינדערהויך, איז פינסטער אַראָפּגעזונקען אין מיין אויסגעליידיקט האַרץ. איך האָב צוזאַמענגענומען די כוחות און מיט מי מיך אויפגעהויבן. דער אָפּגערעדטער וויזיט איז מיר אַצינד געווען נאָך מער נישט ניחא. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, ווי דער שטערן וואָלט מיר געווען איינגעקלאַמערט אין אַ שווערן, אייזערנעם העלם, וואָס דערדריקט מיך מיט זיין משא: מיינע געדאַנקען האָבן זיך שלאַבעריק געוואַקלט, פונקט ווי מיינע טריט, בעת איך האָב מיך ענדלעך געלאָזט גיין אַריבער אין אַנדערן האָטעל צו מיינע קרובים. דאָרט בין איך געזעסן אַ נידערשלאָגענע אינמיטן דעם לעבהאַפטיקן געפּלוידער און בין יעדעס מאָל דערשראָקן געוואָרן, בעת איך האָב צופעליק אויפגעהויבן דעם בליק און דערזען די אַרומיקע רואיקע פּנימער, וואָס האָבן זיך מיר אויסגעוויזן אין פאַרגלייך מיט יענעם פון ליכט און שאָטן באַ־

לעבטן, ווי פארגליווערטע מאַסקעס. גלייך ווי איך זאָל געווען זיצן צווישן לויטער מתים, אַזוי מוראדיק טויט האָט זיך מיר אויסגעוויזן די דאָזיקע פריינטלעכע סביבה; און בעת איך האָב אריינגעוואָרפן צוקער אין דער טיי און אָן אינערלעכן אינטערעס זיך מיטבאַטייליקט אין שמועס, האָט כסדר אויפגעטויכט אין מיר, ווי דורכן צעצונדענעם בלוט ארויפגעבראַכט, יענע איינע פּנים, וואָס אָנצוקוקן עס איז פאַר מיר געוואָרן אַ גרויסע פרייד און וואָס איך — אַ שרעק אַ טראַכט צו טון! — וועל אין אַ שעה, צוויי אַרום זען צום לעצטן מאָל. איך האָב אַפּנים נישט ווילנדיק געמוזט שטיל אָפּזיפצן אָדער אַ קרעכץ טון, ווארום מיין מאַנס קוזינע האָט זיך פּלוצלינג צוגעבויגן צו מיר: וואָס מיר איז, צי פיל איך מיך עפּעס נישט מיט אַלעמען, איך זע אויס אַזוי בלייך און פאַרדאַגהט. די דאָזיקע אומגע־ריכטע פראַגע האָט איך שנעל אויסגענוצט צום אויסרייד, אַז איך פיל מיך טאַקע שלעכט, אַז איך לייד פון מיגרענע און זי זאָל מיר דעריבער דערלויבן אומבאַמערקט אַוועקצוגיין.

בלייבנדיק אַזוי אַרום מיט זיך אַליין, בין איך גיך צוריק צו מיר אין האָטעל. און ווי נאָר איך בין אַריין אין צימער, איז מיך אויפסניי באַפאַלן יענע געפיל פון פּוסטקייט, פון פאַרלאָזט זיין, צונויפגעמישט מיטן הייסן באַגער נאָך יענעם יונגן מענטש, מיט וועלכן איך וועל מיך היינט צעשיידן אויף אייביק. איך האָב אַרומגעשפּאַנט הין און צוריק איבערן צימער, אַרויסגערוקט אָן שום באַדאַרף שופלאַדנס, אָנגעטון אַן אַנדער קלייד און זיך געשטעלט פאַרן שפּיגל, כדי צו באַטראַכטן, צי וואָלט איך, אַזוי אויסגעפּוצט, נישט אימשטאַנד געווען אַרויסצורופן זיין אויפמערקזאַמקייט. און מיטאַמאָל האָב איך מיך אַליין פאַרשטאַנען: אַלץ טון, נאָר נישט אַוועקלאָזן אים! און אין איין שטאַרקער רגע איז דער דאָזיקער ווילן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַנטשלוס. איך בין אַראָפּ־געלאָפן צום פּאָרטיער און אים געמאָלדן, אַז איך פאָר היינט אַוועק מיטן אָוונט־צוג. און איצט האָט מען געמוזט צואיילן: איך האָב געקלונגען צום דינסטמיידל, זי זאָל מיר העלפן איינפּאַקן די זאַכן — עס איז דאָך געבליבן ווייניק צייט, און בעת מיר האָבן צוזאַמען, האַסטיק אַריבעריאָגנדיק איינע די אַנדערע, אַריינגעשטופּט קליידער און פאַרשידענע אַנדערע נויטיקע זאַכן אין די קופערס, האָב איך מיר אויסגעמאָלט אין דמיון דאָס גאַנצע איבערראַשנדיקע בילד: ווי איך וועל אים באַגלייטן צום צוג, און דער־

נאָך אין לעצטן, אין גאָר לעצטן מאָמענט, ווען ער וועט מיר שוין דער־לאַנגען די האַנט צום אָפּשייד, וועל איך פּלוצלינג צו זיין דערשטוינונג אַריין צו אים אין וואַגאָן און פאַרברענגען מיט אים די נאַכט, די וויטער־דיקע — אַזוי לאַנג ווי ער וועט מיך וועלן. עפּעס אַ מין שכרות פון אַנטצי־קונג און באַגייסטערונג האָט געברויזט אין מיין בלוט. טייל מאָל פלעג איך, צו דעם מיידלס דערשטוינונג, אומגעריכט אַרויסלאָזן אויפן קול: איך האָב געפילט, אַז מיינע חושים זענען אַריינגעפאַלן אין אַן אומאָרדנונג. און ווען דער דינער איז געקומען נעמען דעם קופער, האָב איך אים אָנגע־קוקט פאַרחידושט: עס איז מיר שווער געווען צו טראַכטן פון פּשוטע זאַכן, אַזוי שטאַרק בין איך געווען עמאָציאָנירט.

די צייט איז געלאָפן, עס האָט געמוזט זיין נאָענט צו זיבן אַזייגער. אין בעסטן פאַל איז געבליבן בלויז צוואַנציק מינוט צום אָפּגיין פון צוג — וואָס אַן אמת, איך האָב מיך געטרייסט דערמיט, וואָס איך פאָר אַצינד צו דער באַן, נישט זיך געזעגענען מיט אים, נאָר כדי אים צו באַגלייטן אויף זיין רייזע אַזוי לאַנג ווי ער וועט נאָר וועלן. דער דינער האָט אַרויס־געטראָגן די קופערס, איך האָב מיך שנעל אַ לאָז געטון צו דער האָטעל־קאַסע, כדי דעם רעכענונג צו באַצאָלן. דער פאַרוואַלטער האָט מיר אַ רעשט געגעבן, איך האָב מיך שוין געלאָזט צום אַרויסגאַנג, נאָר פּלוצלינג האָב איך דערפילט אַ צאַרטע באַרירונג פון אַ האַנט אויף מיין אַקסל. איך האָב אויפגעציטערט. עס איז געווען מיין קוזינע. באַאומרואיקט צוליב מיין כלומרשט שלעכט פילן זיך, איז זי געקומען געוואָר ווערן, וואָס איך מאַך. מיר איז פינסטער געוואָרן פאַר די אויגן. איך האָב זי אַצינד נישט געקאָנט אויפנעמען, יעדע פאַרלוירענע רגע האָט געדראָעט מיט אַ פאַטאַל פאַרשפּעטיקן, צוליב העפלעכקייט אָבער האָב איך געמוזט וויינִיקסטנס אַ ווײַלע מיט איר רעדן: „דו מוזט זיך לייגן אין בעט אַריין", איז זי צו־געשטאַנען, „דו האָסט זיכער פיבער". און עס איז מסתמא אַזוי געווען, וואָרום די שלייפן האָבן מיר שווער געהאַמערט און איך האָב טייל מאָל געזען פאַרבײַשוועבן פאַר די אויגן יענעם בלויען שאָטן, וואָס באַווייזט זיך נאָענט פאַרן פאַלן אין חלשות. איך האָב איר אָבער נישט נאָכגעגעבן און מיך באַמיט דאַנקבאַר צו שמייכלען, כאָטש יעדעס וואָרט האָט מיך געברענט און איך האָב חשק געהאַט איר מוחל צו זיין די אומגעבעטענע טובות. אָבער זי האָט זיך אַלץ נישט גערירט פון אָרט, זי האָט מיר פאָר־

געלייגט אדעקאַלאָן און מיך נישט אָפּגעלאָזט, נאָר אז דווקא זי אַליין מוז מיר איינרייבן די שליפן. איך ווידער האָב דערוויל געציילט די מינוטן, געטראַכט וועגן אים און געזוכט עפּעס אַן אויסרייד, ווי אַזוי פּטור צו ווערן פונם דאָזיקן מאַטערנדיקן מיטגעפיל. און וואָס אומרואיקער איך בין געוואָרן, אַלץ פאַרדעכטיקער האָב איך אויסגעזעען אין אירע אויגן: מיט כוח כמעט האָט זי געוואָלט אויספירן, אַז איך זאָל צוריקגיין אין מיין צימער און מיך לייגן אין בעט אַריין. נאָר פּלוצלינג האָב איך אַ קוק געטון אויפן זייגער אינמיטן זאַל: צוויי מינוט פאַר האַלב אַכט, און זיבן אַזייגער מיט פינף און דרייסיק מינוט גייט אַוועק דער צוג. אַ צעמישטע, גראָב, מיט דער ברוטאַלער גלייכגילטיקייט פון אַ פאַרצווייפלטער, האָב איך געגעבן אַ דערלאַנג מיין קוזינע די האַנט: „אַדיע, איך מוז אַוועקגיין!" און גאָרנישט מאַכנדיק זיך פון איר דערשטוינטן בליק, נישט אומקוקנדיק זיך אפילו, האָב איך מיך האַסטיק געטון אַ לאָז פאַרביי די פאַרוווּנדערטע האָטעל־דינער צו דער טיר, אויף דער גאַס אַרויס און צו דער באַן. פונדערווייטנס נאָך, לויט די האַסטיקע האַנטצייכנס פונם דינער, וואָס האָט געוואַרט ביים געפּעק, האָב איך מיך משער געווען, אַז עס איז שוין געבליבן ווייניק צייט. איך האָב מיך שטורמיש אַ לאָז געטון צו דער באַריערע, אָבער דער קאָנדוקטאָר האָט מיך פאַרהאַלטן: איך האָב געהאַט פאַרגעסן צו קויפן אַ בילעט. און בעת איך האָב כמעט מיט כוח געוואָלט ביי אים פּועלן, מיך דאָך אַרויסצולאָזן אויפן פּעראָן, האָט דערוויל דער צוג אָנגעהויבן צו רירן פון אָרט: איך בין פאַרציטערט געוואָרן. איך האָב אָנגעשטעלט דעם בליק אויפן אַוועקגייענדיקן צוג, אפשר וועל איך נאָך אויפכאַפּן כאָטש אַ בליק, אַ ווינק, אַ גרוס ערגעץ דורך אַ וואַגאָן־פענסטער. עס איז מיר שוין אָבער נישט מעגלעך געווען אין דעם איילן געדרענג צו דערקענען זיין פּנים. די וואַגאָנען האָבן זיך פאַרבייגעגליטשט וואָס אַמאָל שנעלער, און אין אַ מינוט אַרום איז בלויז געבליבן אַ שווערער, שוואַרצער רויך־וואָלקן פאַר מיינע פאַרפינסטערטע אויגן.

איך בין מסתמא דאָרט געשטאַנען אַ פאַרשטיינערטע, מי יודע ווי לאַנג, ווארום דער דינער האָט אוודאי אַ סך מאָל געמוזט צו מיר רעדן אומזיסט, ביז ער האָט זיך דערוועגט מיך אַ ריר צו טון פאַרן אָרעם. ערשט דעמאָלט האָב איך דערשראָקן אויפגעציטערט. צי זאָל ער דאָס געפּעק ווידער צוריקפירן אין האָטעל אַריין. איך האָב געמוזט האָבן עטלעכע מי־

גוט צייט, כדי מיך צו באזינען. ניין, דאָס איז שוין נישט געווען מעגלעך, נאָך אזא לעבערלעך, איילים אוועקפאָרן האָב איך שוין נישט געקאָנט און נישט געוואָלט צוריק אומקערן זיך אין האָטעל, שוין קיינמאל נישט. איך האָב דעריבער, אין מיין אומגעדולדיקן פארלאנג צו בלייבן אליין, אים געהייסן איבערגעבן דאָס געפעק אין דעפאָזיט. דערנאָך ערשט האָב איך, אינמיטן דעם ארומיקן טומל, מיך באמיט צו טראכטן, קלאָר צו טראכטן, ווי אזוי זיך ארויסצוראטעווען פון דער דאָזיקער פארצווייפלטער ווייטיק־לעכער קלעם פון צאָרן, חרטה און פארצווייפלונג, ווארום — פארוואָס נישט מודה זיין? דער געדאנק, אז איך האָב דורך מיין אייגענער שולד פארשפּע־טיקט די לעצטע באגעגעניש, האָט אָן רחמנות אין מיר געגעבערט ווי א גליענדיקער שפּיז. איך האָב שווער אויסגעשריגן פאר ווייטיק, אזוי אומ־דערבארעמדיק האָט זיך וואָס אמאָל טיפער איינגעשניטן די רויט־אָנגע־גליטע שארף. בלויז מענטשן, אינגאנצן ווייטע פון לײדנשאפט, קענען אפשר אין גאָר באזונדערע מאָמענטן האָבן אזעלכע וואולקאניש־פלוצלינגע, אזעלכע הוראקאנישע אויסברוכן פון ליידנשאפט: דאָס קראכן דעמאָלט גאנצע יאָרן אומפארניצטע כוחות אראָפּ אין דער אייגענער ברוסט. איך האָב קיינמאָל נישט פריער און קיינמאָל נישט נאָכדעם איבערגעלעבט אזא איבערראשונג און צאָרנדיקע מאכטלאָזיקייט ווי אין יענער רגע, בעת איך, גרייט צום אויסטערלישסטן — גרייט מיט איין מאָל צו טון א שליי־דער אוועק מיין גאנץ אָפּגעשפּאָרט, אָנגעזאמלט לעבן — בין פלוצלינג געבליבן שטיין פאר א וואנט פון זינלאָזיקייט, נעגן וועלכער מיין ליידנ־שאפט האָט זיך אָנמעכטיק אָנגעשלאָגן מיטן שטערן.

וואָס אנדערש האָט שוין דעמאָלט געקאָנט זיין אלץ, וואָס איך האָב געטון, אויב נישט אינגאנצן זינלאָז; עס איז געווען נאריש, אָן שכל, איך שעם מיך כמעט צו דערציילן — אָבער איך האָב מיר און אייך צוגעזאגט נישט צו פארשווייגן קיין שום זאך: איז אָט... איך... איך האב אים אָנגע־הויבן צו זוכן... דאָס הייסט, איך האָב אָנגעהויבן אויפצוזוכן אויפסניי יעדע רגע, וואָס איך האָב מיט אים פארבראכט... עס האָט מיך געוואלטיק גע־צויגן צו אלע ערטער, וו מיר זענען נעכטן געווען צוזאמען, צו דער באנק אין גאָרטן, פון וועלכער איך האָב אים אוועקגעריסן, צו דעם שפּילזאל, וו איך האָב אים צום ערשטן מאָל געזעען, צו יענער קנייפּע אפילו, בלויז נאָר כדי נאָכאמאָל, נאָך איין מאָל ווידער איבערצולעבן דאָס פארגאנגענע.

און אויף צומאָרגנס האָב איך גערעכנט זיך דורכצופאָרן לעננאוים דער קאָרניש מיטן זעלבן וועג, וואָס דעמאָלט, כדי אויפסניי זיך צו דערמאָנען יעדעס אָרט און יעדע באַוועגונג — אָט אַזוי זינגלאָז, אַזוי קינדיש איז געווען מיין צעטומלטקייט. אָבער נעמט אין אַכט, מיט וואָס פאַר אַ בליץ־שנעלקייט יענע אַלע געשעעענישן זענען אויף מיר אַראָפּגעפאַלן — מיר האָט זיך אויסגעוויזן ווי דאָס אַלץ וואָלט געווען איין איינציקער באַטויבנדיקער קלאַפּ. און נאָכדעם ווי איך בין אַזוי ברוטאַל אויפגעוועקט געוואָרן פון דער דאָזיקער שכרות, האָב איך געוואַלט נאָכאַמאָל פילן דעם טעם פון דעם שנעל איבערגעלעבטן מיט דער הילף פון יענער מאַגישער זעלבסטנאַרעריי, וואָס מיר רופן אָן דערמאָנערונג. דעם אמת געזאָגט — דאָס זענען זאַכן, וועלכע מען באַגרייפט יאָ אָדער מען באַגרייפט נישט. אפשר באַדאַרף מען האָבן אַ פלאַמענדיק האַרץ, כדי דאָס צו פאַרשטיין.

איך האָב מיך אַלזאָ קודם כל געלאָזט גיין צום שפּיל־זאַל, אויפצוזוכן דעם טיש, ווו ער איז געזעסן, און דאָרט צווישן די פאַרשידענע הענט מיר פאָרצושטעלן זיינע. איך בין אַריין אין זאַל: דער טיש, ווו איך האָב אים צום ערשטן מאָל געזען — איך האָב דאָס גוט געדענקט — האָט זיך געפונען אין צווייטן צימער לינקס. יעדע באַוועגונג זיינע איז נאָך דייטלעך געשטאַנען פאַר מיר: איך וואָלט ווי אַ נאַכטוואַנדלער מיט פאַרמאַכטע אויגן און אויסגעשטרעקטע הענט געטראָפן צום אָרט, ווו ער איז געזעסן. איך בין אַלזאָ אַריין אין קאַזינאָ און דורכגעגאַנגען דעם זאַל. און מיטאַמאָל... בעת איך האָב ביי דער טיר געוואָרפן אַ בליק אויפן געטומל... האָט מיט מיר פּאַסירט אַ משונהדיקע זאַך... פונקט אויף דעם זעלבן אָרט, ווו איך האָב מיר אים געהאַט פאָרגעשטעלט אין דמיון, איז געזעסן — וואָס פאַר אַ פיבער־האַלוצינאַציע!... טאַקע ער... ער... פונקט אַזוי ווי איך האָב אים ערשט פאַר אַ רגע געזען אין דמיון... פונקט אַזוי ווי נעכטן, די אויגן פאַרגליווערט אויסגעגלאָצט אויפן קיילעכל, געשפּענסטיק בלייך... ער... ער... אָן ספק ער...

איך האָב שיער אַ געשריי געטון פאַר שרעק. אָבער איך האָב באַצוואונגען מיין שרעק פאַר דער דאָזיקער אומזיניקער וויזיע און פאַרמאַכט די אויגן. „דו ביסט פון זינען... עס איז אַ חלום... אַ פיבער...“ האָב איך מיר אַליין געזאָגט. „עס איז דאָך אוממעגלעך, עס איז אַ האַלוצינאַציע... ער איז מיט אַ האַלבער שעה צוריק אַוועקגעפאָרן פונדאַנען“. דערנאָך

האָב איך ווידער געעפֿנט די אויגן. אָבער שרעקלעך: ער איז דאָרט געזעסן, פּונקט אַזוי ווי פֿריער, אָן שום ספֿק ער... צווישן מיליאָנען וואָלט איך דערקענט די דאָזיקע הענט... ניין, עס איז נישט געווען קיין חלום, עס איז טאַקע געווען ער. ער איז נישט אַוועקגעפֿאָרן, ווי ער האָט מיר צוגע־שווירן, ער איז דאָ געזעסן, דער אומזיניקער, דאָס געלט, וואָס איך האָב אים געגעבן אויף אַהיימצופֿאָרן, האָט ער דאָ אַהערגעבראַכט צום גרינעם טיש און אינגאַנצן באַהערשט פֿון זיין לייַדנשאַפֿט, איז ער דאָ געזעסן און געשפּילט, אין דער צייט וואָס איך האָב אין פֿאַרצווייפֿלונג דאָס האַרץ מיר אויסגעוויינט נאָך אים.

עס האָט מיך אַ ריס געטון פֿאָראויס: די אויגן זענען מיר פֿאַרלאָפֿן געוואָרן פֿאַר כּעס, עס האָט מיך אַרומגענומען אַ ווילדער, רציחהדיקער צאָרן אָנצוכאַפּן פֿאַרן גאָרגל דעם שבֿועה־ברעכער, וואָס האָט מיין צוטרוי, מיין געפֿיל, מיין איבערגעגעבנקייט אַזוי מיאוס אָפּגענאַרט. אָבער איך האָב מיך נאָך איינגעהאַלטן. מיט אַ געצוואונגענער פּאַמעלעכקייט (וויפֿל אָנשטרענגונג דאָס האָט מיך געקאָסט!) בין איך צוגעגאַנגען צום טיש פּונקט קעגנאיבער אים, איינער אַ הער האָט מיר העפֿלעך אָפּגעטרעטן דאָס אָרט. צוויי מעטער גרינער טוך האָבן זיך געפֿונען צווישן אונדז ביידע, און איך האָב, ווי פֿון אַ באַלקאָן אַראָפּ אויף אַ ספּעקטאַקל, געקאָנט אים אַריינקוקן אין פּנים, אין דעם זעלבן פּנים, וואָס איך האָב ערשט מיט צוויי שעה צוריק געזען שטראַלן פֿון דאַנקבאַרקייט, באַלויכטן מיטן גלאַנץ פֿון געטלעכן חסד, און וואָס איז אַצינד אויפֿסניי ווידער פֿאַרצערט געוואָרן אינגאַנצן דורך די גיהנום־פֿייערן פֿון דער לייַדנשאַפֿט. די הענט, די זעלבע הענט, וואָס איך האָב נאָך נאָכמיטאָג געזען זיך קלאַמערן אָן האַלדז פֿון דער קירכע־שטול, אַרויסזאָגנדיק אַ הייליקע שבֿועה, האָבן איצט אויסגעקרומטע ווידער אַרומגעשאַרט אין געלט ווי גיריקע וואַמפּירן. וואָרום ער האָט געוווּנען, ער האָט געמוזט אַ סך, זייער אַ סך האָבן גע־וווּנען: פֿאַר אים אויפֿן טיש האָט געגלאַנצט אַ פֿאַרביקער הויפֿן פֿון זשע־טאָנען און לואידאָרן און באַנקנאָטן, אַ נאַכלעסיק צעוואָרפֿענער מישמאַש, אין וועלכן די פֿינגער, זיינע ציטערנדיקע, נערוועזע פֿינגער האָבן זיך הנאהדיק איינגעטיקט און געבאָדן. איך האָב געזען, ווי זיי האָבן גלעטנ־דיק גענומען די איינצלנע באַנקנאָטן און זיי איינגעלייגט, ווי זיי האָבן די מטבעות געצערטלט און געדרייט, כּדי דערנאָך פּלוצלינג מיט איין מאָל

אַ נעם צו טון אַ פולע זשמעניע און האַסטיק אַ שליידער טון אויף איינעם פון די קוואַדראַטן. און באַלד האָבן זיינע נאָז־פליגל ווידער אָנגעהויבן צו ציטערן, דעם קרופּיעס אויסרוף האָט אים אַ ריס געטון די גיריק ברע־נענדיקע אויגן פון געלט אוועק צו דעם אַרומצאַפּלענדיקן קיילעכל, עס האָט זיך אויסגעדאַכט ווי ער וואָלט ערגעץ־ווו אוועק פון זיך אַליין, בעת זיינע עלנבויגנס האָבן אויסגעזעען ווי מיט נעגל צוגעהאַמערט צום גרינעם טיש. זיין פולשטענדיקע פאַרכשופטקייט האָט זיך איצט אַרויס־געוויזן נאָך שרעקלעכער, נאָך שוידערלעכער ווי אין פריערדיקן אָוונט; יעדע באַוועגונג זיינע האָט אָפּגעטויט אין מיר יענץ גאָלדיק לויכטנדיקע בילד, וואָס איך האָב מיר אַזוי לייכטגלויביק געהאַט אויסגעמאָלט אין דמיון.

בלויז אַ שטח פון צוויי מעטער ברייט האָט אונז אָפּגעטיילט פונ־אַנאַנדער; איך האָב כּסדר געקוקט אויף אים, אָבער ער האָט מיך אַפילו נישט באַמערקט. ער האָט נישט געקוקט אויף מיר און נישט אויף קיינעם; זיין בליק פלעגט זיך נאָר אָפּשטעלן אויפן געלט און נאָכבלאָנדזשען דעם אַרומלויפנדיקן קיילעכל: אַלע זיינע חושים זענען געווען איינגעשלאָסן אין דעם דאָזיקן איינעם גרינעם קרייז. די גאַנצע וועלט, די גאַנצע מענטש־הייט איז פאַר דעם דאָזיקן ליידנשאַפטלעכן שפּילער געווען צונויפגע־שמאָלצן אין דעם פירעקיקן שטיק אָנגעצויגענעם טוך. און איך האָב גע־ווּוסט, אַז איך קאָן דאָ אַזוי קוקן אויף אים גאַנצע שעהן און ער זאָל אַפילו קיין אָנונג נישט האָבן, אַז איך געפין מיך דאָ.

אָבער איך האָב שוין נישט געקאָנט לענגער אויסהאַלטן. מיט אַ פּלוצלינגן אַנטשלוס האָב איך מיך געלאָזט גיין אַרום דעם טיש, צוגעקומען הינטער אים און ענערגיש אַרויפגעלייגט די האַנט אויף זיין אַקסל. ער האָט אויפגעהויבן אַ צעטומלטן בליק — אַ רגע האָט ער פרעמד געגלאָצט אויף מיר מיט גלעזערנע אויגאַפּלען, פּונקט ווי אַ שיכּור, וועלכן מען האָט אויפגעטרייסלט פון שלאָף און ער האָט נאָך פאַרנעפּל־טע אויגן פון דעם אינערלעכן טשאַד. דערנאָך האָט ער מיך אַפּנים דערקענט, דאָס מויל האָט זיך אים געעפנט מיט אַ ציטער, ער האָט אַ צו־פרידענער אַרויפגעקוקט צו מיר און שטיל אַרויסגעשטאַמלט מיט אַ צע־טראָגן־סודותדיקער אינטימקייט: „עס גייט גוט... איך האָב עס באַלד גע־

ווסט, ווי איך בין נאָר אַריינגעקומען און דערזעען, אַז ער איז דאָ... איך האָב עס באַלד געוווּסט..."

איך האָב אים נישט פאַרשטאַנען. איך האָב נאָר געזעען, אַז ער איז געווען שכור פון שפּילן, אַז דער דאָזיקער אומזיניקער האָט געהאַט אַלדינג פאַרגעסן, זיין שבועה, מיך און די גאַנצע וועלט. אָבער אפילו אין דער דאָזיקער טייוולאָנישער פאַרכשופטקייט האָט ער מיך אַזוי מיטגעריסן מיט זיין באַגייסטערונג, אַז איך האָב נישט ווילנדיק גענומען ערנסט זיינע רייד און פאַרבליפט געפרעגט, וועמען ער מיינט דאָס.

„דאָרט, דער אַלטער רוסישער גענעראַל, וואָס האָט נאָר איין האַנט", האָט ער אַרויסגעפּליסטערט, איינגעאַנצן זיך צובויגנדיק צו מיר, כדי עס זאָל חלילה קיינער נישט דערהערן דעם דאָזיקן מאַגישן סוד. „אָט יענער דאָרט, מיט דעם ווייסן בערדל און מיט דעם דינער הינטער זיך. ער געווינט תמיד, איך האָב אים שוין נעכטן אָבסערווירט, ער מוז האָבן עפּעס אַ סיסטעם, און איך שטעל תמיד איין אויף דעם זעלבן וואָס ער... נעכטן האָט ער אויך כסדר געוווּנען... איך האָב אָבער געמאַכט אַ פעלער, וואָס איך האָב ווייטער געשפּילט נאָך זיין אַוועקגיין... דאָס האָט נישט געטויגט... ער האָט נעכטן געוווּנען אפשר צוואַנציק טויזנט פראַנק... און היינט געווינט ער אויך ביי יעדן קאָן... איצט שטעל איך איין תמיד נאָך אים... איצט..."

ער האָט פּלוצלינג איבערגעריסן אינמיטן רעדן, ווארום עס האָט זיך גראַד דערהערט דעם קרופּיעס אויסרוף: „Faites votre jeu!" (1 און באַלד האָט זיין צעטומלטער בליק אַוועקגעבלאַנדזשעט אַהין צום פּלאַץ, ווו דער ווייסבערדיקער רוס איז זיך בנעימותדיק געזעסן און מיט ישוב הדעת אַוועקגעלייגט צוערשט איין גאָלדענע מטבע און דערנאָך אַ צווייטע אויפן פערטן קוואַדראַט. אין דער זעלבער רגע האָבן די היציקע הענט נעבן מיר אַ כאַפּ געטון פון דעם געלט-הויפן אַ פולע האַנט גאָלדענע מטבעות און אַ שליידער געטון אויפן זעלבן אָרט. און ווען דער קרופּיע האָט אין אַ מינוט אַרום אויסגערופן „זעראָ!" און דער שויפל האָט מיט איין באַוועגונג געטון אַ רייניק-אָפּ דעם גאַנצן טיש, האָט ער נאָכגעקוקט דעם אַוועקפליסנדיקן געלט ווי אויף אַ וווּנדער. אָבער איר

1) שטעלט איין איז קאָן.

מיינט אפשר, אַז ער האָט זיך אומגעקוקט אויף מיר: ניין, ער האָט אַן מיר אינגאַנצן פֿאַרגעסן; איך בין געווען אָפּגעווישט, אויסגעמעקט פֿון זיין לעבן, אַלע חושים זיינע זענען געווען אָנגעשטרענגט אַהין צום רוסי־שן גענעראַל, וועלכער האָט פֿולשטענדיק גלייכגילטיק ווידער געוויגן אין דער האַנט צוויי גאָלדענע מטבעות, אומאַנטשלאָסן, אויף וועלכער צאָל זיי איינצושטעלן.

איך בין נישט אימשטאַנד אייך צו שילדערן מיין פֿאַרביטערונג, מיין פֿאַרצווייפֿלונג. אָבער שטעלט אייך פֿאָר אַזאַ געפֿיל: אַ מענטש, פֿאַר וועמען דו ביסט גרייט געווען מקריב צו זיין דאָס גאַנצע לעבן, קוקט זיך אויף דיר אַזויפֿיל אום, ווי אויף אַ פֿליג, וואָס מען טרייבט נאַכלעסיק אַוועק מיט דער האַנט. ווידער איז מיך באַפֿאַלן אַ כוואַליע פֿון צאָרן. איך האָב מיטן גאַנצן כוח אים אַ כאַפּ געטון פֿאַרן אָרעם, אַזוי אַז ער איז אויפֿגעשפּרונגען.

„איר זאָלט די מינוט אויפֿשטיין!“ האָב איך צו אים געלאָסן, אָבער באַפֿעלעריש געפֿליסטערט. דערמאָנט אייך, וואָס איר האָט היינט געשווירן אין דער קירכע, איר שבועה־ברעכער, איר נישטיקער מענטש.“

ער האָט געגלאָצט אויף מיר אַ פֿאַרבליפֿטער און אַ בלאַסער. זיינע אויגן האָבן פּלוצלינג באַקומען דעם אויסדרוק ווי ביי אַ געשלאָגענעם הונט, די ליפּן האָבן אים געציטערט. עס האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט זיך פּלוצלינג דערמאָנט אָן אַלדינג און עס באַפֿאַלט אים אַ גרויל פֿאַר זיך אַליין.

„יאָ... יאָ...“, האָט ער געשטאַמלט. „אָ גאָט מיינער, גאָט מיינער... יאָ... איך גיי שוין, זייט מיר מוחל...“

און ער האָט געטון אַ שאַר צוזאַמען דאָס גאַנצע געלט, צוערשט שנעל, מיט אַ ווילדער, האַסטיקער באַוועגונג, דערנאָך אָבער וואָס אַמאָל פֿוילער און ווי אָפּגעהאַלטן דורך אַ געגנקראַפֿט. זיין בליק איז אויפֿסניי געפֿאַלן אויפֿן רוסישן גענעראַל, וועלכער האָט גראָד אין דער מינוט איינגעשטעלט.

„נאָך איין רגע...“ ער האָט שנעל אַ וואָרף געטון פֿינף גאָלד־מטבעות אויפֿן זעלבן קוואַדראַט... „בלויז דאָס איינע מאָל... איך שווער אייך, אַז איך וועל באַלד גיין... בלויז דאָס איינע מאָל... בלויז דאָס איינע...“

און ווידער איז אים אַפּגענומען געוואָרן דאָס לשון. דאָס קיילעכל האָט זיך אָנגעהויבן צו קייקלען און אים מיטגעריסן. ווידער האָט עס דעם פאַרכשופטן אַוועקגעריסן פון מיר און פון זיך אַליין און פאַרטראָגן צום פּלאַץ, ווו דאָס קליינע קיילעכל האָט זיך געקייקלט און אונטער־געשפּרונגען. ווידער האָט דער קרופּיע אויסגערופן, ווידער האָט דער שויפל אַוועקגעשאַרט פון אים די פינף גאָלדשטיקלעך; ער האָט געהאַט פאַרשפּילט. אָבער ער האָט זיך נישט אומגעקוקט. ער האָט מיך פאַרגעסן, פּונקט ווי די שבועה, פּונקט ווי דאָס וואָרט, וואָס ער האָט מיר געהאַט מיט אַ מינוט צוריק געגעבן. זיין גיריקע האַנט האָט ציטערנדיק ווידער זיך צוגערירט צו דעם מינער־געוואָרענעם געלט און זיין פאַרשכורטער בליק איז, ווי מאַגנעטיש צוגעצויגן, געווען געווענדט בלויז אַהין צום גליק ברענענדיקן קייגנאַיבער.

מיין געדולד איז געווען אויסגעשעפּט. איך האָב אים נאָכאַמאָל אַ טרייסל געטון, אָצינד אָבער שוין גאָר שטאַרק. „שוין אויפן אָרט זאָלט איר אויפשטיין! די מינוט!... איר האָט געזאָגט, בלויז דאָס איינע מאָל שפּילן...“

נאָר מיטאַמאָל איז געשעען אַן אומגעריכטע זאַך. ער האָט זיך פּלוצ־לינג געטון אַ דריי אום, אָבער זיין פּנים האָט שוין איצט נישט אויסגע־זען הכנעהדיק און צעטומלט, נאָר ווילד, אַ שטיק צוזאַמענגעקנוילטער צאָרן מיט ברענענדיקע אויגן און פאַר כעס ציטערנדיקע ליפּן. „לאָזט מיך צורו!“ האָט ער אַרויסגעציישט. גייט אַוועק! איר ברענגט מיר אומ־גליק. אַלע מאָל, ווען איר זענט דאָ, פאַרשפּיל איך. אַזוי האָט איר נעכטן געמאַכט און היינט ווידער. גייט אַוועק!“

איך בין אַ רגע געבליבן ווי פאַרגליווערט. אָבער זיין ווילדקייט האָט פונאַנדערגעפּלאַקערט אויך מיין צאָרן.

„איך ברענג אייך אומגליק?“ האָב איך צו אים אַ געשריי געטון, „איר ליגנער, איר גנב, וואָס איר זענט, איר האָט דאָך מיר געשוווירן...“

אָבער איך האָב נישט געקאָנט פאַרענדיקן, ווייל דער ווילד געוואָ־רענער איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט און מיך געטון אַ שטופּ אַוועק, אינגאַנצן גלייכגילטיק צו דעם גערודער, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צו מאַכן אַרום אונז. „לאָזט מיך צורו“, האָט ער געשריגן הויך אויפן גאַנצן קול. „איך שטיי נישט אונטער אייער אפּיטרופּסות... אָט דאָ... אָט דאָ...

אַט דאָ האָט איר אייער געלט", און ער האָט מיר צוגעוואָרפן עטלעכע הונדערט־פראַנק־באַנקנאָטן... „און איצט לאָזט מיך צורו!"

ער האָט דאָס אויסגעשריגן הויך אויפן קול, ווי אַ נישט גוטער וואָלט אין אים געשטעקט, גאַרנישט רעכענענדיק זיך דערמיט, וואָס אַרום אונז האָבן זיך געפונען הונדערטער מענטשן. אַלץ האָט זיך אומגעקוקט, זיך געשושקעט, געטייטלט מיט די פינגער, געלאַכט, אַפילו פון דעם שכנותדיקן זאַל האָבן זיך אַריינגעשטופּט עטלעכע נייגיריקע. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, גלייך ווי מען וואָלט מיר די קליידער אַראָפּגעריסן פון לייב און איך שטיי אַ נאַקעטע פאַר די אַלע נייגיריקע...

„Silence, Madame, s'il vous plait!". (1 האָט דער קרופּיע באַפעלעריש געזאָגט אויפן קול און אַ קלאַפּ געטון מיט דער שויפל אין טיש. מיך האָט ער דאָס געמיינט, מיך, אַט דער נישטיקער פּאַרשוין. אַ דערנידריקטע, באַגאָסן מיט חרפּה, בין איך געשטאַנען צווישן דעם נייגיריק זיך שושקענדיקן עולם ווי אַ פּראָסטיטוטקע, וועלכער מען האָט צוגעוואָרפן געלט. צוויי, דריי הונדערט אומפאַרשעמטע אויגן האָבן מיר געשפּיזט אין פּנים אַריין... און פּלוצלינג... בעת איך האָב אײַנ־גאַנצן אַ געבויגענע אונטער דעם שמוץ פון דערנידערונג און חרפּה אָפּגע־קערט דעם בליק אין אַ זייט, האָט ער זיך אָנגעטראָפן מיט אַ פּאָר אויגן, פונאַנדערגעעפנטע פון איבערראַשונג — עס איז געווען מיין קוזינע, וואָס האָט מיך אָנגעקוקט פאַרבליפט, מיט אַן אָפן מויל און מיט אַ ווי אין שרעק אויפגעהויבענער האַנט.

דאָס האָט מיך שוין גאָר אינגאַנצן דערשלאָגן: נאָך איידער זי האָט צייט געהאַט זיך אַ ריר צו טון און קומען צו זיך פון איבערראַשונג, האָב איך מיך שטורמיש אַ לאָז געטון פון זאַל אַרויס; איך בין צוגעלאָפן ביז צו אַ באַנק, גראַד צו דער זעלבער באַנק, אויף וועלכער יענער אומ־זיניקער האָט זיך נעכטן אַנידערגעוואָרפן. און פונקט אַזוי אָן כוח, פונקט אַזוי דערשעפּט און נידערגעשלאָגן בין איך אַנידערגעפאַלן אויף דעם האַרטן, געפיללאָזן האַלץ.

פון דעמאָלט זענען שוין פאַרבייגעגאַנגען פיר און צוואַנציק יאָר, און דאָך, ווען איך דערמאָן מיך אָן יענער רגע, ווי אַזוי איך בין דע־מאָלט געשטאַנען אַ געשלאָגענע דורך זיין שפּאָט פאַר די אויגן פון הונדערטער מענטשן, ווערט מיר דאָס בלוט פאַרקילט אין די אָדערן.

1) איך בעט אייך, מאַדאַם, שטיל זיין!

און איך טראכט מיט שרעק, וואָס פאַר אַ שוואַכע, נעבעכדיקע סובּ־סטאַנץ מוז עס זיין אָט דאָס, וואָס מיר רופן אָן אַזוי הויכקלינגענדיק נשמה, גייסט, געפיל, און וואָס מיר רופן אָן יסורים, וויבאַלד דאָס אַלדינג, אין דער העכסטער מאָס אפילו, איז נישט אימשטאַנד דעם צע־וויטיקטן גוף אינגאַנצן צו צעשמעטערן — ווארום סוף כל סוף האָט מען דאָך אויס אַזעלכע שעהן, אַנשטאָט אוועקצושטאַרבן און אַנידער־צופאַלן ווי אַ בוים, געטראָפן פון אַ דונער. בלויז אויף איין רגע האָט מיר דער דאָזיקער ווייטיק אונטערגעבראָכן די פיס, אַזוי אַז איך בין אַנידערגעפאַלן אויף יענער באַנק אָן אָטעם, באַטויבט און מיט אַ ממש הנאהדיק געפיל פון אויסגיין. אָבער איך האָב שוין געזאָגט, יעדער ווייטיק איז פּחדניש, ער טרעט אָפּ פאַר דעם געוואַלטיקן דראַנג צו לעבן, וועלכער שטעקט אין אונזער פליש אַפּנים שטאַרקער, ווי די שטאַרק־סטע טויט־ליידנשאַפט אין אונזער גייסט. אַליין נישט באַגרייפנדיק, ווי אַזוי דאָס איז מעגלעך נאָך אַזאַ אויפטרייסלונג פון די געפילן — בין איך פונדעסטוועגן אויפגעשטאַנען, נישט וויסנדיק, דעם אמת געזאָגט, וואָס צו טון. און פּלוצלינג איז מיר איינגעפאַלן, אַז מיינע קופערס שטייען דאָך גרייט ביי דער באַן, און עס האָט מיך געטון אַ הויב אונטער: אַוועק, אַוועק, אַוועק, נאָר אַוועק פונדאַנען, פון דאָזיקן פאַרשאָלטענעם גיהנום. נישט אומקוקנדיק זיך אויף קיינעם, האָב איך מיך געלאָזט לויפן צו דער באַן און דאָרט געפרעגט, ווען דער נאָענטסטער צוג גייט קיין פּאַריז. צען אַזייגער, האָט מיר דער פּאָרטיער געזאָגט, און איך האָב אויפן אָרט געהייסן אויפגעבן מיין געפּעק. צען אַזייגער — עס איז גע־ווען פונקט פיר און צוואַנציק שעה זינט יענער שרעקלעכער באַגעגעניש, פיר און צוואַנציק שעה אַזוי פול מיט די משונהדיקסטע, שטורמיש זיך בייטנדיקע געפילן, אַז מיין אינערלעכע וועלט איז שוין געווען אויף איי־ביק צעשמעטערט. אָבער אין יענער רגע האָב איך קיין זאַך נישט גע־שפּירט, נאָר דאָס איינע וואָרט אין אַ כסדר האַמערנדיקן ריטם: אַוועק! אַוועק! אַוועק! דער פּולס הינטער מיין שטערן האָט עס מיר וואָס אַמאָל טיפער אַריינגעשלאָגן ווי אַ קלין אין די שלייפן: אַוועק! אַוועק! אַוועק! אַוועק פון דער דאָזיקער שטאָט, אַוועק פון מיר אַליין, אַהיים, צו מיינע נאָענטע, צו מיין פריערדיקן, צו מיין אייגענעם לעבן! איך בין אַ גאַנצע נאַכט געפאָרן קיין פּאַריז, דאָרט פון איין באַנהויף צום אַנדערן און גלייך

קיין בולאָן, פון בולאָן קיין דאָווער, פון דאָווער קיין לאָנדאָן, פון לאָנדאָן צו מיין זון — אַלץ אין דעם דאָזיקן איינעם האַסטיקן געלויף, נישט איבערלייגנדיק ,נישט טראַכטנדיק, אַכט און פערציק שעה, נישט גע־שלאָפן, נישט געגעסן, נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט, אַכט און פערציק שעה כסדר הערנדיק דאָס איינע וואָרט אויסגעקלאַפּט דורך די באַן־רעדער: אוועק! אוועק! אוועק! ווען איך בין ענדלעך, אומגעריכט פאַר יעדן, אריינגעקומען צו מיין זון אין הויז, זענען אַלע געבליבן דער־שראָקן: אין מיין וועזן, אין מיין בליק האָט אפּנים געמוזט זיין עפּעס אַזעלכעס, וואָס האָט מיך פאַרראַטן. מיין זון האָט מיך געוואָלט אַרומ־נעמען און קושן. איך האָב מיך אוועקגעבויגן: מיר איז געווען אומדער־טרעגלעך דער געדאַנק, אַז ער וועט באַרירן ליפּן ,וועלכע איך האָב גע־האַלטן פאַר באַפלעקטע. איך האָב אויסגעמיטן אַלע פראַגן, איך האָב בלויז געבעטן אַ באָד, ווארום איך האָב געפילט אַ באַדערפעניש אָפּצו־וואַשן פון מיין לייב נישט בלויז דעם רייזע־שטויב, נאָר אויך אַלדינג, וואָס האָט נאָך געקאָנט קלעפּן אויף מיר פון דער ליידנשאַפט פון יענעם אומזיניקן, אומווירדיקן מענטש. דערנאָך האָב איך מיך אַרויפגעשלעפּט אין מיין צימער אַריין און אָפּגעשלאָפן צוועלף, פערצן שעה מיט אַ שווערן, שטיינערנעם שלאָף, ווי איך בין נאָך קיינמאָל נישט גע־שלאָפן, נישט פאַר דעם און נישט נאָכדעם; אַ שלאָף, נאָך וועלכן איך ווייס שוין, וואָס עס הייסט ליגן טויטערהייט אין אַ אָרון. מיינע קרובים זענען מיט מיר אומגעגאַנגען ווי מיט אַ קראַנקער, אָבער זייער צערטלעכקייט האָט מיר בלויז פאַרשאַפט יסורים, איך האָב מיך גע־שעמט פאַר דעם רעספּעקט, וואָס זיי האָבן מיר אַרויסגעוויזן, און איך האָב מיך כסדר געמוזט היטן נישט אַרויסצושרייען פּלוצלינג, ווי מיאוס איך האָב זיי אַלע פאַרראַטן, פאַרגעסן און שוין געהאַט פאַרלאָזן צוליב אַן אומזיניקער, משוגעתדיקער ליידנשאַפט.

דערנאָך בין איך ווידער אָן אַ באַשטימטן ציל אַוועקגעפאָרן אין אַ קליינע פראַנצויזישע שטאָט, ווו איך האָב קיינעם נישט געקענט, וואַ־רום עס האָט מיך פאַרפאָלגט אַן איינרעדעניש, אַז יעדער מענטש קען באַלד ביים ערשטן בליק דערקענען אין מיר מיין שאַנד, מיין פאַרענ־דערונג, אַזוי האָב איך מיך געפילט ביז טיף אין דער נשמה פאַרראַטן און באַשמוצט. טיילמאָל, אויפוואַכנדיק אינדערפרי פון שלאָף, אין מיין

בעט, פלעג איך מורא האָבן די אויגן צו עפענען. עס איז מיר ווידער גע־קומען אויפן זכרון יענע נאַכט, ווען איך בין פּלוצלינג אויפגעקומען פון שלאָף נעבן אַ פרעמדן, האַלבנאַקעטן מענטש; און תמיד אין אַזעלכע מינוטן פלעג איך, פּונקט ווי דעמאָלט, האָבן בלויז דעם איינעם פאַרלאַנג: באַלד אויפן אָרט צו שטאַרבן.

אָבער סוף כל סוף, די צייט האָט אַ טיפע מאַכט און די עלטער אַ מאָדנעם כּוח צו פאַרמינערן די שאַרפקייט פון געפילן. מען שפּירט דעם טויט זיך דערנענטערן, זיין שאָטן פאַלט שוואַרץ איבער דעם וועג, און דאַן פאַרמאָגן שוין די זאַכן אַזעלכע שאַרפע קאָלירן, זיי דרינ־גען שוין נישט אַזוי אַריין אין די חושים און פאַרלירן אַ סך פון זייער סכּנותדיקן כּוח. בּיסלעכווייז איז די דערשיטערונג פאַרביי; און בעת איך האָב אַמאָל אין יאָרן אַרום באַגעגנט אין אַ געזעלשאַפט דעם אַטאַשע פון עסטרייכישן קאָנסולאַט, אַ יונגן פּאָליאַק, און ער האָט מיר אויף מיין נאָכפרעגן זיך אויף יענער פאַמיליע דערציילט, אַז זיינער אַ קוזין פון יענער פאַמיליע האָט זיך מיט צען יאָר צוריק דערשאָסן אין מאָנטע קאַרלאָ — האָב איך אַפילו קיין ציטער נישט געטון. עס האָט מיר נישט פאַרשאַפט קיין מינדסטן ווייטיק. אפשר — נאָך וואָס דעם אייגנעם עגאָאיזם פאַרלייקענען? — האָט מיר גאָר הנאה געטון, וואָרום איך בין שוין פּטור געוואָרן פון דער מורא, אַז איך קאָן אים נאָך אַמאָל באַגע־גענען: איך האָב שוין נישט געהאַט געגן מיר קיין שום עדות, חוץ מיין אייגענע דעראינערונג. פון דעמאָלט אָן בין איך רואיקער געוואָרן. אַלט ווערן הייסט דאָך נישט עפּעס אַנדערש, ווי אויפהערן מורא צו האָבן פאַר דער פאַרגאַנגענהייט.

און אַצינד ווערט איר שוין אויך פאַרשטיין, פאַרוואָס מיר איז פּלוצ־לינג איינגעפאַלן מיט אייך צו רעדן וועגן מיין פּאַסירונג. בעת איר האָט פאַרטיידיקט די מאַדאַם אַנריעט און היציק געזאָגט, אַז פיר און צוואַנ־ציק שעה זענען אימשטאַנד פולשטענדיק צו דעצידירן דעם גורל פון אַ פרוי, האָב איך געהאַט דאָס געפיל, גלייך ווי די דאָזיקע ווערטער וואָלטן מיך געמיינט: איך בין אייך געווען דאַנקבאַר, ווייל איך האָב צום ערשטן מאָל מיך דערפילט ווי פאַרענטפערט. און איך האָב אַ טראַכט געטון: איינמאָל עס אַראָפּרעדן זיך פון הארצן, אפשר וועט דאָס מיך באַפרייען פון דער דריקנדיקער משא און פון דעם שטענדיקן צוריקקוקן

צו דער פאַרגאַנגענהייט. נאָכדעם וועל איך אפשר מאָרגן קענען באַטרעטן יענעם זאַל, ווו איך האָב באַגעגנט מיין גורל און דאָך נישט פילן קיין שנאה צו אים און נישט צו מיר אליין. דאַן וועט דער שטיין אַראָפּ פון מיין נשמה, ער וועט ליגן מיט זיין גאַנצער משא אויף דער פאַרגאַנגענהייט און פאַרהיטן, אַז זי זאָל נישט ווידער אויפשטיין. עס איז זייער גוט, וואס איך האָב אייך געקענט דאָס אַלץ דערציילן: מיר איז אַצינד לייכטער און כמעט פריילעך אויפן האַרצן... איך דאַנק אייך דערפאַר".

ביי די דאָזיקע ווערטער איז זי פלוצלינג אויפגעשטאַנען. איך האָב געפילט, אַז זי האָט געענדיקט איר דערציילונג. איך האָב אביסל פאַרלעגן געזוכט עפּעס אַ וואָרט. אָבער זי האָט מסתמא דערפילט מיין אָנשטרענגונג און שנעל אַ זאָג געטון:

„ניין, איך בעט אייך, רעדט גאַרנישט..., איך פאַרלאַנג נישט, אַז איר זאָלט מיר עפּעס ענטפערן אָדער זאָגן... איך דאַנק אייך, וואָס איר האָט מיך אויסגעהערט, און האָט אַ גליקלעכע רייזע".

זי איז געשטאַנען קעגן מיר פּנים אל פּנים און האָט מיר דערלאַנגט די האַנט צום אָפּשייד. נישט ווילנדיק האָב איך אויפגעהויבן מיין בליק צו איר פּנים, און עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן רירנדיק וואונדערבאַר, אַז דאָס פּנים פון דער דאָזיקער אַלטער פרוי, וואָס איז פאַר מיר געשטאַנען ליבלעך און אביסל פאַרשעמט. איז דאָס געווען אַן אָפּשיין פון דער פאַרגאַנגענער ליידנשאַפט, איז דאָס געווען צעטראָגנקייט, וואס האָט פּלוצלינג פאַררויטלט אירע באַקן ביז אַרויף צו די ווייסע האָר — אָבער פונקט ווי אַ מיידל, ווי אַ כלה־מיידל איז זי געשטאַנען אַ צעטראָגענע פון די זכרונות און פאַרשעמט פון איר אייגענער דערציילונג. אויפריכטיק גערירט, האָב איך חשק געהאַט אַרויסצוּווייזן איר דורך עפּעס אַ וואָרט מיין רעספּעקט. אָבער עס איז מיר ענג געוואָרן אין האַלז. האָב איך מיך אַראָפּגעבויגן און מיט דרך ארץ געקושט איר פאַרוועלקטע, ווי אַ האַרבסטבלאַט לייכט ציטערנדיקע האַנט.

דער חורבן פון אַ האַרץ

כדי ביזן גרונט צו דערשיטערן אַ האַרץ, איז דעם גורל נישט תמיד נויטיק זיך צו פאַרמעסטן אויף אַ שווערן קלאַפּ און אָנגרייפן מיט רויער קראַפט; זיין אומגעזעטיקטן חשק צו גענשטאַלטונג רייצט גראַד, אַז דווקא פון אַן אומבאַדייטנדיקער סיבה זאָל אַרויסוואַקסן חורבן. אויף אונזער מטושטשדיק מענטשלעך לשון רופן מיר אָן דעם דאָזיקן ערשטן לייכטן שטוים סיבה און מיר ווערן דערשטוינט, בעת מיר פאַרגלייכן איר קליינעם פאַרנעם מיט דעם אָפטמאָל געוואַלדיקן פּועל יוצא; אָבער פּונקט ווי אַ קראַנקהייט הויבט זיך אָן פריער, איידער מען דערקענט אירע בולטע סימנים, אַזוי הויבט זיך אויך אָן דעם מענטשנס גורל פריער, איידער מען דערזעט אים אין געשטאַלט פון אַ געשעעניש. סיי אין גייסט; סיי אין בלוט ווירקט דער גורל תמיד אַ לאַנגע צייט פריער אינעווייניק, איידער ער באַרירט פונדרויסן די נשמה. זיך־דערקענען איז שוין זיך־ווערן, און מערסטנטייל אָן שום פּעולה.

•

דער אַלטער מאַן — סאַלאָמאַנזאַן האָט ער געהייסן און אין זיין שטאָט האָט מען אים טיטולירט געהיימער קאָמערץ־ראַט — האָט זיך אויפגעכאַפּט אינמיטן נאַכט אין דעם האָטעל פון גאַרדאָנע, וווהין ער איז אַרויסגעפאָרן מיט זיין פאַמיליע צו פאַרברענגען די פּסח־פייערטעג. עס האָט אים אויפגעוועקט אַ שטאַרקער ווייטיק. דאָס גאַנצע לייב איז אים געווען ווי אַרומגענומען מיט שאַרפע רייפן, אַז דער אָטעם האָט זיך אים קוים געקאָנט דורכרייסן דורך דער ברוסט. דער אַלטער מאַן האָט זיך דערשראָקן, וואָרום ער האָט געליטן אויף גאַל־שטיינער און פלעגט אָפט האָבן אָנפאַלן, און נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די מעדיקער האָבן אים געהייסן דורכפירן קאַרלסבאַדער קוראַציע, איז ער גאָר איצט, זיין פאַמיליע צוליב, געפאָרן אויף דרום. שרעקנדיק זיך פאַר איינעם פון יענע סכנותדיקע אָנפאַלן, האָט ער מיט מורא באַטאַפּט דאָס דיקע לייב זיינס, אָבער ער האָט באַלד מיט אַ דערלייכטערונג — הגם די יסורים האָבן נישט אָפּגעטרעטן — פעסטגעשטעלט, אַז דאָס דריקט אים בלויז

אין מאָגן, מסתמא צוליב דער נישט צוגעוווינטקייט צו די איטאַליעַנישע מאכלים, אָדער אפשר צוליב א לייכטער פאַרגיפטונג, פון וועלכער די טוריסטן האָבן דאָרט אָפט געליטן. ער האָט שטאַרק אָפּגעאָטעמט און זיין ציטערנדיקע האַנט האָט זיך אים אַראָפּגעגליטשט פון לייב, אָבער דאָס דריקן האָט אַלץ נישט אויפגעהערט און אים שווער געמאַכט דעם אָטעם: האָט זיך דעריבער דער אַלטער מאַן מיט גרויס מי און אונטער־קרעכצנדיק אויפגעהויבן פון בעט, כדי אַביסל באַוועגונג צו מאַכן. און ווירקלעך: בעת ער האָט זיך אויפגעשטעלט און נאָך מער, אַז ער האָט אָנגעהויבן צו גיין, איז דאָס דריקן געוואָרן שוואַכער. אָבער אין פינסטערן צימער איז וויניק אָרט געווען צום אַרומגיין, דערצו נאָך האָט ער מורא געהאַט אויפצוּוועקן די פרוי, וואָס איז געשלאָפן אין דעם שכנותדיקן בעט און זי אומנויטיק איבערשרעקן. האָט ער אויף זיך אַרויפ־געוואָרפן דעם שלאָפראָק, אָנגעטון פילצענע פּאַנטאָפּל אויף די באָרוועסע פיס און פאָרזיכטיק זיך אַרויסגעשלייכט אין קאָרידאָר, כדי דאָרט אַביסל אַרומצוגיין און זיך פאַרגרינגערן די יסורים.

אין דער רגע, בעת ער האָט אויפגעעפנט די טיר אין פינסטערן קאָ־רידאָר אַריין, האָט דורך די ברייט־פונאַנדערגעעפנטע פענסטער זיך דער־הערט דאָס קלינגען פון דעם זייגער אויפן קירכע־טורעם: פיר גלאָקן־קלעפּ, צוערשט שווער אָפּהילכנדיק און דערנאָך פונאַנדערשפּרייטנדיק זיך אי־בער דער אָזערע מיט אַ ווייך ציטערנדיקן אָפּקלאַנג: פיר אַזייגער פאַר־טאָג.

אין לאַנגן קאָרידאָר איז געווען אינגאַנצן פינסטער. אָבער דער אַל־טער מאַן האָט גענוי געדענקט פון בייטאָג, אַז דער קאָרידאָר ציט זיך גלייך און איז זייער לאַנג: האָט ער זיך געלאָזט גיין, נישט באַנוצנדיק קיין ליכט, פון איין עק צום אַנדערן, און נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, טיף אָטעמענדיק דערביי און מיט צופרידנהייט געפילט, אַז די קלאַמערן, וואָס דריקן זיין ברוסט, ווערן ביסלעכווייז לויזער. ער האָט שוין בדעה געהאַט צוריקצוגיין אין זיין צימער אַריין, ווייל דער ווייטיק האָט דורך די דאָ־זיקע דערלייכטערנדיקע באַוועגונגען כמעט אינגאַנצן אויפגעהערט, אָבער מיטאַמאָל האָט ער דערהערט עפּעס אַ גערויש און איז געבליבן שטיין דערשראָקן. אַ גערויש: אַ געמורמל פון ערגעץ נאָר נאָענט אין דער פינס־טער, גאַנץ שטיל, אָבער אָן שום ספק. עפּעס האָט אַ סקריפּ געטון, עמע־

צער האָט זיך געסודעט, זיך גערירט, און באַלד האָט אַ שמאָלער שטריף ליכט, וואָס איז אַרויס פון אַ האַלב־געעפנטער טיר, דורכגעשניטן אויף אַ רגע די פאַרעמלאָזע פינסטערניש. וואָס איז דאָס געווען? דער אַלטער מאַן האָט אינסטינקטיוו זיך אַריינגערוקט אין אַ ווינקל, נישט צוליב נײַ־גיריקייט, נאָר פשוט שעמענדיק זיך, מען זאָל אים טרעפן אין דעם דאָ־זיקן נאַכטוואַנדלערישן צושטאַנד. אָבער כמעט גלײַך זײַן ווילן האָט ער אין דער איינער רגע, ווען דאָס ליכט האָט אַ בליץ געטון איבערן קאָ־רידאָר, באַמערקט, אַז פון יענעם צימער האָט זיך אַרויסגעגליטשט אַ ווייסגעקליידטע ווייבלעכע געשטאַלט און איז פאַרשוווּנדן געוואָרן אין דעם אַנדערן עק קאָרידאָר. און באמת, אין איינער פון די לעצטע טירן האָט זיך דאָרט איצט דערהערט אַ שטיל קנאַקן פון אַ טיר־קליאַמקע. דערנאָך איז ווידער געוואָרן אומעטום פינסטער און גאַנץ שטיל.

דער אַלטער מאַן האָט זיך פּלוצלינג אַ וואַקל געטון, גלײַך ווי ער וואָלט באַקומען אַ שטויס אין האַרץ אַרײַן. דאָרט, גאָר ביים סוף פון קאָרידאָר, דאָרט, וווּ די קליאַמקע האָט זיך אַזוי פאַררעטעריש אַ ריר געטון, דאָרט האָבן זיך געפונען... דאָרט האָבן זיך דאָך געפונען זײַנע אייגענע צימערן, דער דרייצימערדיקער אַפּאַרטאַמענט, וואָס ער האָט געדונגען פאַר זײַן פאַמיליע. זײַן פרוי, זי האָט ער מיט עטלעכע מינוט צוריק דאָך איבערגעלאָזט אַ שלאָפנדיקע, הייסט עס — ניין, אַ טעות איז דאָ אוממעגלעך — די דאָזיקע ווייבלעכע געשטאַלט, וואָס האָט זיך אומגעקערט פון אַ פרעמד צימער, קאָן נישט זײַן קיין אַנדערע, ווי ערנאַ, זײַן טאָכטער, וועלכע איז קוים נײַנצן יאָר אַלט.

דעם אַלטן מאַן איז אַ ציטער דורכגעלאָפן איבערן גאַנצן לייב, אַזוי קאַלט איז אים געוואָרן פאַר שרעק. זײַן טאָכטער ערנאַ, דאָס קינד, דאָס פריילעכע, צעלאָזענע קינד — ניין, דאָס איז אוממעגלעך, ער האָט גע־מוזט אַ טעות האָבן. — וואָס האָט זי דען געהאַט צו טון אין אַ פרעמד צימער, אויב נישט... ער האָט געוואָלט פאַרטרייבן פון זיך דעם דאָזיקן געדאַנק, ווי מען פאַרטרייבט אַ בייזע חיה, אָבער דאָס געשפּענסט־בילד פון דער אַנטלויפנדיקער געשטאַלט האָט זיך אים ווי מיט שאַרפע נעגל איינגעשניטן אין די שלייפן, נישט אָפּצורייסן, נישט פּטור צו ווערן דערפון: ער מוז וויסן די זאַך קלאָר. שווער אָטעמענדיק האָט ער זיך געשאַרט ביי דער וואַנט פון קאָרידאָר ביז צו איר טיר, וואָס האָט זיך געפונען אין

שכנות מיט זיינער. אָבער שרעקלעך: גראד דאָ, גראד ביי דער דאָזיקער איינער טיר אין גאַנצן קאָרידאָר, ציטערט אַ דינער ליכט־פּאָדים דורך אַ שפּאַלט און דורכן שליסל־לאָך שימערט אַ פּאַררעטעריש־ווייסער פּונקט: פיר אַזייגער פאַרטאָג ברענט נאָך ליכט אין איר צימער! און אַ נייער באַווייז: פּונקט אין דער רגע האָט אינעווייניק אַ קנאַק געטון דער עלעק־טרישער קאָנטאַקט, דער ווייסער ליכט־פּאָדים איז מיטאַמאָל פאַרזונקען געוואָרן אין דער פינסטערניש — ניין, ניין, דאָ וועט נישט העלפן קיין שום אַליינאָפּנאַרעריי — דאָס איז זי געווען, זיין טאָכטער ערנאַ, וואָס האָט זיך אינמיטן דער נאַכט אַרויסגעשלייכט פון אַ פרעמד בעט און זיך צוריק אַריינגעגנבעט אין אירן.

דער אַלטער מאַן האָט געציטערט פאַר גרויל און קעלט; און גלייכ־צייטיק האָט אַ שוויים באַגאָסן זיין גאַנצן קערפּער. די טיר אויפברעכן, מיט די פויסטן זי שלאָגן, די אומפאַרשעמטע, איז געווען זיין ערשטער געדאַנק. אָבער די פיס האָבן זיך אים געבראָכן אונטער דעם שווערן לייב. ער האָט נאָך קוים כוח געהאַט זיך צו דערשלעפּן אין זיין צימער אַריין און צום בעט; דאָרט איז ער אַ צעחושטער אַנידערגעפאַלן אויף די קישנס ווי אַן אונטערגעשאָסענע חיה.

*

דער אַלטער מאַן איז געלעגן אומבאַוועגלעך אין זיין בעט; מיט אָפענע אויגן האָט ער געגלאָצט אין דער פינסטערניש אַריין. נעבן זיך האָט ער געהערט דעם זאָרגלאָזן און רואיקן אָטעם פון זיין פרוי. זיין ערשטער געדאַנק איז געווען, זי אַ טרייסל טון און אויפוועקן, דערציילן איר די שרעקלעכע אַנטדעקונג, דעם ווייטיק זיך אויסשרייען פון האַרץ אַראָפּ. אָבער ווי אַזוי וועט ער דאָס אַרויסרעדן מיט ווערטער הויך אויפן קול, דאָס דאָזיקע שרעקלעכע? ניין, דאָס דאָזיקע וואָרט וועט אים קיינמאָל נישט קענען אַרויס פון מויל. אָבער וואָס טון? וואָס טון?

ער האָט געפּרוווט נאָכצוטראַכטן. אָבער די מחשבות האָבן ווי בלינ־דע פלעדערמייז זיך פאַרפּלאָנטערט אין זיין מוח. עס איז דאָך אַזוי מור־ראַדיק: ערנאַ, דאָס צאַרטע, גוטדערצויגענע קינד מיט די זיסע אויגן... ווי לאַנג איז דען, אַז ער פלעגט זי זען זיצן און לייענען פון דעם שול־בוך און זיך צוטייטלען מיט דעם קליינעם ראָזיקן פינגער די שווערע אותיות... ווי לאַנג איז דען, ווי ער פלעגט זי אין איר העלבלויען קליידל

גלייך פון שול פירן צום צוקערבעקער און דאָרט באַקומען דעם קינדערישן קוש פון דעם נאָך באַצוקערטן מייל׳כל... איז דען דאָס נישט געווען ערשט נעכטן?... ניין, דאָס איז געווען צוריק מיט יאָרן... אָבער ווי קינדיש האָט זי נעכטן, יאָ, טאַקע ערשט נעכטן זיך געבעטן ביי אים, אַז ער זאָל איר קויפן דעם בלוי־גאָלדענעם סוועטער, וואָס האָט אַזוי פאַרביק אַרויסגע־שיינט פון דעם שויפענסטער. „פאָטערל, איך בעט דיך! איך בעט דיך!“ — אויסשטרעקנדיק די הענט און צולאַכנדיק מיט דעם פריילעכן, זעלבסט־זיכערן געלעכטער, וועלכן ער האָט זיך קיינמאָל נישט געקאָנט אַקעגנ־שטעלן... און אַצינד, אַצינד צען שפּאַן פון זיין טיר, גנבעט זי זיך אינ־מיטן דער נאַכט אַרויס פון צימער צו אַ פרעמדן אין בעט אַריין און וואַל־גערט זיך דאָרט גיריק און נאַקעט...

„מיין גאָט!... מיין גאָט!...“ דער אַלטער מאַן האָט נישט ווילנדיק אַ קרעכץ געטון. „אַזאַ חרפּה! אַזאַ חרפּה!... מיין קינד, מיין צאַרט, אָפּ־געהיטן קינד מיט עפּעס אַ פרעמדן מאַנסביל... מיט וועמען?... ווער קאָן דאָס זיין?... מיר זענען דאָך ערשט דריי טעג דאָ אין גאַרדאָנע און זי האָט דאָך קיינעם פון די דאָזיקע אויסגעפּוצטע גולמס נישט געקענט פריער, נישט דעם דאָזיקן אויסגעצויגענעם קאָנטע אובאַלדי, נישט דעם איטאַ־ליענישן אָפיציר, נישט דעם דאָזיקן מעקלענבורגער פראַנט... ערשט אויפן צווייטן טאָג ביים טאַנצן האָט זי זיך מיט זיי באַקענט, און שוין זאָל זי איינער... ניין, עס איז נישט מעגלעך, אַז דאָס האָט געזאָלט זיין דער ערשטער, ניין... דאָס האָט זיך שוין געמוזט פריער אָנהויבן... נאָך אינ־דערהיים... און איך וויים גאָרנישט, איך האָב קיין אַנונג נישט, איך נאַר, איך אומגליקלעכער נאַר... און וואָס וויים איך דען בכלל וועגן זיי?... דעם גאַנצן טאָג האָרעווע איך פאַר זיי, זיץ צו פערצן שעה אין קאַנטאָר, פּונקט אַזוי ווי כ׳בין פריער געזעסן מיט דער וואַליזע מוסטערן אויף דער באַן... נאָר כדי צו האָבן פאַר זיי געלט, געלט, אַז זיי זאָלן זיך קענען מאַכן שיינע קליידער און רייך אויסזעען... און אַז איך קום אַהיים אין אָוונט אַ מידער, אַ צעבראָכענער, זענען זיי נישטאָ: אין טעאַטער, אויף בעלער, אין געזעלשאַפט... איך וויים דען עפּעס פון זיי, מיט וואָס זיי פאַרנעמען זיך דעם גאַנצן טאָג?... בלויז דאָס איינע וויים איך אַצינד, אַז מיין קינד גייט אינמיטן דער נאַכט מיט איר יונגען ריי־נעם קערפּער צו מענער, אַזוי ווי איינע פון דער גאַס... אָ, אַזאַ חרפּה!“

דער אַלטער מאַן האָט יעדעס מאָל אַרויסגעלאָזט אַ קרעכץ. יעדער נייער געדאַנק האָט אים אַ טיפערן שניט געמאַכט אין דער ווונד: ער האָט געהאַט דאָס געפיל, גלייך ווי זיינע געהירן וואָלטן צעבלוטיקטע געלעגן אָפן און עס קריכן דאָרט אַרום רויטע ווערים.

אָבער פאַרוואָס פאַרשווייג איך דאָס אַלץ?... פאַרוואָס ליג איך נאָך אַצינד דאָ און פייניק מיך, אין דער צייט וואָס זי שלאָפט זיך דאָרט רואיק און רוט אויס איר פאַראומרייניקט לייב?... פאַרוואָס בין איך נישט באַלד אַריינגעפאַלן אין איר צימער, זי זאָל וויסן, אַז מיר איז באַקאַנט איר שאַנד?... פאַרוואָס האָב איך איר נישט צעבראָכן די ביינער?... ווייל איך בין שוואַך... ווייל איך בין אַ פּחדן... איך בין תמיד שוואַך געווען אַנטקעגן זיי ביידע... איך האָב זיי אַלץ נאָכגעגעבן... איך בין נאָך שטאָלץ געווען דערמיט, וואָס איך פאַרשאַף זיי אַ גרינג לעבן, וויבאַלד דאָס מיינע איז שוין פאַרלוירן... מיט די נעגל האָב איך צוזאַמענגעשאַרט דאָס געלט, גראָשן צו גראָשן... די הויט וואָלט איך געלאָזט פון מיר אָפשינדן, בלויז נאָר זיי צו זעען צופרידענע... אָבער ווי נאָר איך האָב זיי רייך געמאַכט, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן מיט מיר צו שעמען... איך בין שוין געווען פאַר זיי נישט גענוג עלעגאַנט... צו ווייניק געבילדעט... און ווו האָב איך מיך געזאָלט בילדן? צו צוועלף יאָר האָט מען מיך אַרויסגענומען פון דער שול און איך האָב שוין געמוזט פאַרדינען, פאַרדינען, פאַרדינען... וואַליזקעס מיט מוסטערן אַרומטראָגן, פאָרן פון דאָרף צו דאָרף, פון שטאָט צו שטאָט, אײדער איך בין אימשטאַנד געווען צו עפענען אַן אייגן געשעפט... אָבער ווי נאָר זיי זענען אַריין אין ווױלטאָג, אין אַן אייגן הויז, האָבן זיי אַן אומחן געוואָרפן אויף מיין אַלטן ערלעכן גוטן נאָמען... איך האָב מיר געמוזט קויפן דעם טיטל קאָמערץ־ראַט, געהיימראַט, כדי מען זאָל זי מער נישט רופן פרוי סאָלאַמאָנזאָן, כדי זיי זאָלן זיך קענען פירן גרויסאַרטיק... גרויסאַרטיק! אויסגעלאַכט האָבן זיי מיך, ווען איך בין געווען געגן דעם אנשטעל פון גרויסאַרטיקייט, געגן זייער „פיינער" געזעלשאַפט, ווען איך האָב זיי דערציילט, ווי מיין מוטער, עליה השלום, האָט דאָס הויז געפירט, שטיל, באַשיידן, נאָר פאַר דעם פאָטער און דער פאַמיליע... אַלטמאָדיש בין איך, האָבן זיי געזאָגט... „דו ביסט אַלטמאָדיש, פאָטערל", האָט זי תמיד געחוזקט... יאָ, אַלטמאָדיש, יאָ... און אַצינד ליגט זי מיט פרעמדע מאַנסלייט אין אַ פרעמד בעט, מיין קינד,

מיין איינציק קינד... אַ, וואָס פאַר אַ חרפּה, וואָס פאַר אַ חרפּה..."

דער ווייטיק האָט ביים אַלטן מאַן ארויסגעריסן אַזעלכע טיפע זיפצן פון דער ברוסט, אַז די פרוי נעבן אים איז אויפגעקומען פון שלאָף.

„וואָס איז?" האָט זי געפרעגט פאַרשלאָפענערהייט. דער אַלטער מאַן האָט זיך נישט גערירט און איינגעהאַלטן דעם אָטעם. און אַזוי איז ער געבליבן ליגן אומבאַוועגלעך אין דעם פינסטערן קבר פון זיינע יסורים ביז אין ווייסן טאָג אַריין, צעפרעסן פון די מחשבות, אַזוי ווי פון ווערים.

*

צומאָרגנס אינדערפרי איז ער דער ערשטער געווען ביים טיש צום פרישטיק. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט מיט אַ קרעכץ, יעדער ביסן איז אים געווען דערווידער.

„ווידער אַליין", האָט ער געטראַכט, „שטענדיק אַליין!... ווען איך גיי אינדערפרי אַוועק אין ביוראָ, שלאָפן זיי נאָך בהרחבהדיק און פויל נאָך זייערע טאַנצערייען און טעאַטערס... ווען איך קום אין אָוונט אַהיים, זענען זיי שוין אויף די פאַרוויילונגען, אין גזעלשאַפט: דאָרט באַדאַרפן זיי מיך נישט... אָ, דאָס געלט, דאָס פאַרשאָלטענע געלט האָט זיי פאַרדאָרבן... עס האָט זיי פאַרפרעמדט פון מיר... איך נאָר האָב עס צונויפגעשאַרט און מיך אַליין דערביי באַגנבעט, מיך האָב איך דערמיט אָרים געמאַכט און זיי שלעכט... פופציק אומזיניקע יאָרן האָב איך געהאָרעוועט, נישט פאַרגונען מיר קיין איין פרייען טאָג, און אַצינד בין איך אַליין..."

ער האָט אָנגעהויבן צו ווערן אומגעדולדיק. „פאַרוואָס קומט זי נישט... איך וויל מיט איר רעדן, איך מוז עס איר זאָגן... מיר מוזן אַוועק פונדאַנען, די מינוט... פאַרוואָס קומט זי נישט... זי איז אַוודאַי נאָך מיד, זי שלאָפט זיך דאָרט פיין און רואיק און איך זיץ דאָ און פייניק מיך, איך אַלטער נאַר... און די מוטער פוצט זיך דאָך שוין־לאַנג, זי מוז זיך פריער באָדן, זיך שמינקען, לאָזן זיך מאַניקירן, פריזירן, זי וועט שוין נישט אַראָפּקומען פאַר עלף אַזייגער... איז דען עפּעס אַ חידוש?... וואָס קאָן שוין ווערן פון אַ קינד?... אָ, דאָס געלט, דאָס פאַרשאָלטענע געלט."

ער האָט דערהערט הינטער זיך לייכטע טריט. „ט'מאָרגן פאָטערל, גוט געשלאָפן?" עמעצער האָט פון דער זייט צאַרט זיך אָנגעבויגן צו אים, אַ לייכטער קוש האָט אַ גלעט געטון זיין שטערן. ער האָט נישט ווילנדיק אַ צי געטון דעם קאָפּ אויף צוריק: דער זיסלעך־שטיקנדיקער ריח פון

קאָטי־פּאַרפּום האָט אַרויסגערופן ביי אים אַן עקל. און דערצו...

„וואָס איז דיר, פּאָטערל... ווידער אַ שלעכטע שטימונג... אַ קאַווע, קעלנער, און ham and eggs ... שלעכט געשלאָפן, אָדער שלעכטע ידיעות?"

דער אַלטער מאַן האָט זיך איינגעהאַלטן מיט אַלע כוחות. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, נישט האָבנדיק דעם מוט אויפצוהויבן דעם בליק, און געשוויגן. בלויז אירע הענט אויפן טיש האָט ער געזען, די געליבטע הענט: אויסגעאיידלטע און מאַניקירטע האָבן זיי נאָכלעסיק אַרומגע־בלאָנדזשעט איבערן ווייסן טישטעך, ווי קליינע, פאַרצערטלטע הינטלעך. ער האָט אַ ציטער געטון. ער האָט בגנבה געוואָרפן אַ בליק אויף אירע צאַרטע, מיידלשע אָרעמס, די כמעט נאָך קינדישע, וואָס פלעגן אים פריער... ווי לאַנג איז עס גאָר אינגאַנצן?... אַזוי אָפט אַרומנעמען פאַרן שלאָפן גיין... ער האָט געזען די פיין געוועלבטע בריסטן, וואָס האָבן זיך אונטער דעם נייעם סוועטער לייכט באַוועגט ביים אָטעמען. „נאַקעט... נאַקעט... מיט אַ פרעמדן מאַנסביל זיך געוואַלגערט", האָט ער געטראַכט מיט כעס. „דאָס אַלדינג האָט ער אַרומגענומען, באַטאַפּט, געגלעט, גע־נאָסן... מיין פלייש און בלוט... מיין קינד... אָ, דער דאָזיקער פרעמדער הונט... אָ... אָ..."

נישט ווילנדיק האָט ער אַצינד ווידער אַ קרעכץ געטון. „וואָס איז דיר, פּאָטערל", האָט זי זיך חניפהדיק געטוליעט צו אים.

„וואָס מיר איז?" האָט עס געשריגן אינעווייניק אין אים. „אַ טאָכ־טער אַ הור האָב איך און מיר פעלט דער מוט, איר עס צו זאָגן."

אָבער ער האָט בלויז אומדייטלעך אַ מורמל געטון: „גאָרנישט! גאָר־נישט!" און האַסטיק אַ כאַפּ געטון די צייטונג, כדי זיך מיט איר צו פאַר־שטעלן פאַר איר פרעגנדיקן בליק, וואָרום ער האָט וואָס אַמאָל זיך גע־פילט וויי־ניקער בכוח זיך צו באַגעגענען מיט אירע אויגן. די הענט האָבן אים געציטערט. „אַצינד מוז איך עס איר זאָגן, אַצינד, כל זמן מיר זע־נען אַליין", האָט ער זיך געפייניקט אין די געדאַנקען. ער האָט אָבער נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין וואָרט פון מויל; עס האָט אים אַפילו אויסגעפעלט כוח אויפצוהויבן דעם בליק.

און פּלוצלינג האָט ער האַסטיק אָפּגעשטופּט די שטול און מיט שווע־רע טריט זיך שנעל געלאָזט גיין צום גאָרטן; וואָרום ער האָט דערפילט,

ווי געגן זיין ווילן קייקלט זיך אים א שווערע טרער איבער דער באק. און דאס באדארף זי נישט זעען.

•

דער אלטער מאן האט ארומגעבלאנדזשעט מיט זיינע קורצע פיס אי־בערן גארטן און לאנג געגלאצט אויף דער אזערע. שעור בלינד פון איינ־געהאלטענע טרערן, האט ער זיך דאך נישט געקאנט אפהאלטן פון בא־טראכטן די שיינע לאנדשאפט: ווי גרינע כוואליעס האבן זיך ווייך דער־הויבן די בערגלעך, באגאסן מיט א זילבערן ליכט און שווארץ באשאטנט מיט די דינע שטריכן פון ציפרעסן, און הינטער זיי האבן די בערג שטרענג אבער אן גאווה אראפגעקוקט צו דער מילדער אזערע אזוי ווי דערוואק־סענע מענטשן קוקן אויף דעם שטיפערישן שפילן זיך פון געליבטע קינ־דער. ווי צארט, אפן און גאסטפריינטלעך איז געלעגן אויסגעשפרייט די לאנדשאפט, ווי געלאקט האט צו זיין גוט און גליקלעך, אט דער דאזיקער אייביק לייטזעליקער שמייכל פון גאט איבער דעם דרומדיקן לאנד! „גליק־לעך!" דער אלטער מאן האט צעטומלט געשאקלט מיטן צו שווערן קאפ. „דא וואלט מען געקאנט זיין גליקלעך. איך האב אויך אמאל געוואלט פאר־זוכן דעם דאזיקן טעם, איך האב אויך אמאל געוואלט פילן, ווי שיין עס איז די וועלט פון די זארגלאזע... איינמאל נאך פופציק יאר שרייבן און רעכענען און האנדלען און וואנדלען האב איך מיר אויך געוואלט פארגי־נען עטלעכע מנוחהדיקע טעג... איינמאל, איינמאל, איינמאל, איידער מען וועט מיך באגראבן... גאט מיינער, אז מען איז אלט פינף און זעכציק יאר, שטייט שוין דער מלאך המות צו קאפנס, און דא וועט שוין דאס געלט און די דאקטוירים ווינציק וואס העלפן... בלויז אביסל דעם אטעם אפכאפן האב איך פריער געוואלט, איינמאל אויך פאר מיר אליין עפעס האבן... נאר ווי מיין פאטער עליו השלום פלעגט זאגן: „תענוגים זענען נישט פאר אונז, מיר טראגן די משא אויף די פלייצעס ביזן קבר". נעכטן נאך האב איך געמיינט, אז איך מעג מיר אויך אמאל עפעס פארגינען... נעכטן האב איך מיך געפילט כמעט ווי א גליקלעכער מענטש, איך האב מיך געפרייט מיט מיין שיין, ליכטיק קינד, איך האב מיך געפרייט מיט איר שמחה... און באלד האט מיך גאט געשטראפט און געמט מיר דאס שוין אוועק... ווארום אצינד איז דאך שוין א סוף צו אלץ אויף תמיד... איך קאן איר שוין נישט קוקן אין די אויגן אריין, אזוי גרוים איז די

חרפה... איך וועל שוין תמיד מוזן טראכטן דערפון, אינדערהיים, אין ביורא, און ביינאכט אין בעט: ווו איז זי אצינד, ווו איז זי געווען, וואס האט זי געטון?... איך וועל שוין קיינמאל נישט קענען אהיימקומען א רואיקער און טרעפן זי זיצן און זען ווי זי שפרינגט אויף און לויפט מיר אנטקעגן, און דאס הארץ וואקסט פאר נחת, זעענדיק זי יונג און שיין... אצינד, אז זי וועט מיך קושן, וועל איך טראכטן, ווער האט זיי נעכטן געהאט, די דאזיקע ליפן... איך וועל תמיד לעבן אין שרעק, ווען זי וועט זיין ווייט פון מיר, און תמיד מיך שעמען, ווען איך וועל איר קוקן אין די אויגן אריין. ניין, אזוי קאן מען נישט לעבן... אזוי קאן מען נישט לעבן..."

דער אלטער מאן האט מורמלענדיק זיך געוואקלט הין און הער, ווי א שכורער. ער האט געהאלטן אין איין גלאצן אויף דער אזערע און די טרערן זענען אים גערונען אין דער באָרד אריין. ער האט געמוזט אראפנעמען די ברילן און איז געבליבן שטיין מיט זיינע קורצזיכטיקע נאסע אויגן אזוי משונהדיק צעחושט, אז א גערטנער־יינגל, וואס איז גראד פארבייגעגאנגען, האט זיך פארוואונדערט אפגעשטעלט, זיך צעלאכט אויפן קול און צוגעווארפן דעם צעטומלטן אלטן מאן עטלעכע חוזק־ווערטער אויף איטאליעניש. דאס האט דעם אלטן מאן צוריק אויפגעוועקט פון זיין ווייטיק־שכרות; ער האט זיך א כאפ געטון פאר די ברילן און זיך אוועקגעשלייכט אין א זייט טיפער אין גארטן אריין, כדי דארט ערגעץ אויף א באנק זיך צו באהאלטן פאר מענטשן.

אבער ווי נאר ער האט זיך דערנענטערט צו אן אפגעזונדערט אָרט אין גארטן, האט אים פלוצלינג איבערגעשראקן א געלעכטער, וואס איז געקומען פון נישט ווייט... א געלעכטער, וואס איז אים געווען באקאנט און וואס האט אים אצינד דאס הארץ צעריסן. ניינצן יאר לאנג איז דאס דאזיקע לייכטע, שטיפערישע געלעכטער געווען זיין שענסטע מוזיק... צוליב דעם דאזיקן געלעכטער איז ער גאנצע נעכט געפארן מיט דריטער קלאס ביז פויזן און אונגארן, נאר כדי צו שאפן א גינסטיקן באדן, אויף וועלכן דאס דאזיקע זארגלאז־פרייליכע געלעכטער זאל קענען בליען... בלויז צוליב דעם דאזיקן געלעכטער האט ער געלעבט און פאר דאגות די נאל זיך קראנק געמאכט... בלויז נאר, אז דאס דאזיקע געלעכטער זאל תמיד קענען קלינגען אין דעם ליבן מיילכל. און אצינד האט אים דאס

דאָזיקע פאַרשאָלטענע געלעכטער געשניטן אין די געדערים ווי אַן אָנגעגליטע זעג.

און דאָך האָט עס אים צוגעצויגן. זי איז געשטאַנען אויפן טענים־פּלאַץ, באַוועגנדיק די ראַקעטע מיט דער נאַקעטער האַנט, אַט זי אַ וואָרף טוענדיק אין שפּיל אינדערהויך און אַט זי צוריק כאַפּנדיק. און תּמיד ביי יעדן וואָרף האָט אָפּגעהילכט איר שטיפעריש געלעכטער ביז צום בלויען הימל אַרויף. די דריי הערן האָבן געקוקט אויף איר מיט באַוווּנדערונג. דער קאָנטע אובאַלדי אין אַ לייכט טענים־העמד, דער אָפיציר אין זיין פּעסט אָנגעצויגענעם אוניפאָרם, און דער פראַנט אין אַ פּאָר עלעגאַנטע „בריטשעס". דריי שאַרפע מענערישע געשטאַלטן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי סטאַטועןאַרום דער ווי אַ שמעטערלינג אַרומפלאַטערנדיקער שפּילערין. דער אַלטער מאַן אַליין האָט ווי פאַרכישופט געמוזט אַהינקוקן. נאָט מיינער, ווי שיין זי איז געווען אין איר העל קורץ קלייד, די בלאָנדע האָר באַגאָסן מיט זון. און ווי באַגליקט די דאָזיקע יונגע גלידער האָבן געפּילט די אייגענע לייכטקייט ביים שפּרינגען און לויפן, פאַרשכורט און פאַרשכורנדיק אַנדערע מיט דער ריטמישער לייכטקייט פון די געהאָרכזאַמע געלענקן. אַצינד האָט זי שטיפעריש אַ וואָרף געטון דעם ווייסן טענים־באַל אינדערהויך, באַלד אַ צווייטן, אַ דריטן נאָך אים; וווּנדערלעך ווי איר שלאַנקער מיידלשער קערפּער האָט זיך עלאַסטיש געבויגן ביים וואַרפן און אונטערכאַפּן די באַלן, און אַט איצט אונטערשפּרינגענדיק, כדי דעם לעצטן צו כאַפּן. אַזוי האָט ער זי נאָך קיינמאָל נישט געזעען, אַזוי שטיפעריש צעפלאַמט, זי אַליין אַ ווייסער, שוועבנדיקער, פלאַטערנדיקער פלאַם מיט דעם זילבערנעם רויך פון געלעכטער איבער דעם צעפלאַקערטן לייב — אַ יונגע געטין, וואָס איז אַרויס פון דעם באַגרינטן דרומדיקן גאָרטן און פון דער ווייכער בלויקייט פון דער שפּיגלדיקער אָזערע. קיינמאָל פריער איז איר שלאַנקער מוסקולירטער קערפּער נישט געווען אַזוי געשפּאַנט אין אַ ווילדן ריטם ווי איצט ביים צעהיצטן שפּיל. נאָך קיינמאָל האָט ער זי נישט געזעען אַזוי אין דער אָנגעכמורעטער, מיט מויערן אַרומגעצוימטער שטאָט; ער האָט נאָך קיינמאָל אינדערהיים אָדער אויף דער גאַס נישט געהערט איר שטים אַזוי לויטער קלינגען, אַזוי באַפרייט זיין פון ערדישן און פאַרוואַנדלט אין אַ זינגענדיקער הייטערקייט; ניין, ניין, זי איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי שיין. דער אַלטער מאַן האָט געקוקט און גע־

קוקט. ער האָט אָן אַלדינג פאַרגעסן. ער האָט בלויז געזעען דעם ווייסן, פלאַטערנדיקן פלאָם. און ער וואָלט נאָך אַזוי געוועזן געשטאַנען אָן אַ סוף און זיך איינגעגעסן אין איר מיטן ליידנשאַפטלעכן בליק, ווען זי וואָלט נישט ענדלעך מיט אַ פלינקן בויג און אַ האַסטיקן שפּרונג אונטערגעכאַפּט דעם לעצטן פון די זשאָנגלירטע באַלן און שווער אָטעמענדיק, דערהיצט, מיט אַ שטאָלץ־שמייכלענדיקן בליק געדריקט אים צו דער ברוסט. „בראַ־וואָ, בראַוואָ" — ווי נאָך אַן אָפּערן־אַריע האָבן איר אַפּלאָדירט די דריי הערן, וואָס האָבן מיט געשפּאַנטקייט זיך צוגעקוקט צו איר געשיקט כאַפּן דעם באַל. זייערע האַלז־שטימען האָבן דעם אַלטן אויפגעוועקט פון זיין פאַרכשופטקייט. ער האָט אַ וואָרף געטון אויף זיי אַ צאָרנדיקן בליק.

„אָט זענען זיי, די באַנדיטן", האָט אים אַ קלאַפּ געטון אין האַרץ. „אָט זענען זיי... אָבער ווער פון זיי איז עס?... ווער פון די דריי האָט זי געהאַט?... ווי פיין זיי זענען אויסגעפּוצט, פּאַרפומירט און ראַזירט, אַזעל־כע ליידיקגייערס... אונזער איינער אין זייערע יאָרן האָט געמוזט זיצן אין קאַנטאָר מיט געלאַטעטע הויזן אָדער ברעכן זיך די פיס פון אַרומ־לויפן צו קונים... און זייערע טאַטעס זיצן נאָך אפשר אויך הייַנט און האָרעווען אויף זיי מיט ביטערן שווייס... און זיי פאָרן זיך אַרום איבער דער וועלט, גייען אַרום פּוסט און פּאַסט, האָבן אָפּגעברענטע, זאָרגלאָזע פּנימער און העלע, עזותדיקע אויגן... אַזוי איז גאָר לייכט צו זיין תמיד פריש און צופרידן און עס געניגט צוצוואַרפן אַזאַ אייטל קינד עטלעכע זיי־סע ווערטער, אַז זי זאָל גלייך קריכן אין בעט אַריין... אָבער ווער פון זיי דריי איז עס, וועלכער איז עס?... איך ווייס, אַז איינער פון זיי זעט זי אַצינד אַ נאַקעטע דורכן קלייד, ער באַלעקט זיך מיט דער צונג: איך האָב זי געהאַט... יאָ, ער האָט געפילט איר לייב הייס און נאַקעט, און ער טראַכט זיך, הייַנטיקן אָוונט ווידער, און ווינקט צו איר מיטן אויג, — אַ, דער דאָזיקער הונט!... ווען איך זאָל אים קענען צום טויט שלאָגן, דעם הונט!"

מען האָט אים פון דאָרט באַמערקט. די טאָכטער האָט סאַלוטירנדיק אַ הויב געטון די ראַקעטע און געלאָכט צו אים, די הערן האָבן געגריסט. ער האָט נישט צוריקגעענטפערט און בלויז געגלאָצט מיט בלוט־פאַרלאָ־פענע אויגן אויף איר שטיפעריש מויל: „דו קאָנסט נאָך לאַכן, דו אומ־פאַרשעמטע... און יענער לאַכט אוודאי אויך ביי זיך אין האַרץ און טראַכט

דערבײַ, אַט שטייט ער, דער אַלטער נאַרישער ייִד, וואָס ליגט בײַנאַכט אין זײַן בעט און שנאָרכט... ווען ער זאָל וויסן, דער דאָזיקער אַלטער נאַר!... יאָ, איך ווייס, איר לאַכט, איר טרעט איבער מיר פאַרבײַ ווי איבער אַ ברוד־דיקער שמאַטע... אָבער די טאָכטער איז פֿײַן און געהאָרכזאַם, זי לויפֿט צו אייך גיך אין בעט אַרײַן... און די מוטער, זי איז שוין אַפֿילו אַביסל צו דיק, צופֿיל געשמינקט און פֿאַרפּוצט, אָבער פֿונדעסטוועגן, ווען מ׳זאָל זי צורעדן, וואָלט זי נאָך אפֿשר אויך ריזיקירט צו כאַפּן אַ טענצל... איר זענט גערעכט, איר זענט גאַנץ גערעכט, ווען די דאָזיקע פֿאַרדאָרבענע ווײַ־בער לויפֿן אייך נאָך... וואָס גייט אייך אָן, ווען אַז אַנדערן ווייטיקט דער־פֿון דאָס האַרץ... דער עיקר איז, אַז איר זאָלט צופֿרידן זײַן, אַז זײַ, די פֿאַרדאָרבענע ווײַבער, זאָל צופֿרידן זײַן... מיט אַ רעוואָלווער וואָלט מען אייך באַדאַרפֿט דערשיסן, מיט אַ בײַטש אייך שמײַסן... אָבער איר זענט גאַנץ גערעכט, אַז קיינער טוט עס נישט... אַז מען פּרעסט אין זיך אַרײַן דעם אייגענעם צאָרן, ווי אַ הונט זײַן אייגן מיסט... איר זענט גע־רעכט, אויב מען איז אַזוי פּחדניש, אַזוי נישטיק פּחדניש... אַז מען גייט נישט צו צו דער אומפֿאַרשעמטער, כדי מיט געוואַלד זי אַוועקצושלעפּן פֿון אייך... אויב מען שטייט בלויז און מען קוקט זיך צו שטום, מיט דער גאַל אין מויל, פּחדניש... פּחדניש... פּחדניש...״

דער אַלטער מאַן האָט זיך געמוזט מיט די הענט אָנכאַפּן פֿאַרן אַנ־לען, אַזוי האָט עס אים געטרייסלט פֿאַר אָנמעכטיקן צאָרן. און פּלוצלינג האָט ער אַ שפּײַ געטון און וואַקלענדיק זיך אַרויס פֿון גאָרטן.

*

דער אַלטער מאַן האָט מיט שווערע טריט זיך דערשלעפּט צום קליי־נעם שטעטל; פּלוצלינג איז ער שטיין געבליבן פֿאַר אַ שויפֿענסטער: פֿאַר־שידענע אַרטיקלען פֿאַר טוריסטן, העמדער און נעצן, בלוזעס און מכשי־רים צו פֿיש־פֿאַנג, קראַוואַטן, ביכער און נעבעקס האָבן דאָרט דורך צו־פֿעליקער שכנות זיך אויסגעפֿורעמט אין קינסטלעכע פּיראַמידן און פֿאַר־ביקע פּאַליצעס. אָבער דעם אַלטנס בליק האָט זיך אָפּגעשטעלט בלויז אויף איין זאַך, וואָס איז ווי פֿאַרשעמט געלעגן צווישן דעם עלעגאַנטן מישמאַש פֿון זאַכן: אַ פֿעסטער שטעקן, גראָב און מאַסיוו, מיט אַן אײַ־זערנעם שפּיץ באַשלאָגן, וואָגיק אין דער האַנט און שווער אַראָפּפֿאַלנדיק אין אַ קלאַפּ. „ממיתן... ממיתן אים, דעם הונט!״ דער דאָזיקער געדאַנק

האָט אים אַריינגעבראַכט אין אַ צעטראָגנקייט, אין אַ כמעט תאוותדיקער פאַרשכורטקייט. עס האָט אים אַריינגעצויגן אין דער קראָם, ווו ער האָט פאַר אַ ביליקן פּרייז באַקומען יענץ שטיק האַלץ. און ווי נאָר ער האָט געגומען אין האַנט אַריין די דאָזיקע שווערע, געפּערלעכע זאַך, האָט ער זיך געפילט שטאַרקער: וואָפן מאַכן דאָך דעם פיזיש שוואַכן תמיד זיכערער אין זיך. ער האָט געפילט ווי דורכן באַרירן דעם שטעקן ווערן זיינע מוסקולן אָנגעשפּאַנט פעסטער: „ממיתן... ממיתן אים, דעם הונט!" האָט ער געמורמלט צו זיך אַליין, און אומבאַוווסט איז זיין וואַקלדיקער טריט געוואָרן אַנטשלאָסענער, פעסטער און געשווינדער. ער איז געגאַנגען, שעור געלאָפן הין און צוריק איבערן ברעג, אַ באַנאָסע־נער שוין מיט שוויים, אָבער גיכער דורך דער צעפּלאָקערטער ליידנ־שאַפט, ווי דורכן גיכן גיין, וואָרום ער האָט וואָס אַמאָל היציקער גע־דריקט אין דער האַנט דעם שווערן קאָפּ פון שטעקן.

מיט זיין וואָפן אין האַנט איז ער אַריינגעטרעטן אין דער בלויל־כער שאָטנדיקער קילקייט פון דער האָטעל־האַלע, באַלד מיט אַ צערייצ־טן בליק זוכנדיק דעם אומזעבאַרן שונא. און אָט האָט ער טאַקע דערזעען אַלע צוזאַמען זיצן אין אַ ווינקל אויף די ווייכע שטרויענע שטולן, זויגנ־דיק וויסקי מיט סאָדאַ דורך דינע שטרוי־רערלעך און פריילעך פּירנדיק אַ לייִדיקגייעריש שמועס: זיין פרוי, זיין טאָכטער און די אומפּאַרמייד־לעכע דריי באַגלייטער. „וועלכער איז עס? וועלכער איז עס?" האָט ער געטראַכט דריקנדיק אין דער פויסט דעם שווערן שטעקן. „וועמען פון זיי זאָל איך דעם קאָפּ שפּאַלטן?... וועמען?... וועמען?" אָבער באַלד איז ערנאַ, נישט באַגרייפנדיק זיין אומרואיק אַרומבלאָנדזשענדיקן בליק, אויפגעשפּרונגען און אים אַנטקעגנגעלאָפן. „אָט ביסטו, פּאַטערל! מיר האָבן דיך אומעטום געזוכט. שטעל דיר נאָר פאָר, דער הער פאָן מעדוויץ נעמט אונז מיט אין זיין פּיאַט און מיר וועלן פאָרן לענגאויס דער אָזע־רע ביז דעזענצאַנאָ." דערביי האָט זי אים צערטלעך געשטויסן צום טיש, ווי זי זאָל וועלן, אַז ער זאָל דאַנקען פאַר דער איינלאַדונג.

די הערן זענען העפלעך אויפגעשטאַנען און אים דערלאַנגט די האַנט. דער אַלטער מאַן האָט געציטערט. אָבער די ווייכע און וואַרעמע באַרי־רונג פון דער טאָכטער האָט אָפּגעשוואַכט זיין כעס. אין אַן אָנמאַכט פון ווילן האָט ער אָנגענומען די אויסגעשטרעקטע הענט איינע נאָך דער אַנ־

דערער, דערנאָך זיך שטילשווייגנדיק אַנידערגעזעצט, אַרויסגענומען אַ ציגאַר און אויסגעלאָזט צו אים זיין גאַנצן צאָרן, קייענדיק די ווייכע מאַסע מיט פאַרביסענע ציין. אַרום אים האָבן געפלאַטערט אָפּגעריסענע זאַצן פון דעם שמועס, וועלכער איז געפירט געוואָרן אויף פראַנצויזיש און איז געווען דורכגעפלאָכטן מיט אַ פריילעך געלעכטער פון עטלעכע שטימען.

דער אַלטער מאַן איז אַן איינגעבויגענער געזעסן שטום און פאַרכעם געביסן דעם ציגאַר, אַז אַ ברוינער זאַפט האָט אים אָנגעהויבן צו רינען צווישן די ציין. „זיי זענען גערעכט... זיי זענען גערעכט“, האָט ער געטראַכט. „איך בין ווערט, מען זאָל מיר אין פנים אָנשפייען... איך האָב אים נאָך די האַנט דערלאַנגט!... אַלע דריי, און איך ווייס דאָך, אַז איינער פון זיי איז יענער אויסוווּרף... איך זיץ נאָך רואיק ביי איין טיש מיט אים... איך ממית אים נישט, ניין, איך ממית אים נישט, איך דערלאַנג אים נאָך העפלעך די האַנט... זיי זענען גערעכט, גאַנץ גערעכט, אַז זיי לאַכן פון מיר... און ווי זיי קוקן זיך אפילו נישט אום אויף מיר, גלייך ווי איך וואָלט דאָ גאָרנישט געווען!... גלייך ווי איך וואָלט שוין געלעגן אין דער ערד... און דערביי ווייסן זיי דאָך ביידע, ערנאַ און איר מוטער, אַז איך פאַרשטיי נישט קיין איין וואָרט פראַנצויזיש... ביידע ווייסן זיי עס, ביידע, און קיין איינע ווענדט זיך נישט צו מיר מיט קיין וואָרט, לפנים כאָטש, אַז איך זאָל נישט מוזן זיצן אין אַזאַ לעכערלעכער סיטואַציע, אין אַזאַ שרעקלעך לעכערלעכער סיטואַציע... איך בין פאַר זיי נישט מער ווי לופט, הוילע לופט... אַן אומאַנגענעם צוטשעפעניש, וואָס באַלעסטיקט און שטערט... עפּעס אַזעלכעס, מיט וועלכן מען שעמט זיך און פון וועלכן מען קאָן זיך נישט אָפּפטרן, נאָר דערפאַר, ווייל עס פאַרדינט געלט... געלט, געלט, דאָס דאָזיקע מיאוסע, נישטיקע געלט, מיט וועלכן איך האָב זיי פאַרדאָרבן... דאָס געלט, אויף וועלכן עס רוט גאָטס קללה... קיין איין וואָרט רעדן זיי נישט צו מיר, מיין פרוי, מיין אייגן קינד, בלויז די דאָזיקע פוסטעפּאַסטניקעס, די דאָזיקע אויסגעפּוצטע ליידיקגייערס עקזיסטירן פאַר זיי... ווי זיי לאַכן צו זיי, גלייך מ׳וואָלט זיי געקיצלט, ווי זיי וואָלטן זיי מיט דער האַנט איבערן לייב געגלעט... און איך, איך טאָלעריר דאָס אַלץ... איך זיץ אַזוי און הער צו, ווי זיי לאַכן, און פאַרשטיי גאָרנישט, און זיץ פונדעסטוועגן, אָנשטאָט אויפצושטיין

און מיט דער פויסט זיי דערלאַנגען... אָט מיט דעם שטעקן זיי צעמזיקן און פונאַנדערצוטרייבן, איידער זיי וועלן זיך נאָך אָנהויבן באַהעפטן פאַר מיינע אייגענע אויגן... איך דערלויב דאָס אַלץ... איך זיץ אַזוי שטום, נאַריש, פּחדניש... פּחדניש... פּחדניש...״

„איר וועט דערלויבן", האָט אין דער רגע זיך געווענדט צו אים אין אַ געבראָכענעם דייטש דער איטאַליענישער אָפיציר און אויסגעשטרעקט די האַנט נאָך די שוועבעלעך.

דער אַלטער מאַן האָט זיך אַ צעשראָקענער אויפגעכאַפּט פון זיינע צעהיצטע מחשבות און מיט כעס אַ קוק געטון אויפן אָפיציר, וועלכער האָט קיין זאַך נישט חושד געווען. דער כעס האָט נאָך געברענט אין אים. אַ רגע האָט ער פעסט אַ דרוק געטון דעם שטעקן אין האַנט. באַלד אָבער האָט זיך אים דאָס מויל אויסגעקרימט אין אַן אומזיניקער גרימאַסע: „אָ, איך דערלויב", האָט ער געענטפערט מיט אַ הייזעריקער שטים, „אוודאי דערלויב איך, העהע... אַלץ דערלויב איך, וואָס איר ווילט נאָר... אַלץ דערלויב איך... אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג, שטייט צו אייער דיספּאָזיציע... מיט מיר קאָן מען זיך אַלץ דערלויבן...״

דער אָפיציר האָט אים אָנגעקוקט דערשטוינט. נישט קענענדיק גוט די שפּראַך, האָט ער נישט אַלץ פאַרשטאַנען. נאָר דאָס קרומע, שטשירענדיקע געלעכטער האָט אים באַאומרואיקט. דער דייטש איז נישט־ווילנדיק אויפגעשפּרונגען, דיביידע פרויען זענען געוואָרן בלייך ווי קאַלך. אויף אַ רגע לאַנג איז אַריינגעטרעטן אַ געשפּאַנטקייט ווי בעת דער קליינער פויזע צווישן בליץ און דעם נאָכקומענדיקן דונער.

באַלד אָבער איז די ווילדע גרימאַסע פאַרשוווּנדן, דער שטעקן האָט זיך אים אַרויסגעגליטשט פון דער צוזאַמענגעדריקטער פויסט. דער אַלטער מאַן האָט זיך ווידער צוזאַמענגעקורטשעט ווי אַ געשלאָגענער הונט און אונטערגעהוסט אין פאַרלעגנהייט, דערשראָקן פון דער אייגענער דרייסטקייט. ערנאַ האָט האַסטיק ווידער אָנגעקניפּט דעם איבערגעריסענעם שמועס, כדי אָפּצושוואַכן די פיינלעכע געשפּאַנטקייט, דער דייטשער באַראָן האָט געענטפערט מיט אַ בכיוונדיקער פרייַלעכקייט, און אין עטלעכע מינוט אַרום האָט דער פאַרהאַלטענער שטראָם ווידער אָנגעהויבן צו פליסן.

דער אַלטער מאַן איז געזעסן אינגאַנצן אַן אָפּגעזונדערטער צווישן

די פלוידערנדיקע, מען וואָלט געקאָנט מיינען, אַז ער איז איינגעשלאָפן. דער שווערער שטעקן, וואָס איז אים אַרויסגעפאַלן פון די הענט, האָט זיך צוועקלאָז געבאָמבלט צווישן די פיס. דער קאָפּ האָט זיך אים וואָס אַמאָל נידעריקער אַראָפּגעלאָזט אויף דער אונטערגעשפּאַרטער האַנט. אָבער קיינער האָט זיך שוין נישט אומגעקוקט אויף אים: איבער זיין שטיל־שווייגן האָט הילכיק געפּלאַסן די פלוידערנדיקע כוואַליע, טיילמאָל פלעגט אַ שטיפעריש־שפּאַסיק וואָרט אַ שפּריץ טון מיט אַ פינקלענדיקן שוים פון געלעכטער; ער אָבער איז אומבאַוועגלעך געלעגן אונטן אין אַ גרע־נעצלאָזער פינסטערניש, אַ באַגאַסענער מיט חרפה און יסורים.

*

די דריי מענער זענען אויפגעשטאַנען, ערנאַ האָט זיי אייליק נאָכ־געטון און דערנאָך די מוטער אַביסל פּאַמעלעכער. זיי האָבן זיך געלאָזט גיין, לויט איינעמס אַ פאָרשלאַג, אין דערבייאיקן מוזיקצימער און קיי־נער האָט נישט געהאַלטן פאַר נויטיק איינצולאַדן אויך דעם אַלטן, וואָס איז געזעסן אַ צעחושטער. ערשט דערפילנדיק די פּלוצלינגע פּוסטקייט אַרום זיך, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, ווי אַ שלאָפנדיקער כאַפּט זיך אויף פאַר קעלט, ווען די דעקע גליטשט זיך אַראָפּ פון אים ביינאַכט און אַ קאַלטער צוגלופט לויפט אים דורך איבערן לייב. נישט ווילנדיק האָט זיין בליק אָנגעהויבן צו בלאָנדזשען איבער די ליידיקגעבליבענע שטולן; באַלד אָבער האָט זיך פון שכנותדיקן מוזיק־סאַלאָן דערהערט אַ טומלדי־קער און קלאַפּנדיקער דזשאַז, אויסגעמישט מיט געלעכטערס און פריי־לעכע אויסרופן. זיי האָבן דאָרט געטאַנצט. יאָ, טאַנצן, תמיד טאַנצן, אָט דאָס קענען זיי! תמיד זיך דאָס בלוט צערייצן, תמיד תאווהדיק זיך רייבן איינער אָן אַנדערן, ביז דאָס בלוט ווערט צעקאָכט. טאַנצן, אין אָוונט, ביינאַכט און אינמיטן העלן טאָג, די פוילענצער, די ליידיקגייערס, כדי די ווייבער צו פאַרנאַרן.

אַ פאַרביטערטער האָט ער ווידער אַ כאַפּ געטון דעם שווערן שטעקן און זיך אַ לאָז געטון צו זיי. ביי דער טיר איז ער געבליבן שטיין. דער דייטשער באַראָן איז געזעסן ביים קלאַוויר, האַלב אויסגעדרייט, כדי צו אָבסערווירן די טאַנצנדיקע, און געקנאַקט איבער די קלאַווישן אויף אויסנ־ווייניק עפּעס אַן אַמעריקאַנער גאַסנליד. ערנאַ האָט געטאַנצט מיטן אָפי־ציר, דער לאַנג־פיסיקער קאַנטע אובאַלדי האָט מיט מי געפירט ריטמיש

הין און צוריק די מוטער, א שווערלייביקע און אַ פעסטע. אָבער דער אַל־טער מאַן האָט בלויז געקוקט אויף ערנאַ און איר פּאַרטנער. ווי לייכט און לאַשטשענדיק דער דאַזיקער הונט האַלט זיינע הענט אויף אירע צאַרטע אַקסלען, ווי זי זאָל צו אים געהערן אינגאַנצן! ווי איר קערפּער וויגט זיך און טוליעט זיך צוזאַגעריש צו זיינעם, ווי זיי שמעלצן זיך צו־זאַמען פאַר זיינע אייגענע אויגן אין אַ קוים איינגעהאַלטענער ליידנ־שאַפט! יאָ, דאָס איז ער געווען, ער — וואָרום אין די דאָזיקע צוויי צע־וויגטע קערפּערס האָט מען באַשיינפּערלעך געזען פלאַקערן אַן אינטימ־קייט, אַ נאָענטקייט, וואָס איז שוין אַריינגעדרונגען אין בלוט. יאָ, ער איז עס געווען, ער — נאָר ער האָט דאָס געקאָנט זיין; ער האָט דאָס אַרויסגעלייענט פון אירע אויגן, וואָס האָבן האַלב פאַרמאַכטע בעת דעם דאָזיקן לייכטן שוועבן אָפּגעשפּיגלט די דעראַינערונג פון אַ הייסן געניס. ער איז עס געווען, ער, דער גנבֿ, וואָס האָט אינדערנאַכט שטורמיש גע־נומען דאָס, וואָס איז אַצינד האַלב־דורכזיכטיק פאַרבאָרגן אונטערן דינעם פלאַטערנדיקן קלייד, זיין קינד, זיין קינד! ער האָט אינסטינקטיוו גע־מאַכט אַ טריט פאָראויס, כדי זי אָפּצורייסן פון אים. אָבער זי האָט אים נישט באַמערקט. מיט איר יעדער באַוועגונג האָט זי זיך נאָכגעגעבן דעם ריטם און דעם אומבאַמערקלעך קירעווענדיקן דרוק פון איר פירער, פון איר פאַרפירער: מיט אַ צוריקגעבויגענעם קאָפּ און מיט אַ האַלב־געעפנט פייכט מויל, אינגאַנצן אַ פאַרשכורטע און אָן אַלץ פאַרגעסנדיק, האָט זי לייכט געשוועבט אונטער די קלאַנגען פון דער מוזיק, נישט פילנדיק דאָס אָרט, נישט די צייט און נישט די מענטשן אַרום, נישט באַמערקנדיק דעם ציטערנדיקן שווערעטעמענדיקן אַלטן מאַן, וואָס איז געשטאַנען און גע־קוקט אויף איר מיט בלוט פאַרלאָפענע אויגן און מיט אַ פאַנאַטישן אויס־ברוך פון צאָרן. בלויז זיך אַליין האָט זי געפילט און אַז אַ מאַן הארט נעבן איר באַגערט זי, אַז אַ שטאַרקער אָרעם האַלט זי אַרומגענומען און אַז זי מוז זיך אַ כוח אָנטון, נישט צו פאַלן אויף אים מיט באַגערלעכע ליפּן און הייסער תאווה פון איבערגעבן זיך. און דאָס אַלדינג האָט דער אַל־טער מאַן מאַגיש געפילט אין זיין אייגן דערשיטערט בלוט; יעדעס מאָל, ווען זי האָט טאַנצנדיק זיך דערווייטערט פון אים, האָט זיך אים אויסגע־דאַכט, ווי זי וואָלט פאַרשווונדן געוואָרן אויף אייביק.

פּלוצלינג האָט די מוזיק ווי אַ געפּלאַצטע סטרונע זיך איבערגעריסן

אינמיטן טאַקט. דער דייטשער באַראָן איז אויפגעשפּרונגען: Assez „ (1.
„Maintenant je (2 ,joué pour vous" האָט ער געזאָגט לאַכנדיק.
. veux danser moi même" אַלע האָבן פריילעך איינגעשטימט,
די טאַנצנדיקע פּאָרלעך האָבן זיך אויפגעלייזט און די גאַנצע גרופּע
האָט זיך צונויפגעמישט אין אַ פריי צוזאַמענזיין.

דער אַלטער מאַן איז ווידער צו זיך געקומען: מען דאַרף אַצינד עפּעס
טון, עפּעס זאָגן! נישט אַזוי שטיין ווי אַ גולם, אַזוי ווי אַן איבעריקער!
גראַד איז זיין פרוי פאַרבייגעגאַנגען, אַביסל שווער־אָטעמענדיק נאָך פון
דער אָנשטרענגונג און צעוואַרעמט פאַר צופרידנקייט. דער צאָרן האָט
אים אַ שטויס געטון צו אַ פּלוצלינגן אַנטשלוס: „קום", האָט ער אָפּגע־
ריסן און אומגעדולדיק אַ זאָג געטון, „איך האָב מיט דיר עפּעס צו רעדן".

זי האָט פאַרוווּנדערט אַ קוק געטון אויף אים: דער בלאַסער שטערן
איז אים פייכט געווען פון טראָפּנס שווייס, זיינע אויגן האָבן אויסגע־
זען ווילד. וואָס וויל ער? פאַרוואָס מוז ער גראַד אַצינד שטערן? זי האָט
שוין געהאַט גרייט אויף די ליפּן אַן אָפּזאָג, אָבער זי האָט מיטאַמאָל באַ־
מערקט אין אים אַזאַ געפערלעכע צערייצטקייט, אַז איר איז גלייך גע־
קומען אויפן געדאַנק זיין פריערדיקער צאָרן־אויסברוך און זי האָט אָן
חשק זיך געלאָזט גיין נאָך אים.

„Excusez, messieurs, un instant!" (3, האָט זי אַנטשולדיקנ־
דיק זיך אַ זאָג געטון צו די הערן. „פאַר זיי אַנטשולדיקט זי זיך," האָט
ער מיט כעס געטראַכט, „פאַר מיר האָבן זיי זיך נישט אַנטשולדיקט, ווען
זיי זענען אויפגעשטאַנען פון טיש. איך בין פאַר זיי אַ הונט, אַ שמאַטע,
אויף וועלכער מען טרעט. אָבער זיי זענען גערעכט, זיי זענען גערעכט,
וויבאַלד איך טאָלעריר דאָס אַלדינג."

זי האָט געוואַרט מיט שטרענג אַרויפגעצויגענע ברעמען. ער איז גע־
בליבן שטיין פאַר איר מיט ציטערנדיקע ליפּן, ווי אַ שילער פאַרן לערער.
„נו?" האָט זי ענדלעך אַרויספאָדעריש אַ זאָג געטון.

„איך וויל נישט... איך וויל נישט...", האָט ער ענדלעך אומבאַהאָל־
פן אַרויסגעשטאַמלט. „איך וויל נישט, אַז איר..., אַז איר זאָלט דאָ מיט

---

1) גענוג געשפּילט פאַר אייך.
2) איצט וויל איך אַליין טאַנצן.
3) אַנטשולדיקט, מיינע הערן, אַ רגע.

די דאַזיקע מענטשן האָבן צו טון.“

„מיט וועלכע מענטשן?“ — האָט זי, בכיוון נישט פאַרשטייענדיק, אים צוגעוואָרפן אַ ברוגזן בליק, גלייך ווי ער זאָל זי האָבן באַליידיקט.

„מיט די דאָזיקע דאָ“ — האָט ער מיט כעס אַ קער געטון דעם קאָפּ אין דער ריכטונג פון מוזיק־צימער—, „עס פּאַסט מיר נישט... איך וויל עס נישט...“

„און פאַרוואָס נישט?“

„שטענדיק דער דאָזיקער אינקוויזיטאָרישער טאָן“, האָט ער פאַר־ביטערט געטראַכט, „גלייך איך וואָלט געווען ביי איר אַ משרת“, און נאָך מער אויפגערעגט האָט ער געשטאַמלט: „איך האָב מיר מיינע סיבות... גאַנץ באַשטימטע סיבות... עס פּאַסט מיר נישט... איך וויל נישט, אַז ערנאַ זאָל רעדן מיט די דאָזיקע מענטשן... איך בין נישט מחוייב אַלץ צו זאָגן.“

„טוט עס מיר זייער לייד,“ האָט זי גדלותדיק צוריקגעענטפערט. „איך האַלט אַלע דריי הערן פאַר אויסערגעוויינלעך גוט־דערצויגענע מענטשן, פאַר אַ סך בעסערע געזעלשאַפט, ווי מיר האָבן ביי זיך אינ־דערהיים.“

„בעסערע געזעלשאַפט!... די דאָזיקע טויגעניכטס... די דאָזיקע...“ דער צאָרן האָט אים געשטיקט וואָס אַמאָל שטאַרקער. און פּלוצלינג האָט ער אַ טופּע געטון מיטן פוס. „איך וויל עס נישט... איך פאַרבאָט עס... האָסט פאַרשטאַנען?“

„ניין“, האָט זי קאַלטבלוטיק געענטפערט. „איך האָב גאָרנישט פאַר־שטאַנען. איך פאַרשטיי נישט, פאַרוואָס איך זאָל דעם קינד שטערן דאָס פאַרגעניגן...“

„דאָס פאַרגעניגן!... דאָס פאַרגעניגן!...“ ער האָט זיך אַ וואַקל גע־טון, ווי נאָך אַ שטאַרקן קלאַפּ, דאָס פּנים רויט, דער שטערן באַדעקט מיט אַ פּייכטן שווייס — די האַנט האָט אין דער לופט געזוכט דעם שווערן שטעקן, זיך אָנצולענען, אָדער אפשר אַ קלאַפּ צו געבן מיט אים. אָבער ער האָט אים געהאַט פאַרגעסן. און דאָס האָט אים ווידער געבראַכט צו זיך. ער האָט זיך באַהערשט — אַ וואַרעמע כוואַליע איז אים פּלוצ־לינג דורך איבערן האַרץ. ער איז צוגעגאַנגען צו איר נענטער, ווי ער וואָלט זי וועלן אָננעמען ביי דער האַנט. זיין קול איז געוואָרן גאַנץ

הכנעהדיק, כמעט בעטלעריש. „דו... דו פארשטייסט מיך נישט... איך מיין דאָך נישט מיין טובה... איך בעט אייך נאָר... דאָס איז מיין ערשטע בקשה צו אייך זינט יאָרן: לאָמיר אוועקפאָרן פון דאַנען... לאָמיר אוועק קיין פלאָרענץ, קיין רוים, וווהין איר ווילט נאָר, עס איז מיר אַלצאיינס... איר קאָנט זיך אַלדינג אויסביטן, ווי איר ווילט נאָר אַליין... נאָר אוועק פון דאַנען, איך בעט דיך... אוועק.. נאָר אוועק, היינט נאָך... היינט... איך... איך קאָן שוין לענגער נישט אויסהאַלטן... איך קאָן נישט."

„היינט?" זי האָט דערשטוינט און אָפּזאָגעריש גערונצלט דעם שטערן. „היינט אוועקפאָרן? וואָס איז דאָס עפּעס פאַר אַ נארישע המצאות... און אַלץ דערפאַר, ווייל די הערן זענען דיר אומסימפּאַטיש... עס נויט דיך דאָך קיינער נישט, דו זאָלסט מיט זיי פארברענגען."

ער איז נאָך אַלץ געשטאַנען מיט תחנונימדיק אויסגעשטרעקטע הענט. „איך קאָן עס נישט אויסהאַלטן, האָב איך דיר געזאָגט... איך קאָן נישט, איך קאָן נישט. פרעג מיך נישט, איך בעט דיך... נאָר גלויב מיר, אַז איך קאָן עס נישט אויסהאַלטן... איך קאָן נישט. איינמאָל טוט מיר אויך עפּעס צוליב, איין איינציק מאָל טוט עפּעס פאַר מיר..."

אין שכנותדיקן סאַלאָן האָט מען ווידער אָנגעהויבן טראַסקען אויפן קלאַוויר. זי האָט אויף אים אַ קוק געטון, געגן איר ווילן צערודערט פון זיין געשריי; אָבער ווי משונהדיק לעבערלעך האָט ער אויסגעזעען, דער דאַזיקער נידעריקער דיקער מאַן, דאָס פּנים רויט ווי פאַר אַן אַפּאָפּ־לעקסיע, די אויגן אַרויסגעזעצט און צעטומלט, די הענט ציטערנדיק אויסגעשטרעקט פון די צו קורצע אַרבל אין דער לופט אריין. עס איז איר פיינלעך געווען צו זעען אים אין אַזאַ נעבעכדיקן מצב. אָבער דאָס ווייך געוואָרענע געפיל איז צוריק פארגליווערט געוואָרן אין ווערטער:

„דאָס איז אוממעגלעך", האָט זי ווי אָפּגעהאַקט. „אויף היינט האָבן מיר זיי צוגעזאָגט דעם שפּאַציר... און חוץ דעם, נעמען און אוועקפאָרן צומאָרגנס, בעת מען האָט געדונגען אויף דריי וואָכן... מען מאַכט זיך דאָך בלויז לעבערלעך... איך זע נישט די מינדסטע סיבה אויף אוועקצו־פאָרן... איך בלייב דאָ און ערנאַ אויך..."

„און איך קאָן מיר גיין, נישט אמת?... איך שטער דאָך דאָ בלויז... איך שטער אייך נאָר... אייער פארגעניגן."

מיטן דאָזיקן פארשטיקטן אויסגעשריי האָט ער איר צעשניטן דעם

זאַץ אין מיטן וואָרט. זיין איינגעבויגענער שווערער גוף האָט זיך אַ הויב געטון, די הענט האָבן זיך געבאַלט אין פויסטן, אויפן שטערן האָט ווילד אָנגעהויבן צו ציטערן דער כעס־אָדער. אינעווייניק אין אים האָט נאָך עפּעס געברויזט און זיך געריסן אויף אַרויס, אַ וואָרט, אָדער אפשר אַ קלאַפּ. אָבער פּלוצלינג האָט ער זיך האַסטיק געטון אַ דריי אויס, שנעל, וואָס אַמאָל שנעלער גענומען טאָפּטשען מיט זיינע שווערע פיס צו די שטיגן און גיך, ווי עס וואָלט אים עמעצער נאָכגעיאָגט, אַרויף אינדער־הייך.

*

דער אַלטער מאַן האָט שווער אָטעמדיק געאיילט איבער די שטיגן: נאָר אין צימער אַריין, אַליין זיין, זיך באַהערשן, די נערוון איינשטילן, נישט אָפּטון קיין נאַרישקייטן! ער איז שוין געהאַט צוגעקומען צום ערשטן שטאָק, ווי מיטאַמאָל — ער האָט געהאַט דאָס געפיל ווי הייסע חיהשע נעגל וואָלטן אים אינעווייניק אַ ריס געטון דאָס איינגעוויד — איז ער אַ טויטבלייכער און וואַקלענדיק זיך צוגעפאַלן צו דער וואַנט. אַ, דער דאָזיקער ווילדער, ברענענדיקער, שניידנדיקער ווייטיק; ער האָט גע־מוזט די ציין צוזאַמענדריקן, כדי נישט אויסצושרייען הויך אויפן קול. דער באַפאַלענער גוף האָט זיך קרעכצנדיק געקורטשעט. ער האָט גלייך פאַרשטאַנען, וואָס עס איז אים געשען: אַ גאַל־קראַמף, איינער פון יע־נע מוראדיקע אָנפאַלן, וואָס האָבן אים אין דער לעצטער צייט אָפט גע־פייניקט, אָבער קיינמאָל נאָך נישט מיט אַזעלכע טייוולאָנישע יסורים ווי אַצינד. „קיין שום אויפרעגונגען“, האָט דער מעדיקער געזאָגט — איז אים אין דער זעלבער רגע דורכגעלאָפן דער געדאַנק, אינמיטן די יסורים. און נאָך אינמיטן די יסורים האָט ער מיט ביטערן צאָרן געחוזקט. „גרינג צו זאָגן, קיין שום אויפרעגונגען... זאָל מיר נאָר דער הער פּראָפעסאָר וויזן, ווי אַזוי זיך נישט אויפצורעגן, אַז מען... אָי... אָי...“

דער אַלטער מאַן האָט געיאָמערט, אַזוי מוראדיק האָבן געריסן די אומגעזעענע חיהשע נעגל אין דעם געפייניקטן לייב. ער האָט מיט מי זיך דערשלעפּט ביז צו דער טיר פון זיין סאַלאָן, זי מיט אַ שטויס גע־עפנט און אַנידערגעפאַלן אויף דער אָטאָמאַנע, איינבייסנדיק די ציין אין קישן. אין ליגן האָט דער ווייטיק באַלד אַביסל נאָכגעלאָזט, די הייסע נעגל האָבן זיך שוין נישט אַזוי טייוולאָניש טיף איינגעשניטן אין דעם מוראדיק צעווייטיקטן איינגעוויד. „אַ קאָמפּרעס זאָל איך מיר מאַכן“,

האָט ער זיך דערמאַנט, „די טראָפּנס נעמען, וועט מיר באַלד בעסער ווערן.“ עס איז אָבער קיינער נישט געווען, ווער ס'זאָל אים העלפן, קיי־נער נישט. און ער אַליין האָט נישט געהאַט קיין כוח זיך צו דערשלעפּן צום אַנדערן צימער אָדער בלויז אַפילו ביז צום גלעקל.

„קיינער איז נישטאָ“, האָט ער מיט פאַרביטערונג געטראַכט, „איך וועל נאָך אַמאָל פּגרן ווי אַ הונט... וואָרום איך ווייס דאָך, אַז דער דאַ־זיקער ווייטיק איז נישט די גאַל... דאָס איז דער טויט, וואָס וואַקסט אין מיר... איך ווייס, אַז איך בין אַ פאַרלוירענער מענטש, און קיין שום פּראָפעסאָרן און קיין שום קוראַציעס קענען מיר שוין נישט העלפן... ביי פינף און זעכציק יאָר ווערט מען שוין נישט צוריק געזונט... איך ווייס, וואָס עס גראָבט און עגבערט דאָרט אין מיר, דאָס איז דער טויט, און די עטלעכע יאָר, וואָס זענען מיר נאָך פאַרבליבן, וועלן שוין נישט זיין קיין לעבן, נאָר אַ גסיסה, אַ גסיסה... אָבער ווען, ווען האָב איך דען געלעבט?... פאַר מיר געלעבט, פאַר מיר אַליין?... וואָס פאַר אַ לעבן איז דאָס געווען: תמיד נאָר געלט געזאַמלט, געלט, געלט, שטענדיק בלויז פאַר אַנדערע, און אַצינד, וואָס העלפט עס מיר אַצינד?... איך האָב גע־האַט אַ פרוי, איך האָב זי גענומען אַ מיידל, איר לייב געעפנט, און זי האָט מיר אַ קינד געבוירן; יאָרן לאַנג האָט מען געאָטעמט די זעלבע לופט אין זעלבן בעט... און אַצינד, ווו איז זי אַצינד... איך דערקען נישט מער איר פּנים, איך דערקען נישט איר קול... ווי אַ פרעמדע רעדט זי צו מיר, זי טראַכט קיינמאָל נישט וועגן מיר, וועגן דעם אַלעם, וואָס איך פיל און לייד און טראַכט... אינגאַנצן פרעמד איז זי מיר שוין זייט יאָרן... ווו איז אַלץ אַהינגעקומען, ווו... און אַ קינד האָט מען געהאַט... געזען זי אויפוואַקסן, איך האָב געמיינט, דאָ הויבט זיך אָן אַ ניי לעבן, אַ ליכ־טיקערס, אַ גליקלעכערס, ווי ס'איז מיר אַליין געווען באַשערט, עס וועט עפּעס אַ זכר נאָך מיר בלייבן... און אָט גייט זי גאָר אינמיטן נאַכט אַוועק פון מיר און גיט זיך אָפּ צו מענער... נאָר מיר אַליין וועל איך אָפּשטאַרבן, נאָר מיר אַליין... וואָרום פאַר אַנדערע בין איך שוין געשטאָרבן... גאָט מיינער, גאָט מיינער, נאָך קיינמאָל בין איך נישט געווען אַזוי אַליין...“

די חיהשע נעגל פלעגן טיילמאָל ווילד אָנכאַפּן און דערנאָך ביסלעכ־ווייז נאָכלאָזן. אָבער דער אַנדערער ווייטיק האָט כסדר געקלאַפּט אין די שלייפן וואָס אַמאָל טיפער; די מחשבות ווי האַרטע, שפּיציקע, אומדער־

בארעמדיק הייסע שטיקער קיזלשטיין האָבן געשטאָכן אין מוח: נאָר נישט טראַכטן אַצינד, נאָר נישט טראַכטן! דער אַלטער מאַן האָט צע־קנעפּלט דעם ראָק און די וועסט — דער אָנגעגאָסענער גוף האָט שווער און מגושמדיק געציטערט אונטער דעם אויפגעבלאָזענעם העמד. ער האָט פּאַרזיכטיק צוגעלייגט די האַנט צום צעווייטיקטן אָרט. „בלויז וואָס דאָ טוט ווײ, דאָס בין איך", האָט ער געטראַכט; „נאָר דאָס בין איך, בלויז דאָס דאָזיקע שטיק הייסע הויט... און בלויז דאָס, וואָס עגבערט אינע־ווייניק, בלויז דאָס אַליין געהערט נאָך צו מיר, מיין קראַנקהייט, מיין טויט... נאָר דאָס בין איך... דאָס הייסט שוין נישט קאַמערץ־ראַט און עס האָט נישט קיין פרוי און קיין קינד און קיין געלט און קיין הויז און קיין געשעפט... און בלויז דאָס דאָזיקע אַליין איז ממשותדיק, אָט דאָס וואָס איך טאַפּ אָן מיט די פינגער, מיין ליב און דאָס הייסע אינע־ווייניק, וואָס טוט וויי... דאָס גאַנצע איבריקע איז נאַרישקייטן און האָט שוין נישט קיין שום זין... וואָרום דאָס, וואָס טוט מיר דאָ וויי, טוט נאָר מיר אַליין וויי... דאָס וואָס קוועלט מיך, קוועלט נאָר מיך אַליין... זיי פאַרשטייען מיך שוין נישט, און איך פאַרשטיי זיי נישט... מען איז גאַנץ איינזאַם, נאָר מיט זיך אַליין, איך האָב עס קיינמאָל נישט געפילט אַזוי קלאָר ווי אַצינד. אַצינד אָבער ווייס איך עס, אַצינד בעת איך ליג און שפּיר, ווי דער טויט וואַקסט מיר אונטער דער הויט, אַצינד, צו שפּעט, אין פינף און זעכציקסטן יאָר, שוין נישט לאַנג פאַר דער גסיסה, אַצינד, בעת זיי טאַנצן און גייען אַרום שפּאַצירן אָדער שלעפּן זיך אַרום, די פאַר־דאָרבענע ווייבער... אַצינד ווייס איך, אַז איך האָב געלעבט פאַר זיי, פאַר זיי, וואָס זענען מיר אַפילו נישט דאַנקבאַר, און קיינמאָל נישט, קיין איין שעה אַפילו, פאַר מיר אַליין... אָבער וואָס גייען זיי מיך נאָך אָן... וואָס גייען זיי מיך אָן... צו וואָס טראַכטן וועגן זיי, וועלכע טראַכטן קיינמאָל נישט וועגן מיר?... בעסער פגרן, איידער אָננעמען זייער מיטלייד... וואָס גייען זיי מיך נאָך אָן..."

ביסלעכווייז, פּאַמעלעך אָפּטרעטנדיק, האָט אים דער ווייטיק אָפּ־געלאָזט: די אומדערבאַרעמדיקע האַנט האָט שוין נישט אַזוי שאַרף, אַזוי ברענענדיק געריסן דאָס צעווייטיקטע ליב. נאָר עפּעס אַ מטושטשדיקער, קוים פילבאַרער ווייטיק איז געבליבן, עפּעס משונהדיקס האָט געדריקט און געפּרעסט און זיך אַריינגעגבערט טיף אינעווייניק. דער אַלטער מאַן

איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן און אָנגעשטרענגט זיך איינגעהאָרכט צום דאָזיקן שטילן צופּן און נאָגן: ער האָט געהאַט דאָס געפיל, ווי די דאָזיקע פרעמדע אומבאַקאַנטע קראַפט בויערט עפּעס אין זיין לייב צו־ערשט מיט שאַרפע און דערנאָך מיט טעמפּערע מכשירים, ווי עס ווערט דאָרט עפּעס שלאַבעריק און עס שיילט זיך אָפּ געוועב נאָך געוועב. עס האָט שוין נישט געריסן אַזוי ווילד. עס האָט שוין מער נישט וויי געטון. אָבער עפּעס האָט אינעווייניק שטיל געטליעט און געפוילט, עס האָט עפּעס אָנגעהויבן אָפּצושטאַרבן. אַלץ, וואָס ער האָט דורכגעלעבט, אַלץ, וואָס ער האָט ליב געהאַט, איז אַריינגעפאַלן אין דעם דאָזיקן פּאַמעלעך פרעסנדיקן פלאַם, האָט זיך געררויכערט און געטליעט, ביז עס איז צו־קרישלט און פאַרקוילט זיך פונאַנדערגעפאַלן אין אַ לעבלעך אַש פון גלייב־גילטיקייט. עפּעס איז געשעען, ער האָט עס מטושטשדיק געשפּירט, עפּעס איז געשעען, בעת ער איז אַזוי געלעגן און ליידנשאַפטלעך נאָכגעטראַכט וועגן זיין לעבן. עס האָט צו עפּעס געקומען אַ סוף. וואָס איז דאָס געווען? ער האָט זיך גוט צוגעהערט און איינגעהאָרכט אין זיך אַריין.

און בישלעכווייז האָט זיך אָנגעהויבן דער חורבן פון זיין האַרץ.

*

דער אַלטער מאַן איז מיט פאַרמאַכטע אויגן געלעגן אין דעם האַלב טונקעלן צימער. האַלב וואַך און האַלב שוין פאַרזונקען אין חלומות. און אַט, צווישן דרימל און וואַכזיין, האָט זיך דעם צעטומלטן אויסגעדאַכט אַזוי: ער האָט געהאַט דאָס געפיל, ווי עס וואָלט ביי אים פון ערגעץ פּאַ־מעלעך געטריפט (פון אַ ווונד, וואָס האָט נישט וויי געטון און פון וועל־כער ער האָט אַפילו נישט געוווּסט) עפּעס אַ וואַרעמע פייכטקייט; ווי עס וואָלט ביי אים עפּעס געבלוטיקט אין זיין אייגן בלוט. עס האָט נישט וויי געטון, דאָס דאָזיקע פאַרבאָרגענע טריפן, עס האָט נישט שטאַרק געפלאָ־סן. בלויז גאַנץ פּאַמעלעך, אַזוי ווי עס רינען טרערן, ריזלענדיק און לעב־לעך, אַזוי האָבן זיך געקייקלט טראָפּנס, און יעדער טראָפּן האָט אַ קלאַפּ געטון אין סאַמע מיטן האַרץ אַריין. אָבער דאָס פאַרפינסטערטע האַרץ האָט נישט געגעבן קיין אָפּקלאַנג, עס האָט שטיל איינגעזויגן אין זיך די דאָזיקע פרעמדע פליסיקייט. אַזוי ווי אַ שוואָם האָט עס אין זיך איינגע־זאַפּט און עס איז געוואָרן וואָס אַמאָל שווערער און שווערער, עס איז אָנגעשוואָלן, עס איז אָנגעדראָלן אין דעם ענגן געבוי פון דער ברוסט.

ביסלעכווייז פול און איבערפול, איבערגעלאָדן פון דער אייגענער משא, האָט עס פּאַמעלעך אָנגעהויבן זיך אַראָפּצולאָזן, אויסצוציִען די געוועבן און אָנצושפּאַנען די מוסקולן. וואָס אַמאָל שווערער האָט דאָס צעוויטיקטע האַרץ, אַצינד שוין ריזיק גרויס, געדריקט און געדרענגט אַראָפּ מיט דער אייגענער משא. און אַצינד (וואָס פאַר אַ ווייטיק!), אַצינד האָט די משא זיך אַ ריר געטון, אַצינד האָט דאָס האַרץ אָנגעהויבן צו זינקען. אָן האַסטיקייט, נישט מיטאַמאָל, גאַנץ פּאַמעלעך האָט עס זיך אַרויסגעגליטשט פון די פלייש־געוועבן — גאַנץ פּאַמעלעך, נישט ווי אַ שטיין, נישט ווי אַן אַראָפּפאַלנדיקע פרי; ניין, אַזוי ווי אַ שוואם, אַן אָנגעזאַפּטע מיט פייכטקייט, איז עס געזונקען וואָס אַמאָל טיפער ערגעץ אין אַ פוסטן, נישט ממשותדיקן חלל אַריין, וואָס האָט זיך געפונען מחוץ פון אים, ערגעץ אין אַ טיפער אומענדלעכער פינסטערניש אַריין. און מיטאַמאָל איז אויף דעם אָרט, וווּ עס האָט זיך נאָר וואָס געפונען דאָס וואַרעמע טריפנדיקע האַרץ, געוואָרן אימהדיק שטיל: עס איז דאָרט געבליבן אַ ליידיקער, אומהיימלעכער און קאַלטער חלל. עס האָט שוין נישט געקלאַפּט און נישט געטריפט: עס איז דאָרט געוואָרן אינגאַנצן שטיל, אינגאַנצן טויט. און הויל און שוואַרץ, אַזוי ווי אַ קבר האָט די גרוילנדיקע ברוסט זיך געוועלבט איבערן דאָזיקן שטומען, אומבאַגרייפלעכן גאָרנישט.

דאָס דאָזיקע חלום־בילד איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז ווען דער אַלטער מאַן איז וואַך געוואָרן, האָט ער נישט ווילנדיק זיך אַ כאַפּ געטון פאַר דער לינקער זייט ברוסט, צי דאָס האַרץ איז נאָך דאָ. אָבער, אַ לויב צו גאָט! אונטער די טאַפּנדיקע פינגער האָט נאָך עפּעס פּאַרטויבט און ריטמיש געשלאָגן, און דאָך האָט זיך אויסגעוויזן, ווי דאָס זאָל בלויז זיין אַ פאַרשטיקט קלאַפּן אין אַ ליידיקן חלל אַריין און אַז דאָס האַרץ אַליין איז שוין נישטאָ. דורך עפּעס אַ משונהדיק געפיל האָט זיך אים פלוצלינג אויסגעדאַכט, ווי דער גוף זיינער וואָלט געווען פון אים אָפּגעטיילט. ער האָט שוין נישט געשפּירט קיין שום ווייטיק, קיין שום דערמאָנונג האָט שוין נישט געמאַכט ציטערן די צעפּייניקטע נערוון, אַלץ אינעווייניק איז געבליבן שטום, פאַרגליווערט און פאַרשטיינערט. „וואָס באַטייט דאָס?" האָט ער געטראַכט, „ערשט נישט לאַנג האָט מיך אַזוי שטאַרק געפּייניקט, אָט ערשט איז אינעווייניק אין מיר געווען אַזוי הייס איבערפולט, אָט ערשט האָט נאָך געציטערט יעדער נערוו. וואָס איז מיר־

געוועזן?" ער האָט זיך אַריינגעהאָרכט אין זיך, ווי אין עפּעס אַ הוילן חלל אַריין, צי דאָס פּריערדיקע רירט זיך נישט ווידער. אָבער יענץ פּליסן און רוישן, דאָס טריפן און קלאַפּן איז שוין געווען גאַנץ ווייט — ער האָט זיך איינגעהאָרכט און איינגעהאָרכט —, עס האָט זיך נישט גע־הערט קיין שום אָפּקלאַנג. עס האָט שוין גאָרנישט געפּייניקט, גאָרנישט וויי געטון: עס האָט זיך אינעווייניק געפילט אַ ליידיקער און שוואַרצער חלל, ווי די הוילקייט אין אַן אויסגעברענטן בוים. און מיטאַמאָל האָט אים אַרומגענומען אַ געפיל, ווי ער זאָל שוין האָבן געשטאָרבן אָדער ווי עס וואָלט עפּעס אין אים זיין אָפּגעשטאָרבן, אַזוי אימהדיק שטום איז דאָס בלוט געבליבן שטיין. קאַלט ווי אַ מת איז געלעגן אונטער אים זיין איינענער גוף, ער האָט מורא געהאַט אים אָנצוטאַפּן מיט דער וואַרע־מער האַנט.

•

דער אַלטער מאַן האָט זיך איינגעהאָרכט אין זיך אַריין: ער האָט שוין נישט געהערט, ווי די גלאָקן פון דער אָזערע האָבן יעדעס מאָל אויסגעשלאָגן די שעהן אין זיין צימער אַריין, יעדע איינע אין אַ טיפערן בין־השמשות איינגעהילט. אַרום אים איז צוגעפאַלן די נאַכט, די פינס־טערניש האָט פאַרווישט אַלע זאַכן אין דעם אַוועקשטראָמענדיקן חלל; אַפילו דאָס העלע שטיק הימל, וואָס האָט זיך געזעען אין פירעק פון פענסטער, איז אינגאַנצן פאַרזונקען געוואָרן אין דער פינסטערניש. דער אַלטער מאַן האָט גאָרנישט באַמערקט, ער האָט בלויז אַריינגעקוקט אין יענער שוואַרצקייט, וואָס האָט געשטעקט אינעווייניק אין אים, ער האָט זיך בלויז איינגעהאָרכט אין דער פּוסטקייט אין זיך ווי אין דעם איינגע־נעם טויט.

ענדלעך האָט זיך פון שכנותדיקן צימער דערטראָגן אַ צופרידן גע־לעכטער. מען האָט דאָרט אָנגעצונדן ליכט — אַ שטראַל איז אַריינגע־שפּרונגען אַהער דורך דער בלויז צוגעלענטער טיר. דער אַלטער מאַן האָט אויפגעציטערט: זיין פרוי, זיין טאָכטער! באַלד וועלן זיי אים דאָ געפינען אויף דער אָטאָמאַנע, אים אָנהויבן אויספרעגן. ער האָט גיך צוגע־קנעפּלט דעם ראָק און די וועסט: וואָס דאַרפן זיי וויסן וועגן זיין אָנפאַל, וואָס גייט עס זיי אָן? אָבער די צוויי פרויען האָבן אים גאָרנישט געזוכט. זיי האָבן זיך ווייזט אויס געאיילט, דער גאַנג האָט שוין צום דריטן מאָל

שארף געראָפן צום עסן. זיי האָבן זיך אָפּנים צורעכט געמאַכט די טואַ־לעט. דער אַלטער מאַן האָט האָט דורך דער האַלב אָפענער טיר זיך צוגעהערט צו יעדער באַוועגונג. אַט האָבן זיי אויפגערוקט די שופלאָדן, אַט האָבן זיי אַנידערגעלייגט מיט אַ שטילן קלונג די רינגען אויף די וואַש־טיש־לעך, אַט הערט זיך דאָס שאָרן פון שיך איבערן דיל, און דורך דער גאַנ־צער צייט רעדן זיי צווישן זיך: יעדעס וואָרט, יעדע זילבע דערטראָגט זיך מיט אַ מוראַדיקער דייטלעכקייט צו זיין אויער. צוערשט האָבן זיי גערעדט און חוזק געמאַכט פון די הערן, זיך דערמאָנט נישט וויכטיקע צופאַלן פון דעם שפּאַציר: אַלץ לייכטע, אָפּגעהאַקטע שמועסן, איבער־שפּרינגענדיק פון איינס צום אַנדערן בעת דעם דאָזיקן וואַשן־זיך און בויגן־זיך און פּוצן. פּלוצלינג אָבער איז דער שמועס אריבער אויף אים.

„ווו איז דאָס פּאַפּאַ?" האָט ערנאַ געפרעגט, אַליין חידושנדיק זיך, וואָס עס איז איר אַזוי שפּעט געקומען אין זינען אריין.

„פונוואַנען זאָל איך עס וויסן" — האָט זיך געהערט דער מוטערס קול, אַ געערגערטע שוין ביים בלויזן דערמאָנען אים.

„מסתמא וואַרט ער אונטן אין זאַל און לייענט צום הונדערטסטן מאָל די קורסן אין דער פראַנקפורטער צייטונג — חוץ דעם אינטערעסירט אים דאָך נישט קיין שום זאַך. דו מיינסט אפשר, אַז ער האָט כאָטש איין מאָל אַ קוק געטון אויף דער אָזערע? עס געפעלט אים נישט דאָ, האָט ער מיר היינט ביי מיטאָג געזאָגט. היינט נאָך, וויל ער, זאָלן מיר אַוועק־פאָרן.

„היינט נאָך אַוועקפאָרן?... אָבער פאַרוואָס?" דאָס איז ווידער גע־ווען ערנאַס שטים.

„איך ווייס נישט. ווער קאָן אים דאָרט פאַרשטיין. אונזער געזעל־שאַפט קאָנווענירט אים נישט, די הערן ווייזט אויס געפעלן אים נישט — ער פילט מסתמא אַליין, ווי שלעכט ער פּאַסט זיך צו זיי. ס'איז באמת אַ חרפּה, ווי אַזוי ער גייט ארום, תמיד מיט צעקנייטשטע מלבושים, מיט אַן אָפענעם קראַגן... דו באַדאַרפסט אים אויפמערקזאַם מאַכן, אַז ער זאָל לכל הפּחות אין אָוונט זיך האַלטן אביסל לייטישער, דיך פאָלגט ער דאָך. און היינט פאַרמיטאָג... איך האָב געמיינט, אַז איך וועל איינגע־זונקען ווערן פאַר בושה, ווי ער איז אָנגעפאַלן אויפן אָפיציר פאַר זיין בעטן פייער."

„יאָ, מאַמאַ... וואָס איז דאָס געווען?... איך האָב דיך שוין געוואָלט פרעגן... וואָס איז דאָס געווען מיטן פּאַפּאַ?... אַזוי האָב איך אים נאָך קיינמאָל נישט געזען... איך שרעק מיך אויף אַן אמת...“

„ווייס איך וואָס, שלעכטע שטימונג... מסתמא איז דער קורס געפאַלן... אָדער ווייל מיר האָבן גערעדט פראַנצויזיש... ער קאָן נישט אויסהאַלטן, אויב עמעצער האָט הנאה... דו האָסט עס גאָרנישט באַמערקט: ווען מיר האָבן געטאַנצט, איז ער געשטאַנען ביי דער טיר ווי אַ מערדער הינטער אַ בוים... אוועקפאָרן! די מינוט אוועקפאָרן! און אַלץ דערפאַר, ווייל עס איז אים פּלוצלינג אַזוי איינגעפאַלן... אויב עס געפעלט אים דאָ נישט, טאָ זאָל ער אונז כאָטש נישט שטערן אונזער פאַרגעניגן... אָבער איך מאַך מיר גאָר נישט פון זיינע שטימונגען, זאָל ער זאָגן און טוען, וואָס ער וויל.“

דער שמועס איז איבערגעריסן געוואָרן. זיי זענען מסתמא דערווייל בשעתן רעדן פאַרטיק געוואָרן מיט דער אָוונט־טואַלעט: יאָ, די טיר האָט זיך געעפנט, זיי זענען אַרויס פון צימער, דער קאָנטאַקט האָט אַ קנאַק געטון, דאָס ליכט איז פאַרלאָשן געוואָרן.

דער אַלטער מאַן איז געזעסן גאַנץ שטיל אויף דער אָטאָמאַנע. ער האָט יעדעס וואָרט געהערט. אָבער מאָדנע: עס האָט אים שוין נישט ווי געטון, עס האָט שוין גאָרנישט ווי געטון. דאָס, וואָס האָט פריער אַזוי געהאַמערט און געריסן, דער דאָזיקער ווילדער מעכאַניזם אין דער ברוסט, איז אַצינד גאַנץ שטיל געווען, ער איז מסתמא שוין געווען צעבראָכן. ס׳האָט דאָרט גאָרנישט קיין ציטער געטון פון דער דאָזיקער שאַרפער באַרירונג. קיין צאָרן, קיין שנאה... גאָרנישט... גאָרנישט... ער האָט זיך רואיק צוגעקנעפּלט די קליידער, פאָרזיכטיק זיך אַראָפּגעשלייכט פון די טרעפּ און זיך אַנידערגעזעצט ביי זייער טיש, אַזוי ווי צו פרעמדע מענטשן.

•

ער האָט אין יענעם אָוונט גאָרנישט גערעדט צו זיי. זיי ווידער האָבן דאָס דאָזיקע עקשנותדיקע שווייגן, וואָס איז ענלעך געווען צו געבאַלטע פויסטן, אינגאַנצן נישט באַמערקט. נישט געזעגענענדיק זיך, איז ער ווידער צוריק אין זיין צימער, זיך געלייגט אין בעט אַריין און פאַרלאָשן דאָס ליכט. אַ סך שפּעטער ערשט איז זיין פרוי געקומען פון אַ

פריילעכער פארוויילונג; מיינענדיק, אז ער שלאפט, האט זי זיך אויס־געטון אין דער פינסטער. און באלד האט ער דערהערט איר שווער און זארגלאז אטעמען.

דער אלטער מאן איז געלעגן פאראייניזאמט און געגלאצט מיט אפע־נע אויגן אין דער גרענעצלאזער פוסטקייט פון דער נאכט. נעבן אים איז געלעגן אין דער פינסטער עפעס, וואס האט טיף געאטעמט: ער האט זיך אנגעשטרענגט צו דערמאנען, אז דער דאזיקער קערפער, וואס אטעמט דא איין צוזאמען מיט אים די זעלבע לופט פון דעם זעלבן צימער, איז דער זעלבער קערפער, וועלכן ער האט נאך געקענט יונג און גליענדיק, וועלכער האט אים א קינד געגעבן און איז פארבונדן מיט אים דורך דעם טיפסטן סוד פון בלוט; ער האט זיך כסדר געצווונגען צו טראכטן, אז דאס דאזיקע ווארעמע און ווייכע נעבן אים, וואס ער קאן מיט דער האנט דערגרייכן, איז אמאל געווען א לעבן אין זיין אייגן לעבן. אבער מאדנע: די דאזיקע דעראינערונג האט שוין נישט דערוועקט מער קיין שום געפיל. און ער האט זיך צוגעהערט צום דאזיקן אטעמען מיט דעם זעלבן געפיל, ווי צום געמורמל, וואס האט זיך דערטראגן דורכן אפענעם פענסטער פון די קליינע אזערע־כוואליעס, וואס האבן פליעסקענדיק גע־פאטשט איבער די שטיינדלעך אויפן ברעג. אלץ איז געווען ווייט און נישט ממשותדיק, בלויז א צופעליקע און פרעמדע זאך: פארביי, אויף אייביק פארביי.

איינמאל נאך האט ער אויפגעציטערט: גאנץ שטיל און בגנבה האט זיך געעפנט די שכנותדיקע טיר פון דער טאכטערס צימער. „הייסט עס, היינט ווידער" — ער האט נאך דערפילט א קורצן הייסן שטאך אין דעם פאר טויט געהאלטענעם הארץ. א רגע לאנג האט דארט א ציטער געטון עפעס ווי א נערוו, איידער ער שטארבט איינגאנצן אפ. דערנאך האט דאס אויך אויפגעהערט: „זאל זי טון, וואס זי וויל! וואס גייט זי מיך דען נאך אן!"

און דער אלטער מאן האט זיך ווידער צוריקגעלייגט אויפן קישן. די פינסטערניש האט זיך וווייך געטוליעט צו די צעווייטיקטע שלייפן און א צארטע קילקייט האט אנגענעם ארייגעטריפט אין בלוט. און באלד האט א לייכטער דרימל איינגעהילט די פארמאטערטע חושים.

*

ווען די פֿרוי האָט אינדערפֿרי אויפֿגעוואַכט, האָט זי דערזעען איר מאַן שוין אין מאַנטל און הוט. „וואָס טוסטו דאָ?“ האָט זי געפֿרעגט נאָך פֿאַרשלאָפֿענערהייט.

דער אַלטער מאַן האָט זיך נישט אומגעקוקט, ער האָט קאַלטבלוטיק אַריינגעשטופּט די נאַכטוועש אין רענצל אַריין. „דו זעסט דאָך, איך פֿאָר צוריק. איך נעם נאָר מיט דאָס נויטיקסטע, דאָס איבעריקע קאָנסט איר מיר נאָכשיקן.“

די פֿרוי האָט זיך געטון אַ כאַפּ־אויף אַ דערשראָקענע. וואָס טוט זיך דאָ? זי האָט נאָך קיינמאָל נישט געהערט ביי אים אַזאַ קול: יעדעס וואָרט איז אַרויס דורך די ציין גאַנץ קאַלט, ווי פֿאַרגליווערט. זי איז שנעל אַרויס פֿון בעט. „דו ווילסט טאַקע אַוועקפֿאָרן?... וואַרט... מיר פֿאָרן דאָך אויך, איך האָב שוין געזאָגט ערנאַן...“

אָבער ער האָט האַסטיק אָפּגעוואָרפֿן. „ניין... ניין... שטערט אייך נישט.“ און נישט אומקוקנדיק זיך, האָט ער זיך צוגעשאַרט צו דער טיר. כדי אָנצונעמען די קליאַמקע, האָט ער געמוזט אויף אַ רגע אַראָפּלאָזן דאָס רענצל אויף דער ערד. און אין דער דאָזיקער איינער בליציקער רגע איז אים געקומען אויפֿן זכרון: טויזנטער מאָל האָט ער שוין אויף אַזאַ אופֿן אַראָפּגעלאָזט דאָס רענצל מיט מוסטערן פֿאַר פֿרעמדע טירן, איידער ער פֿלעגט מיט אַ פֿאַרנויגונג אַרויסגיין, מיט הכנעה אָנביטנדיק ווייטערע באַשטעלונגען. נאָר דאָ האָט ער שוין נישט מער קיין שום געשעפֿטן: האָט ער דעריבער געהאַלטן פֿאַר איבעריק צו גריסן פֿאַרן אַוועקגיין. אָן אַ בליק, אָן אַ וואָרט האָט ער צוריק אויפֿגעהויבן דאָס רענצל און הילכיק צוגעקלאַפּט די טיר, וואָס האָט זיך פֿאַרמאַכט, ווי אַ מחיצה צווישן אים און זיין פֿריערדיק לעבן.

*

מוטער און טאָכטער האָבן נישט פֿאַרשטאַנען, וואָס דאָ איז געשען. אָבער די משונהדיקע האַרטקייט און אַנטשלאָסנקייט פֿון דעם דאָזיקן אַוועקפֿאָרן האָט זיי ביידע באַאומרויִקט. זיי האָבן אים באַלד נאָכגעשריבן אַהיים בריוו, ברייטע, אויספֿירלעכע, אויף אַ מיספֿאַרשטענדעניש אָנווייזנדיקע, כמעט צערטלעכע; זיי האָבן אויסגעפֿרעגט מיט גרויס זאָרג, ווי עס איז אים דערגאַנגען די רייזע, ווי אַזוי ער איז אָנגעקומען אַהיים, זיי זענען מיטאַמאָל געוואָרן נאָכגיביק און זיך דערקלערט

צו יעדער צייט גרייט אהיימצופאָרן. ער האָט גאָרנישט געענטפערט. זיי האָבן געשיקט עקספּרעס־בריוו, טעלעגראַפירט: ס'איז נישט אָנגעקומען קיין שום ענטפער. בלויז פון געשעפט האָבן זיי דערהאַלטן די סומע, וואָס זיי האָבן אין איינעם פון די בריוו פאַרלאַנגט: אַ פּאָסט־אָנווייזונג מיטן פירמע־שטעמפּל, מער קיין איין וואָרט נישט, קיין שום גרוס.

דער דאָזיקער אומפאַרשטענדלעכער און באַאומרואיקנדיקער צו־שטאַנד האָט זיי געצוווּנגען צוצואײַלן דאָס אהיימפאָרן. הגם זיי האָבן טעלעגראַפיש געמאָלדן וועגן זייער קומען, האָט זיי קיינער נישט אָפּ־געוואַרט ביי דער באַן, אויך אינדערהיים האָבן זיי אַלץ געטראָפן נישט צוגעגרייט: דער אַלטער מאַן, ווי די דינסטלייט האָבן דערקלערט, האָט אַ צעטראָגענער אוועקגעלייגט די דעפּעשע אויפן טיש און איז אוועק־געגאַנגען, נישט געבנדיק קיין שום אָנווייזונגען. אין אָוונט, בעת זיי זענען שוין געזעסן ביים עסן, האָבן זיי ענדלעך דערהערט אויפעפענען די הויז־טיר: זיי זענען אויפגעשפּרונגען און אים אַנטקייגנגעלאָפן. ער האָט זיי אָנגעקוקט איבערראַשט — ער האָט ווייזט אוים פאַרגעסן די דעפּע־שע —, אָבער אָן דעם מינדסטן אויסדרוק פון עפּעס אַ באַזונדער געפיל. ער האָט גלייכגילטיק זיך געלאָזט אַרומנעמען פון דער טאָכטער; זיך געלאָזט אַריינפירן אין עסצימער און אויסגעהערט זייער דערציילן. אָבער ער האָט נישט געשטעלט קיין שום פראַגן, ער האָט שטילשווייגנדיק גע־דויכערט זיין ציגאַר, טיילמאָל האָט ער קאַרג געענטפערט מיט אַ וואָרט, טיילמאָל האָט ער נישט דערהערט, וואָס מען האָט אים געפרעגט און וואָס מען האָט צו אים גערעדט: עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט גע־שלאָפן מיט אָפענע אויגן. דערנאָך האָט ער זיך שווער אויפגעהויבן און איז אוועק צו זיך אין צימער.

און אַזוי איז אויך געבליבן אין די נאָענטסטע טעג. אומזיסט האָט די באַאומרואיקטע פרוי געפּרוּווט מיט אים זיך דורכצורעדן: וואָס אויפ־גערעגטער זי איז צו אים צוגעשטאַנען, אַלץ עקשנותדיקער האָט ער אויס־געמיטן. עפּעס אין אים איז געווען פאַרשלאָסן, איז געוואָרן נישט צו־גענגלעך, עפּעס אַן אַריינגאַנג איז פאַרמויערט געוואָרן. ער פלעגט נאָך עסן צוזאַמען מיט זיי ביים טיש, און ווען עס זענען געווען געסט, פלעגט ער זיצן אַ שטיק צייט שווייגנדיק און אין זיך פאַרטיפט. אָבער ער האָט נישט גענומען קיין שום אנטייל, און ווען די געסט האָבן אינמיטן שמועס

צופעליק אַ קוק געטון אויף אים, איז זיי באַפאַלן אַן אומהיימלעך געפיל, וואָרום זיי האָבן זיך אָנגעטראָפן מיט אַ פאַרגליווערטן טויטן בליק, וואָס האָט טעמפּ געגלאָצט אין דער וועלט אַריין.

אַפילו פרעמדע האָבן אינגיכן זיך אָנגעהויבן חידושן אויף דער משונהדיקער אויפפירונג פון דעם אַלטן מאַן. די באַקאַנטע האָבן שוין שטילערהייט זיך געגעבן סימנים, ווען זיי פלעגן אים באַגעגענען אויף דער גאַס: דער אַלטער מאַן, איינער פון די רייכסטע אין שטאָט, האָט זיך געשאַרט ביי די מויערן ווי אַ בעטלער, דער הוט קרום און צעקנייטשט, דער מאַנטל איינגעריכט מיט אַש פון ציגאַרן, ביי יעדן טריט האָט ער זיך משונהדיק געוואַקלט און אָפּט עפּעס געמורמלט צו זיך האַלב אויפן קול. אויב מען האָט צו אים גענריסט, פלעגט ער אַ הויב טון צעשראָקן דעם בליק, אויב עמעצער האָט אים אָפּגעשטעלט און צו אים גערעדט, פלעגט ער יענעם אָנקוקן צעחושט און פאַרגעסן די האַנט צו דערלאַנגען. תחילת האָבן טייל געמיינט, אַז דער אַלטער מאַן איז טויב געוואָרן און זיי פלעגן העכער איבערחזרן די ווערטער. אָבער נישט דאָס איז עס געווען, נאָר ער האָט תמיד געמוזט האָבן אַביסל צייט, כדי זיך אויפצוכאַפּן פון עפּעס אַן אינערלעכן שלאָף, און אין סאַמע מיטן שמועס נאָך פלעגט ער צוריק אַריינפאַלן אין זיין משונהדיקער צעחושטקייט. די אויגן פלעגן זיך אים דעמאָלט פּלוצלינג פאַרלעשן, ער פלעגט האַסטיק אָפּהאַקן דעם שמועס און מיט וואַקלענדיקע טריט אַוועקגיין, נישט באַמערקנדיק אַפילו יענעמס איבעראַשונג. ער האָט תמיד אויסגעזען, ווי מען וואָלט אים אויפגעוועקט פון אַ שווערן חלום, פון אַ נעפּלדיק גריבלען זיך אין זיך אַליין. עס איז קענטיק געווען, אַז די מענטשן האָבן אים שוין גאָר נישט אינטערעסירט. ער האָט זיך אויף קיינעם נישט נאָכגעפרעגט, ער האָט אין זיין אייגענעם הויז נישט באַמערקט די פאַרשטיקטע פאַרצווייפלונג פון דער פרוי, נישט די אומבאַהאָלפענע פראַגן פון דער טאָכטער. ער האָט נישט געלייענט קיין שום צייטונג, זיך נישט צוגעהערט צו קיין שמועס; קיין שום וואָרט, קיין פראַגע האָט שוין נישט דורכגעדרונגען אַפילו אויף איין רגע דעם מוטנעם שלייער פון גלייכגילטיקייט, וואָס האָט אַרומגעהילט זיין וועזן. זיין אייגענע וועלט אַפילו איז אים געוואָרן פרעמד: זיין געשעפט; טייל מאָל איז ער נאָך צעחושט געזעסן אין קאַנטאָר, כדי די בריוו אונטערצושרייבן. אָבער ווען דער סעקרעטאַר איז אין

אַ שעה אַרום געקומען, כדי צוצונעמען די אונטערגעחתמעטע בריוו, האָט ער געטראָפן דעם אַלטן מאַן אין דער זעלבער פּאָזע, אין וועלכער ער האָט אים פריער איבערגעלאָזט, מיט דעם זעלבן פאַרגליווערטן בליק בלאָנדזשען איבער די נישט געלייענטע בריוו. ענדלעך האָט ער אַליין איינגעזעען, אַז ער איז אַן איבעריקער און האָט אינגאַנצן אויפגעהערט צו קומען.

דאָס משונהדיקסטע אָבער און אויף וועלכן די גאַנצע שטאָט האָט זיך געחידושט איז געווען דאָס, וואָס דער אַלטער מאַן, וועלכער האָט קיינמאָל נישט געהערט צו די גלויביקע אין דער געמיינדע, האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבן צו ווערן פרום. ביי זיין גאַנצער גלייכגילטיקייט צו אַלץ און צום עסן און ביים באַשטעלן זיך מיט עמעצן תמיד אומפּינקטלעך, האָט ער פונדעסטוועגן קיינמאָל נישט פאַרזוימט צו גיין אין שול אַריין צו דער געהעריקער צייט: דאָרט פלעגט ער שטיין, אין אַ שוואַרצער זיידענער קאַפּל, דעם טלית איבער די אַקסלען, תמיד אויפן זעלבן פּלאַץ, ווי זיין פאָטער אַמאָל, און געוויגט דעם מידן קאָפּ הין און צוריק, אונטערברומענדיק דעם תפילה־ניגון. דאָ, אין דעם האַלב־ליידיקן חלל, ווו די ווערטער האָבן פרעמד און מאַט אָפּגעקלונגען אַרום אים, האָט ער זיך געפילט צום בעסטן מיט זיך אַליין, אַ פרידלעכקייט האָט אַראָפּגענידערט אויף זיין צעטומלט געמיט און געמילדערט דאָס חשכות אין זיין האַרץ. און ווען ער פלעגט הערן קדיש זאָגן און געזען ווי די קרובים, די קינדער, די פריינט פון אַ פאַרשטאָרבענעם האָבן מיט כוונה און בוקנדיק און בויגנדיק זיך אויסגעגעבעטן גאָטס חסד פאַר דעם נפטר, זענען אים טיילמאָל די אויגן פאַרלאָפן געוואָרן מיט טרערן: ער איז דער לעצטער, האָט ער געוווסט. קיינער וועט נאָך אים קיין קדיש נישט זאָגן. און ער פלעגט אינדערשטיל נאָכזאָגן פרום דעם קדיש און געטראַכט דערביי וועגן זיך אַליין ווי פון אַ טויטן.

איינמאָל, שפּעט אין אָוונט, ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט פון אַ בלאָנדזשענדיק אַרומוואַנדערן, האָט אים אינמיטן וועג אָנגעטראָפן אַ רעגן. דער אַלטער מאַן האָט ווי תמיד געהאַט פאַרגעסן זיין שירעם; ער האָט געקאָנט קריגן אַ וואָגן פאַר ווייניק געלט אָדער איבערוואַרטן דעם פּלוצלינגן גוס־רעגן ערגעץ אין אַ טויער אָדער אונטער אַ גלעזערנעם פאַדערדאַך, אָבער דער מאָדנער אַלטער מאַן איז וואַקלענדיק און בויגנדיק

זיך געגאַנגען גלייכגילטיק ווייטער אונטער דעם רעגן. אין דעם צע־קנייטשטן הוט האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ גאַנצע קאַלוזשע, פון די דורכ־געווייקטע אַרבל האָט אַראָפּגערונען דאָס וואַסער אויף זיינע איינגענע פיס: ער האָט זיך דערויף נישט אומגעקוקט און ווייטער געשפּאַנט, כמעט איינער אַליין אויף דער אָפּגעליידיקטער גאַס. און אַזוי דורכגענעצט און טריפנדיק מיט וואַסער, גיכער ענלעך אויף אַ שלעפּער, ווי אויף דעם באַ־לעבאָס פון דער גרויסאַרטיקער ווילע, צו וועלכער ער האָט זיך דער־נענטערט, איז ער אָנגעקומען צום הויפּט־אַריינגאַנג פון זיין הויז גראד אין דער רגע, בעת אַן אויטאָמאָביל, וואָרפנדיק פאַר זיך אַ ברייטע שיין, האָט זיך אָפּגעשטעלט האַרט נעבן אים און באַשפּריצט מיט שיטערע בלאָטע דעם צעטראָגענעם פוסגייער. דאָס אויטאָמאָביל־טירל האָט זיך האַסטיק געעפנט און פון דער עלעקטריש באַלויכטענער קופּע איז גיך אַרויס זיין פרוי, הינטער איר האָט נאָכגעאײַלט, באַשיצנדיק זי מיט זיין געעפנטן שירעם, עפּעס אַ גרויסאַרטיקער גאַסט און דערנאָך אַ צווייטער הער. האַרט ביים אַריינגאַנג האָט ער זיך מיט זיי צונויפגעטראָפן. די פרוי האָט אים דערקענט און איז דערשראָקן געוואָרן, דערזעענדיק אים אין אַזאַ מצב, אַן אָנגעווייקטן, מיט צעקנייטשטע מלבושים, ווי עפּעס אַ פּעקל, וואָס מ'האָט אַרויסגעשלעפּט פון וואַסער. נישט ווילנדיק האָט זי אָפּגעקערט דעם בליק. דער אַלטער מאַן האָט גלייך פאַרשטאַנען: זי שעמט זיך מיט אים פאַר די געסט. און כדי איר איינצושפּאָרן דאָס פּיינ־לעכע געפיל פון פאָרשטעלן אים, האָט ער זיך געלאָזט גיין אָן שום פאַר־דרוס, אָן פאַרביטערונג עטלעכע טריט ווייטער צום הינטערשטן אַריינ־גאַנג: דאָרט איז ער הכנעהדיק פאַרשוווּנדן געוואָרן.

פון יענעם טאָג אָן פלעגט דער אַלטער מאַן קומען אין זיין אייגן הויז אַריין תמיד נאָר דורך דעם הינטערשטן אַריינגאַנג: דאָ איז ער געווען זיכער נישט אָנצוטרעפן זיך מיט קיינעם. דאָ האָט ער קיינעם נישט געשטערט און קיינער האָט אים נישט געשטערט. ער האָט אויך אויפגעהערט צו קומען צו די מאָלצייטן צום טיש — אַן אַלטע דינסט פלעגט אים ברענגען דאָס עסן אין זיין צימער אַריין. אויב די פרוי אָדער די טאָכטער פלעגט אַמאָל פרוּוון צו דערגיין עפּעס פון אים, האָט ער זיי אין פאַרלעגנהייט, אָבער מיט אַן עקשנותדיק ברומען האַסטיק אָפּ־געפטרט. סוף כל סוף האָבן זיי אים געלאָזט צורו, זיי האָבן זיך אָפּגע־

ווינט, עס זאָל זיי עפּעס אַרן פאַר אים, און אים האָט אויך נישט געאַרט קיין שום זאַך. אָפּטמאָל פלעגט ער דורך די ווענט הערן געלעכטער און מוזיק פון די אַנדערע, פאַר אים שוין פרעמדע צימערן, ער פלעגט הערן אינדרויסן וועגענער צופאָרן צום הויז און דערנאָך מיט טראַסקעריי אַוועקפאָרן ביז טיף אין דער נאַכט אַריין. אָבער דאָס אַלדינג איז אים געווען אַזוי גלייכגילטיק, אַז ער פלעגט אַפילו נישט צוגיין צום פענסטער אַ קוק טון: וואָס גייט אים דאָס אַלדינג אָן? בלויז דער הונט פלעגט נאָך טיילמאָל אַריינקומען צו אים און זיך אַנידערלייגן פאַרן בעט פון דעם פון אַלעמען פאַרגעסענעם.

*

עס האָט שוין גאָרנישט מער וויי געטון אין דעם אָפּגעשטאָרבענעם האַרץ, נאָר אינעווייניק אין לייב האָט דער שוואַרצער מוילוורף ווייטער געגראָבן און בלוטיק געריסן שטיקער פון דעם זיך צאַפּלענדיקן פלייש. די אָנפאַלן זענען פון וואָך צו וואָך געוואָרן אָפטער; ענדלעך האָט דער צעפּייניקטער נאָכגעגעבן דער דרינגלעכער פאָדערונג פון זיין מעדיקער, מען זאָל זיך באַראַטן מיט אַ ספּעציאַליסט. דער פּראָפעסאָר האָט געמאַכט אַן ערנסטע מינע. נאָך אַ פאָרזיכטיקער הקדמה האָט ער אַרויסגעזאָגט די מיינונג, אַז עס איז אומבאַדינגט נויטיק אַן אָפּעראַציע. אָבער דער אַלטער מאַן האָט זיך נישט דערשראָקן, ער האָט בלויז טרויעריק געשמייכלט: גאָט זיי דאַנק, אַצינד וועט עס נעמען אַ סוף. אַ סוף צו דער דאָזיקער גסיסה, אַצינד קומט דאָס גוטע, דער טויט. ער האָט פאַרבאָטן דעם מעדיקער צו דערציילן וועגן דעם דער פאַמיליע, זיך געלאָזט באַשטימען דעם טאָג און אָנגעהויבן זיך צוצוגרייטן. ער איז צום לעצטן מאָל אַוועק אין געשעפט (וווּ ס'האָט זיך שוין אויף אים קיינער נישט געריכט און אַלע האָבן אים אָנגעקוקט ווי אַ פרעמדן), זיך נאָכאַמאָל אַנידערגעזעצט אויף דער אַלטער, מיט שוואַרצער לעדער באַצויגענער שטול, אויף וועלכער ער איז אין משך פון דרייסיק יאָר, זיין גאַנץ לעבן, אָפּגעזעסן טויזנטער, טויזנטער שעהן, געהייסן זיך געבן אַ טשעק־ביכל און האָט דאָרט אויסגעפילט איינס פון די בלעטלעך: דאָס האָט ער אַוועקגעטראָגן צום פאָרשטייער פון דער קהילה, וועלכער האָט זיך שיעור דערשראָקן פאַר דער צו גרויסער סומע. דער אַלטער מאַן האָט זי געגעבן אויף צדקה זאַכן און אויף אַ קרקע פאַר זיין קבר. כדי אויסצומיידן וועלכן

ס׳איז דאַנק, איז ער מיט זיינע קלאַציקע טריט האַסטיק אַרויס און דער־
ביי איז אים אַראָפּגעפאַלן דער הוט, נאָר ער האָט זיך אַפילו נישט אַראָפּ־
געבויגן, אים אויפצוהויבן. און אַזוי, מיט אַ בלויזן קאָפּ, מיט אויסגע־
לאָשענע אויגן אין דעם געל־קרענקלעכן, גערונצלטן פּנים, האָט ער זיך
אַוועקגעשלייכט (מענטשן האָבן אים פאַרחידושט נאָכגעקוקט) אויפן בית
עולם צום קבר פון זיינע עלטערן. דאָרט האָבן דעם אַלטן מאַן באַמערקט
עטלעכע לייזיקגייער און האָבן זיך אויך געחידושט: ער האָט לאַנג איינ־
געטענהט מיט די האַלב־פאַרשימלטע מצבות, אַזוי ווי מען רעדט מיט
מענטשן. האָט ער זיי אָנגעזאָגט די בשורה, אָדער געבעטן ביי זיי אַ
ברכה? קיינער האָט נישט געהערט זיינע רייד — די ליפּן האָבן זיך
שטום באַוועגט, און דער זיך שאָקלענדיקער קאָפּ האָט וואָס אַמאָל טי־
פער זיך אַראָפּגעבויגן בעת דער תפילה. ביים אַרויסגיין האָט אים אַרומ־
גערינגלט אַ מחנה בעטלער, ער האָט האַסטיק אָנגעהויבן אַרויסצוציען
פון די טאַשן מטבעות און פּאַפּיר־געלט און אַלץ צעטיילט. נאָר צום
לעצט, פאַרשפּעטיקט אונטערהינקענדיק, איז נאָך צו אים צוגעקומען אַן
אַלטע אויסגעדאַרטע פרוי און געבעטן אַ נדבה. ער האָט אין פאַרלעגנ־
הייט אָנגעהויבן זוכן אין אַלע טאַשן — אָבער גאָרנישט געפונען. בלויז
אויפן פינגער האָט ער דערפילט, אַז עס דריקט אים עפּעס אַ פרעמדע,
שווערע זאַך: דער גאָלדענער חתונה־רינג. עפּעס אַ מטושטשדיקער גע־
דאַנק איז אים געקומען אויפן זכרון — ער האָט האַסטיק אַראָפּגעצויגן
דעם רינג און אַוועקגעשענקט דער פאַרחידושטער פרוי.

און אַזוי, פאַרעמט, אויסגעליידיקט און פאַראייניזאַמט איז דער
אַלטער מאַן אַוועק אונטערן מעסער.

●

ווען דער אַלטער מאַן האָט זיך צוריק אויפגעכאַפּט פון נאַרקאָז,
האָבן די מעדיקער, דערקענענדיק דעם געפערלעכן מצב, געלאָזט אַריינרופן
די פרוי און די טאָכטער, וועלכע מען האָט דערוויל געהאַט צוווייסן גע־
געבן וועגן דער אָפּעראַציע. דער אַלטער מאַן האָט קוים געעפנט די אויגן
אונטער די שווערע, מיט אַ בלויען שאָטן פאַרשלייערטע אויננדעקלעך:
„וווּ בין איך?“ האָבן זיי פרעגנדיק געגלאָצט אויף דער פרעמדער ווייס־
קייט פון דעם קיינמאָל נישט געזעענעם זאַל.

דאַן האָט די טאָכטער זיך אַריבערגעבויגן, כדי אַ גלעט צו טון דאָס

אָרעמע פאַרחושכטע פּנים. און פלוצלינג האָט אין די בלינד אַרומבלאָנ־דזשענדיקע אויגאַפּלען אַ ציטער געטון עפּעס אַ שיין פון דערקענען. אַ קליין פייערל האָט אין זיי אַ פינקל געטון: אָט איז זי דאָך, דאָס קינד, דאָס היים געליבטע קינד, דאָס איז דאָך ערנאַ, דאָס צאַרטע, שיינע קינד! פּאַמעלעך, גאַנץ פּאַמעלעך האָבן די ביטערע ליפּן זיך אָנגעהויבן אויס־צובויגן — אַ שמייכל, אַ גאָר לייכטער שמייכל, לאַנג שוין אָפּגעוווינט פון דעם דאָזיקן פאַרשלאָסענעם מויל, האָט פּאַרזיכטיק אָנגעהויבן זיך צו פורעמען. און דערשיטערט פון דער דאָזיקער ווייטיקלעכער פרייד, האָט זי זיך צוגעבויגן נענטער, כדי אַ קוש צו טון דעם פאָטערס בלוט־לאָזע באַק.

מיטאַמאָל אָבער — צי דער זיסלעכער פאַרפום־ריח האָט ביי אים אַרויסגערופן אַ דעראינערונג, אָדער האָט אין די האַלב־באַטויבטע גע־הירן ווידער אויפגעטויכט דער פאַרגעסענער שרעקלעכער מאָמענט? — מיטאַמאָל האָט זיך דאָס אָט־ערשט צעשטראַלטע פּנים שרעקלעך פאַר־ענדערט: די קאָלירלאָזע ליפּן האָבן פּלוצלינג מיט כעס זיך צונויפגע־דריקט, די האַנט אונטער דער דעקע האָט מיט אַלע כוחות זיך געוואָלט אויפהויבן. ווי זי זאָל וועלן אַוועקשטויסן עפּעס אַ נישט ניחאדיקע זאַך דאָס גאַנצע פאַרוואונדעטע לייב האָט געציטערט פאַר כעס. „אַוועק!... אַוועק!...“ האָבן די בלאַסע ליפּן אומדייטלעך אָבער דאָך פאַרשטענדלעך געשטאַמלט. און אַזוי מוראדיק האָט דער ווידערווילן זיך אָפּגעשפּיגלט אין דעם צעקרימטן פּנים פון דעם הילפלאָזן אַלטן מאַן, אַז דער מעדי־קער האָט באַאומרואיקט אָפּגערוקט די פרויען אין אַ זייט. „ער רעדט פון היץ“, האָט ער זיי שטיל געזאָגט, „עס איז גלייכער, איר זאָלט אים אַצינד לאָזן אַליין“.

ווי נאָר זיי זענען אַוועקגעגאַנגען, האָט זיך דאָס צעקרימטע פּנים אויסגעגלייטערט און אָנגענומען אַ מיד שלעפעריק אויסזען. דער אָטעם איז געוואָרן שווער — וואָס אַמאָל טיפער האָט געכאַרכלט די ברוסט, כדי איינצואָטעמען די שווערע לופט פון לעבן. אָבער באַלד איז זי מיד געוואָרן איינצוזויגן אין זיך די דאָזיקע ביטערע מענטשלעכע שפּייז. און ווען דער מעדיקער האָט איינהאָרכנדיק זיך באַטראַכט דאָס האַרץ, האָט עס שוין געהאַט אויפגעהערט דעם אַלטן מאַן ווייַ צוטון.

דער פלאָנטער פון געפילן

פריוואטע נאָטיצן פון געהיימראט ר. פ. ד.

אַ גאַנץ גוטע כוונה האָבן זיי געהאַט, מײַנע תּלמידים און קאָלעגן פֿון דער אוניווערזיטעט: אַט ליגט פֿאַר מיר דער פֿײַערלעך איבער־געגעבענער און פּראַכטפֿול אײַנגעבונדענער ערשטער עקזעמפּלאַר פֿון דעם יובילעאום־בוך, וואָס די פֿילאָלאָגן האָבן מיר געווידמעט צו מײַן זעכציקסטן געבורטסטאָג און דרײַסיקיעריקער אַקאַדעמישער לערן־טעטי־קייט. אַן אמתע ביאָגראַפֿיע איז עס געוואָרן. קיין איין אַרטיקל פֿעלט נישט, קיין געלעגנהייט־רעדע, קיין מינדסטע רעצענזיע אין ערגעץ אַ ווּיסנשאַפֿטלעכן יאָרבוך, וואָס דער ביבליאָגראַפֿישער פֿלײַס זאָל נישט האָבן אַרויסגעריסן פֿון דעם פּאַפּירענעם קבר — דער גאַנצער וועג פֿון מײַן אַנטוויקלונג איז דאָרט פּינקטלעך און קלאָר, שטאַפּל נאָך שטאַפּל, ענלעך צו ריין אָפּגעקערטע טרעפּ, אויפֿגעבויט ביז צום איצטיקן מאָ־מענט — איך וואָלט באמת געווען אומדאַנקבאַר, ווען איך זאָל מיך נישט פֿרייען מיט דער דאָזיקער רירנדער גרינטלעכקייט. אַלץ, וואָס איך אַליין האָב שוין געהאַלטן פֿאַר איבערגעלעבט און פֿאַרלוירן, קערט ווידער צו־ריק אינם דאָזיקן בילד פֿאַראייניקט און צוזאַמענגעשטעלט לויט אַ סדר: ניין, איך טאָר נישט אָפּלייקענען, אַז איך אַלטער מאַן קוק אויף די דאָ־זיקע בלעטער מיט דעם זעלבן שטאָלץ, ווי עס האָט אַמאָל געקוקט דער שילער אויף יענער צייגניש פֿון זײַנע לערער, וואָס האָט צום ערשטן מאָל עדות געזאָגט אויף זײַנע פֿעאיקייטן און חשק צו וויסנשאַפֿט.

אָבער דאָך: ווען איך האָב דורכגעבלעטערט די צוויי הונדערט מיט פֿלײַס צוזאַמענגעשטעלטע זײַטן און גענוי מיך צוגעקוקט צו מײַן גײַס־טיק שפּיגל־בילד, האָב איך געמוזט שמייכלען. האָט באמת אַזוי אויס־געזען מײַן לעבן, האָט עס זיך טאַקע פֿון דער ערשטער שעה ביז צום הײַנטיקן טאָג אַזוי בנעימותדיק אַנטוויקלט, ווי עס ווײַזט זיך דאָ אַרויס פֿון דעם ביאָגראַפֿס פּאַפּירענעם סך הכּל? איך האָב געהאַט פּונקט דאָס זעלבע געפֿיל, ווי בעת איך האָב צום ערשטן מאָל דערהערט מײַן אייגן קול פֿון אַ גראַמאָפֿאָן אַרויס: תּחילת האָב איך עס גאָרנישט דערקענט; וואָרום עס איז וואָס אַן אמת יאָ געווען מײַן קול, אָבער אַזוי ווי עס קלינגט פֿאַר אַנדערע און נישט ווי איך אַליין הער עס דורך מײַן בלוט

און אין מיין אינערלעכן וועזן. און אָט אַזוי אַרום האָב איך — איך, וואָס האָב דאָס גאַנצע לעבן זיך אָפּגעגעבן מיט שילדערן מענטשן אויפֿן סמך פֿון זייערע ווערק און קלאָר צו מאַכן דעם גייסטיקן מהות פֿון זייער וועלט — גראַד דורך מיין אייגענעם ביישפּיל איינגעזען, ווי נישט דורכדרינגלעך עס בלייבט אין יעדן שיקזאַל דער אייגנטלעכער קערן פֿונם וועזן, דאָס קעמערל, וווּ עס שטעקט דער שורש פֿון יעדער לעבנס שפּראָ־צונג. מיר לעבן איבער מיריאַדן סעקונדעס, און דאַך געפֿינט זיך בלויז איינע, איין איינציקע נאָר, וואָס איז מסוגל אויפֿצובראָזן אונזער גאַנצע אינערלעכע וועלט, יענע סעקונדע (סטענדאַל האָט זי באַשריבן), אין וועלכער די אינערלעכע, מיט אַלע זאַפֿטן שוין אָנגעטרונקענע שפּראָצונג ווערט בליציק־שנעל אויסקריסטאַליזירט — אַ מאַגישע סעקונדע, ענ־לעך צו יענער פֿון געשלעכטער־באַהעפֿטונג און פּונקט אַזוי ווי יענע פֿאַר־באָרגן אין דער וואַרעמער אינערלעכקייט פֿונם אייגענעם לייב. מען קאָן זי נישט דערזען מיטן אויג, נישט אָנטאַפּן, נישט פֿילן, זי טראָגט זיך בלויז דורך דורך די חושים ווי אַ סוד. קיין שום אַלגעבראַ פֿון גייסט קאָן זי נישט איבעררעכענען, קיין שום אַלכימיע פֿון פֿאָרגעפֿיל קאָן זי נישט משער זיין, און אַפֿילו דאָס אייגענע געפֿיל איז זי בלויז גאַנץ זעלטן משיג.

פֿון אָט דער פֿאַרבאָרגענער סודותדיקייט פֿון מיין גייסטיקער אַנט־וויקלונג ווייסט יענץ בוך נישט דאָס מינדסטע: דעריבער טאַקע האָב איך געמוזט שמייכלען. אַלץ אין דעם בוך איז אמת, נאָר דאָס עיקרדיקע פֿעלט. עס באַשרייבט מיך בלויז, אָבער עס אַנטפּלעקט מיך נישט. עס רעדט בלויז וועגן מיר, אָבער עס גיט נישט מיין מהות. צוויי הונדערט נעמען געפֿינען זיך אין דעם זאָרגפֿעלטיק צוזאַמענגעשטעלטן רעגיסטער — עס פֿעלט אָבער איינער, פֿון וועלכן איך האָב באַקומען דעם שעפֿערישן אימפּולס, דער נאָמען פֿון יענעם מענטש, וועלכער האָט משפּיע געווען אויף מיין גורל און וועלכער רופֿט מיך אַצינד מיט אַ טאָפּלטער קראַפֿט צוריק צו מיין יוגנט־צייט. וועגן אַלעמען רעדט זיך דאָרט, נאָר נישט וועגן אים, וואָס האָט מיר געשענקט רייד און מיט וועמעס אָטעם איך רעד: און מיטאַמאָל דערפֿיל איך דאָס דאָזיקע פּחדנישע פֿאַרשווייגן פֿאַר אַ חטא. דאָס גאַנצע לעבן האָבן איך געצייכנט פּאָרטרעטן פֿון מענטשן, פֿון פֿאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער האָב איך ווידער דערוועקט געשטאַלטן

און זיי געמאַכט פאַרשטענדלעך פאַרן היינטצייטיקן געפיל, און גראָד וועגן דעם, וועלכער איז מיר אמנאָענטסטן, וועגן אים האָב איך קיינמאָל נישט געטראַכט: ווײַל איך אים דעריבער, אים, דעם געליבטן שאָטן, געבן צו טרינקען, ווי אין די האָמערישע טעג, פונם אייגענעם בלוט, כדי ער זאָל ווידער צו מיר רעדן, ער, דער לאַנג שוין פאַרעלטערטער, צו מיר, דעם אַלט־ווערנדיקן. איך וויל צוגעבן אַ פאַרשוויגן בלאַט צו די פאַר אַלע אָפענע, אַ ווידוי פון געפיל צו דעם געלערנטן בוך און, אים צוליב, מיר אַליין דערציילן דעם אמת פון מיין יוגנט.

*

איידער איך הויב אָן, בלעטער איך נאָכאַמאָל אין יענעם בוך, וואָס זאָל כלומרשט שילדערן מיין לעבן. און איך מוז ווידער שמייכלען. וואָ־רום ווי אַזוי האָבן זיי געמיינט צוצוקומען צום אמתן תוך פון מיין וועזן, וויבאַלד זיי האָבן אויסגעקליבן אַ פאַלשן צוגאַנג? שוין דער ערשטער טריט זייערער איז נישט קיין ריכטיקער! אָט דערציילט אַ צו מיר גוט־געשטימ־טער שול־חבר, וועלכער איז היינט, פונקט ווי איך, אַ געהיימראַט, אַז שוין אין גימנאַזיום זאָל איך מיך כלומרשט האָבן אויסגעצייכנט פון אַלע אַנדערע שילער מיט מיין ליידנשאַפטלעכער ליבע צו די גייסט־וויסנשאַפ־טן. האָסט אַ שלעכטן זכרון, ליבער געהיימראַט! פאַר מיר איז די הומאַ־ניסטיק געווען אַן אָנגעוואָרפענער צוואַנג, וועלכן איך האָב אַריבערגע־טראָגן מיט ווילדן כעס און ציין־קריצעניש. גראַד דערפאַר, ווייל אַלס זון פון אַ רעקטאָר אין אַ קליינער שטאָט אין צפון־דייטשלאַנד בין איך תמיד געוווינט געווען צו זען זיך באַשעפטיקן מיט בילדונג צוליב פרנסה, האָב איך פון קינדוווייז אָן פיינט געהאַט די פילאָלאָגיע: וואָרום תמיד באַמיט זיך די נאַטור, אין איינקלאַנג מיט איר מיסטישער אויפגאַבע אָפּצוהיטן דעם שעפערישן כח, אַריינצוגעבן אין קינד אַ שנאה צו די נטיות פונם פּאָטער. זי וויל נישט דאָס באַקוועמע, נאָכלעסיקע איבערגעבן דורך ירושה, דאָס פשוטע נאָכטון און איבערחזרן פון דור צו דור: צוערשט באַשאַפט זי אַ קעגנזאַץ צווישן די גלייכע נאַטורן און ערשט נאָך אַ שווערן און פרוכטבאַרן אומוועג דערלאָזט זי ווידער זיך אומקערן צום אויסגעטראָ־טענעם וועג פון די אבות. דאָס, וואָס מיין פּאָטער האָט געהאַלטן די וויסנ־שאַפט פאַר הייליק, האָט שוין גענוגט, אַז איך זאָל זי באַטראַכטן, ווי אַ פּולפּלען זיך מיט באַגריפן; גראַד, ווייל ער האָט געהאַלטן די קלאַ־

סיקער פֿאַר אַ מוסטער, האָבן זיי זיך מיר אויסגעוויזן פֿאַר דידאַק־טיש און איך האָב זיי דעריבער פֿיינט געהאַט. אַרומגערינגלט תּמיד מיט ביכער, האָב איך געפֿילט צו זיי פֿאַראַכטונג; ווערנדיק כּסדר געצוווּנגען דורכן פֿאָטער זיך צו באַשעפֿטיקן מיט רוחניותדיקע זאַכן, האָב איך מיך געבונטעוועט געגן יעדער פֿאָרעם פֿון שריפֿטלעך־איבערגעגעבענער בילדונג. עס איז דעריבער גאָר קיין חידוש נישט, וואָס איך האָב קוים מיט מי מיך דערשלאָגן צו מאַטוראַ און דערנאָך אַנטשלאָסן אָפּגע־וואָרפֿן דאָס ווייטערדיקע שטודירן. איך האָב געוואָלט ווערן אַן אָפֿיציר, אַ מאַטראָז אָדער אַן אינזשעניער; צו קיין איינעם פֿון די דאָזיקע באַרופֿן האָט מיך אייגנטלעך נישט באַזונדערס געצויגן. בלויז די אַנטיפּאַטיע צו דעם פּאַפּירענעם און דידאַקטישן אין דער וויסנשאַפֿט האָט מיך גע־שטויסן צו פּראַקטיש־אַקטיווער אַרבעט אַנשטאַט דער אַקאַדעמישער. אָבער מיין פֿאָטער מיט זיין פֿאַנאַטישן יראת הכּבֿוד צו אַלעם, וואָס טראָגט אויף זיך דעם חותם פֿון אוניווערזיטעט, האָט דווקא געפֿאָדערט, איך זאָל באַקומען אַקאַדעמישע בילדונג, און עס איז מיר בלויז געלונגען אויסצופֿועלן, אַז אַנשטאַט דער קלאַסישער פֿילאָלאָגיע זאָל איך אויס־וויילן די ענגלישע. (איך האָב סוף כּל סוף אָנגענומען אָט דעם אויסוועג מיטן שטילן הינטערגעדאַנק, אַז דאָס קענען די דאָזיקע ים־שפּראַך וועט מיר שפּעטער פֿאַרלייכטערן צו דערגרייכן די געהאָפֿטע ים־דינסט־קאַ־ריערע).

קיין זאַך איז דעריבער אין יענעם curriculum vitae נישט אַזוי פֿאַלש, ווי די פֿריינטלעכע פֿעסטשטעלונג, אַז איך האָב אין ערשטן בער־לינער סעמעסטער, אַדאַנק דער לייטונג פֿון פֿאַרדינסטפֿולע פּראָפֿעסאָרן, דערוואָרבן די יסודות פֿון דער פֿילאָלאָגישער וויסנשאַפֿט: וואָס האָט דעמאָלט מיין שטורמיש צעברויזטע פֿרייהייט־ליידנשאַפֿט געוווּסט פֿון לעקציעס און פּראָפֿעסאָרן! שוין ביי מיין ערשטן צופֿעליקן באַזוכן דעם צוהערער־זאַל האָט די פֿאַרדומפּענע לופֿט, די פּאַסטאָריש־מאָנאָטאָנע און צעצויגענע פֿאָרלעזונג אָנגעוואָרפֿן אויף מיר אַזאַ מידקייט, אַז איך האָב מיך געמוזט אָנשטרענגען, נישט אָנצושפּאַרן שלעפֿעריק דעם קאָפּ אָן דער באַנק — דאָס איז דאָך ווידער געווען די שול, פֿון וועלכער איך האָב שוין געמיינט פּטור צו ווערן, דאָס זעלבע קלאַס־צימער מיט דער קאַטעדרע

און מיט די זעלבע פּעדאַנטישע קליינלעכקייטן. נישט ווילנדיק האָב איך
געהאַט דאָס געפיל, גלייך ווי דורך דעם געהיימראַטס דינע ליפּן וואָלט
זיך שיטן זאַמד, אַזוי אײנטעניק זענען געפאַלן די ווער־
טער פונם אָפּגעריבענעם שול־העפט אַרויס אין דער געדיכטער לופט
אַריין. דאָס שוין פאַר שול־ייִנגלעך באַקאַנטע חשד־געפיל, אַז זיי זענען
אַריינגעפאַלן אין אַ גייסטיק מתים־שטיבל, וווּ גלייכגילטיקע הענט טאַפּן
אַרום דאָס אינגעווייד פון טויטע, האָט זיך אַצינד ווידער דערוועקט ביי
מיר אינם דאָזיקן ווערקשטעל פון לאַנג שוין פאַרעלטערטן אַלעקסאַנדרי־
ניזם — און ווי פאַרשטאַרקט האָט זיך נאָך דאָס דאָזיקע געפיל פון
נישט־ניחאדיקייט, בעת איך בין נאָך דער קוים מיט מי אויסגעהערטער
לעקציע אַרויס אויף די גאַסן פון דער שטאָט, פון יענעם אַמאָליקן בער־
לין, וואָס איז אַליין געווען איבעראַשט פונם אייגענעם פונאַנדערוואַקסן
זיך, איבערפולט מיט אַ פּלוצלינג רייף־געוואָרענער מענלעכקייט און האָט
געשפּריצט מיט עלעקטריציטעט פון אַלע שטיינער און גאַסן, אויפצווינ־
גענדיק יעדן איינעם אַ הייס־פּולסירנדיק טעמפּאָ, וואָס איז מיט זיין וויל־
דער זשעדנעקייט שטאַרק ענלעך געווען צו דער שכרות פון מיין אייגע־
נער, נאָר וואָס צום באַוווסטזיין געקומענער מענלעכקייט. ביידע, די
שטאָט און איך, פּלוצלינג אַרויסגעריסענע פון אַ פּראָטעסטאַנטיש אָרד־
נונג־מעסיקער און באַגרענעצטער קליינבירגערלעכער אַטמאָספערע און
זייער גיך אַריינגעשליידערט אין אַ געווירבל פון מאַכט און מעגלעכקיי־
טן — ביידע, די שטאָט און איך יונגער, ערשט זיך אויספּיקנדיקער בחור,
האָבן מיר וויברירט ווי אַ דינאַמאָ פון אומרו און אומגעדולד. קיינמאָל
האָב איך נישט אַזוי פאַרשטאַנען, אַזוי ליב געהאַט בערלין, ווי דעמאָלט,
וואָרום פּונקט ווי אינם דאָזיקן איבערפולטן וואַרעמען מענטשלעכן בינ־
שטאָק, אַזוי איז יעדעס קעמערל אין מיר געווען דורכגעדרונגען מיטן
באַגער זיך פונאַנדערצושפּרייטן. ווו נאָך וואָלט די אומגעדולדיקייט פון
אַ שטאַרקער יוגנט זיך געקאָנט אַזוי אויסלאָדן, ווי אין דעם ציטערנדיקן
שויס פונם דאָזיקן הייסן ריזנווייב, אין דער דאָזיקער אומגעדולדיקער,
מיט קראַפט שפּראָצנדיקער שטאָט! זי האָט מיך האַסטיק אַ צי געטון צו
זיך, איך האָב מיך אַריינגעוואָרפן אין איר, אַריינגעדרונגען אין אירע
אָדערן, מיין נייגיריקייט האָט האַסטיק אַדורכגעבלאָנדזשעט איבער איר

גאַנצן שטיינערנעם און דאָך וואַרעמען לייב — פון אינדערפרי ביז אויפדערנאַכט האָב איך מיך אַרומגעדרייט אין די גאַסן און דורכגענישטערט אירע באַהעלטענישן: איך האָב מיך באמת מיט אַ ווילדער פאַרכשופטקייט אַ וואָרף געטון אויסשפּירן עפּעס צאַפּלדיק־אַוואַנטוריסטישס, אַנשטאָט אָפּצוגעבן זיך מיטן שטודיום. אָבער די דאָזיקע איבערגעטריבנקייט איז אייגנטלעך נאָר געווען דער פּועל־יוצא פון אַ באַזונדערן שטריך אין מיין נאַטור: שוין פון קינדווייז אָן נישט פּעאיק צו גלייכצייטיקע זאַכן, פלעג איך אַלעמאָל באַלד פאַרלירן דעם חוש פאַר אַ צווייטע באַשעפטיקונג; שטענדיק און אומעטום האָב איך פאַרמאָגט דעם דאָזיקן אין איין ריכטונג לויפנדיקן אימפּעט, און היינט נאָך, ביי מיין אַרבעט, ביים איך מיך אָפּטמאָל אַזוי פאַנאַטיש אַריין אין אַ פּראָבלעם, אַז איך לאָז עס נישט פריער אָפּ, ביז איך דערפיל נישט דאָס לעצטע, דאָס גאָר לעצטע פון זיין מאַרך אויף מיינע ציין.

דאָס געפיל פון פרייהייט איז ביי מיר דעמאָלט אין בערלין אויסגעוואַקסן צו אַזאַ געוואַלטיקע פאַרשכורטקייט, אַז אַפילו יענע קורצע צוגעבונדנקייט בשעת די אוניווערזיטעט־לעקציעס, אָדער גאָר דער אַרומגעגרענעצטער שטח פון מיין אייגן צימער איז מיר שווער געווען צו פאַרטראָגן: די צייט, וואָס האָט נישט מיטגעבראַכט מיט זיך קיין אַוואַנטורע, האָט זיך מיר אויסגעוויזן ווי בחנם געפּטרטע. און דער נאָר־וואָס פון צוים אָפּגעלאָזטער פּראָווינצער בחור האָט זיך געמוזט גוט אונטערגאַרטלען, כדי צו גילטן שוין פאַר אַן אמתן מאַנספּערשוין: איך האָב מיך אָנגעשלאָסן אָן אַ קאָרפּאָראַציע, מיך באַמיט צוצוגעבן מיין (אייגנטלעך אומדרייסטן) וועזן אַ געוויסע לעבהאַפטיקייט, אַ מין דרייסטקייט און צעלאָזנקייט; נאָך קוים אַכט טעג פאַרברענגען אין בערלין, האָב איך שוין געמאַכט דעם אָנשטעל פון אַ גרויסשטאָטישן און מיט אַ דערשטוינלעכער געשווינדקייט מיך אויסגעלערנט דאָס ווויליונגערישע אַרומטומלען אין די קאַפּעהייזער. צום דאָזיקן קאַפּיטל פון מענלעכקייט האָבן פאַרשטייט זיך אויך געהערט די פרויען — אָדער בעסער געזאָגט: די ווייבער, ווי עס האָט געהייסן אויף אונזער סטודענטיש ווויליונגערישן לשון — און דערביי איז מיר גראַד צונויץ געקומען דאָס, וואָס איך בין געווען זייער אַ שיינער בחור. הויכגעוויקסיק, שלאַנק, מיט דעם בראָנזענעם שימער פון ים נאָך פריש אויף די באַקן, גימנאַסטיש בויגעוודיק אין יעדער

באַוועגונג, איז מיר גאָרנישט שווער געווען צו קאָנקורירן מיט די בליי־כע, פון שטובן־לופט ווי הערינג אויסגעדאַרטע געשעפט־סוביעקטלעך, וועלכע פלעגן פונקט ווי מיר זיך אַרויסלאָזן יעדן זונטיק נאָך ווילדרויב איבער די טאַנץ־לאָקאַלן פון האַלענזעע און הונדעקעלע (דעמאָלט נאָך ווייט מחוץ דער שטאָט). אָט איז עס געווען אַ שטרוי־בלאָנדע מעקלענ־בורגער דינסטמויד מיט אַ מילך־ווייסער הויט, וועלכע איך האָב, אַ צע־היצטע נאָך פון טאַנצן, קורץ פאַר איר צוריקגיין אַהיים נאָך אַוועקגע־שלעפט צו מיר אין מיין צימער, אָט ווידער אַ צאַפּלדיקע נערוועזע קליי־נע יידישקע פון פויזן, וואָס האָט פאַרקויפט זאָקן ביי טיצן — מערסטנ־טייל ביליקער ווילדרויב, וועלכן מען האָט לייכט גענומען און שנעל אי־בערגעגעבן ווייטער צו די חברים. אָבער אין דער דאָזיקער אומגעריכטער לייכטקייט אָפּצוהאַלטן נצחונות האָט פאַר דעם נעכטן נאָך אומדרייסטן שול־יינגל געשטעקט אַ פאַרשכורנדיקע איבערראַשונג — די גרינגע דער־פאָלגן האָבן פאַרשטאַרקט מיין דרייסטקייט, און ביסלעכווייז האָב איך אָנגעהויבן באַטראַכטן די גאַס בלויז ווי אַ גייעג־פּלאַץ נאָך אַוואַנטורעס, צווישן וועלכע איך האָב שוין גאָרנישט איבערגעקליבן, נאָר געקוקט דע־רויף ווי אויף אַ ספּאָרט. ווען איך בין אַזוי איינמאָל, נאָכגייענדיק עפּעס אַ שיין מיידל, אָנגעקומען אונטער די לינדן און — באמת צופעליק — פאַרבייגעגאַנגען פאַר דער אוניווערזיטעט, האָב איך אַליין געמוזט לאַכן ביים געדאַנק, ווי לאַנג מיין פוס האָט שוין נישט באַטרעטן יענע הויכ־געשעצטע שוועל. פון ווויליונגערישקייט וועגן האָב איך מיך מיט אַ חבר־לדעה געלאָזט גיין אינעווייניק אַריין; מיר האָבן בלויז לייכט געעפנט די טיר און דערזעען (עס האָט געמאַכט אַן אומגלויבלעך לעבערלעכן איינ־דרוק) אַ הונדערט פופציק רוקנס איינגעבויגענע איבער די בענק ביים שרייבן, גלייך ווי זיי וואָלטן אָפּגעריכט אַ תפילה, וועלכע איז איינטע־ניק פאַרגעזאָגט געוואָרן דורך אַ ווייסבערדיקן זקן. איך האָב באַלד צו־ריק פאַרמאַכט די טיר, לאָזנדיק דאָס מוטנע וואַסערל פון ווערטער ווייטער רינען איבער די אַקסלען פון די פלייסיקע תלמידים, און האָב מיך ווויי־לעריש געלאָזט גיין מיטן חבר איבער דער זון־באַגאָסענער אַלעע.

טיילמאָל ווייזט זיך מיר אויס, אַז קיין שום יונגער מענטש האָט נישט אַזוי נאַריש געפּטרט צייט, ווי איך אין יענע חדשים. איך האָב נישט געלייענט קיין שום בוך, איך בין זיכער, אַז איך האָב דורך יענער

צייט נישט אַרויסגערעדט קיין איין שכלדיק וואָרט, נישט געטראַכט קיין איינציקן ערנסטן געדאַנק — איך האָב אינסטינקטיוו אויסגעמיטן יעדע בעסערע געזעלשאַפט, בלויז כדי מיט די וואָך געוואָרענע חושים שטאַרקער צו פילן די שאַרפקייט פון די נייע און ביז ערשט נישט לאַנג פאַרבאַטענע עמפּינדונגען. און הגם דאָס דאָזיקע אָנשכורן זיך מיטן אייגענעם זאַפט, דער דאָזיקער צייט־פאַרשווענדערישער לעבנס־שטייגער, געהערט בכלל צו יעדער שטאַרקער און פּלוצלינג פריי געוואָרענער יוגנט — דאָך, דער באַזונדערער אופן פון מיין ווילדקייט האָט שוין די דאָזיקע צעלאָזנקייט געמאַכט געפערלעך און עס איז גאַנץ וואַרשיינלעך, אַז עס וואָלט פון מיר געוואָרן אַ פולשטענדיק פאַרפאַלענער מענטש, אָדער מינדסטנס וואָלטן מיינע געפילן אָפּגעטעמפּט געוואָרן, ווען אַ צופאַל וואָלט נישט געווען פּלוצלינג אָפּגעהאַלטן די אינערלעכע ירידה.

דער דאָזיקער צופאַל — היינט נאָך רוף איך אים אָן מיט דאַנקבאַרקייט אַ גליקלעכן — איז באַשטאַנען דערין, וואָס מיין פאָטער איז אומגעריכטערהייט אַרויסגערופן געוואָרן אויף אַן איינטאָגיקער רעקטאָרן־קאָנפערענץ קיין בערלין. ווי אַ פּראָפעסיאָנעלער פּעדאַגאָג, האָט ער אויסגענוצט די דאָזיקע געלעגנהייט אויף אויסצופּרוּוון מיין אויפפירונג, נישט אָנזאָגנדיק פריער וועגן זיין קומען, כדי מיך אומגעריכט צו פּאַקן. דער דאָזיקער אומגעריכטער אָנפאַל איז אים גלענצנד געלונגען. ווי געוועהנלעך האָב איך אויך אין יענעם אָוונט געהאַט אין מיין ביליקן סטודענטישן צימער — דער אַריינגאַנג דערצו האָט געפירט פאַרביי דער באַלאַבאָסטעס קיך, וואָס איז געווען פאַרשטעלט מיט אַ פאָרהאַנג — אַ מיידל, וואָס איז געקומען צו מיר מיט אַ שטאַרק אינטימען באַזוך. מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּן אין טיר. מיינענדיק, אַז דאָס איז אַ קאָלעגע, האָב איך אָנגעברוגזט אַרויסגעברומט: „איך בין פאַרנומען“. אָבער נאָך אַ קורצער הפסקה האָט זיך דאָס קלאַפּן איבערגעחזרט, איינמאָל און נאָכאַמאָל און צום סוף מיט אַ בולטער אומגעדולד אַ דריט מאָל. איך האָב מיט כעס געטון אַ צי אַרויף אויף מיר די הויזן, כדי דעם פרעכן שטערער ווי אַמשנעלסטן אָפּצופּטרן, און אַזוי, מיט אַראָפּהענגענדיקע הויזנטרעגער און באָרוועסע פיס, האָב איך האַסטיק אָן עפן געטון די טיר. אָבער באַלד האָב איך געהאַט דאָס געפיל, ווי איך וואָלט באַקומען אַ קלאַפּ מיט אַ פויסט אין שלייף, וואָרום אין דעם האַלב־טונקעלן פאַר־

צימער האָב איך דערקענט די געשטאַלט פון מיין פאָטער. דאָס פּנים זיינס האָב איך צוליב דער טונקלקייט כמעט ווי נישט געזען, בלויז די ברילן־גלעזלעך האָבן געפינקלט פונם ליכט־אָפּשיין. נאָר די דאָזיקע בלויזע קאָנטורן זענען שוין גענוג געווען, אז דאָס צוגעגרייטע גראָבע וואָרט זאָל מיר בלייבן שטעקן אין דער קעל ווי אַ שאַרפער ביין: אַ רגע בין איך שטיין געבליבן אַ צעחושטער. דערנאָך האָב איך אים געמוזט — וואָס פאַר אַ שרעקלעכע סעקונדע! — הכנעהדיק בעטן, ער זאָל עטלעכע מינוט צוווארטן אין דער קיך, ביז איך וועל מיין צימער ברענגען אין אָרדנונג. ווי איך האָב שוין געזאָגט, האָב איך זיין פּנים נישט געזען, אָבער איך האָב געשפּירט, אַז ער האָט פאַרשטאַנען. איך האָב עס געשפּירט פון זיין שווייגן, פון זיין איינגעהאַלטנקייט און פון דער זיך מיאוסנדיקער באַוועגונג, מיט וועלכער ער איז, נישט דערלאַנגענדיק מיר די האַנט, אריין אין קיך הינטער דעם פאָרהאַנג. און דאָרט, נעבן די אייזערנע קיך־פּלאַטן, פון וועלכע עס האָבן זיך נאָך געטראָגן ריחות פון צוגעוואַרעמטער קאַווע און ריבן, האָט דער אַלטער מאַן געמוזט שטיין און וואַרטן צען מינוט לאַנג, צען פאַר מיר און דעסטגלייכן פאַר אים דערנידערנדיקע מינוטן, ביז איך האָב דאָס מיידל משלח געווען פון בעט ארויס און דערנאָך נעבן אים פאַרביי פון דער וווינונג. ער האָט געמוזט הערן אירע טריט און ווי דער צעפּאָלדעוועטער פאָרהאַנג האָט ביי איר האַסטיקן ארויסגיין אַ פאָך געטון פון דעם לופט־צוג; און איך האָב נאָך אַלץ נישט געקאָנט אריינפירן דעם אַלטן מאַן פון דעם אומבכבודיקן באַהעלטעניש: קודם האָט די גאַנץ בולטע אומאָרדנונג פון בעט געמוזט באַזייטיקט ווערן, דערנאָך — קיינמאָל אין מיין לעבן בין איך נישט געווען אַזוי פאַרשעמט — בין איך אריין צו אים.

מיין פאָטער האָט פאַרמאָגט אַ רואיקע האַלטונג אין דער דאָזיקער שווערער שעה, נאָך היינט בין איך אים אינערלעך דאַנקבאַר דערפאַר. ווארום תמיד, בעת איך וויל מיך דערמאַנען אָן אים, דעם לאַנג פאַרשטאָרבענעם, מייד איך אויס אים צו זעען אויס דער פּערספּעקטיוו פונם שילער, וועלכער פלעגט אים געווענלעך מיט אַ נישט ניחאדיקייט באַטראַכטן ווי אַ קאַריגיר־מאַשין, ווי אַ פּעדאַנט, וואָס איז אומאויפהערלעך מקפּיד אויף פּינקטלעכקייט, נאָר תמיד נעם איך מיר דאָס בילד פון יענער

מענטשלעכער רגע זיינער, בעת ער איז, טיף דורכגעדרונגען מיט עקל און דאָך זיך באַהערשנדיק, נאָכגעגאַנגען הינטער מיר שטילשווייגנדיק אין דעם שטיקנדיקן צימער אַריין. דעם הוט מיט די הענטשקעס האָט ער געטראָגן אין האַנט: אומבאַוווסטזיניק האָט ער זיי געוואָלט אוועקלייגן, נאָר באַלד זיך צוריק געכאַפּט מיט אַ זשעסט פון עקל, ווי ער וואָלט זיך מיאוסן מיט אַ וועלכן ס׳איז טייל פון זיין וועזן זיך צוצורירן צום דאָזיקן שמוץ. איך האָב אים געבעטן זיצן; ער האָט נישט געענטפערט, נאָר זיין צוריקשטויסנדיקע גרימאַסע האָט געלאָזט מערקן, אַז ער וויל נישט האָבן קיין שום מגע ומשא מיט די חפצים, וואָס געפינען זיך אינעם דאָזיקן צימער.

נאָך עטלעכע אייז־קאַלטע רגעס שטיין מיט אָפּגעווענדטע בליקן האָט ער ענדלעך אַראָפּגענומען די ברילן און זיי געניי אָרומגעפּוצט. דאָס, האָב איך געוווּסט, פלעגט ער תמיד טון, בעת אַ פאַרלעגנהייט. עס איז אויך נישט פאַרלוירן געגאַנגען פון מיין אויפמערקזאַמקייט, ווי דער אַלטער מאַן האָט פאַרן צוריק אַרויפזעצן די ברילן זיך אַ וויש געטון מיט דער האַנט איבער די אויגן. ער האָט זיך געשעמט פאַר מיר און איך האָב מיך געשעמט פאַר אים, קיינער האָט נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין וואָרט. אין זיך האָב איך מורא געהאַט, אַז ער וועט באַלד אָנהויבן אַ מליצהדיקע דרשה מיט יענעם האַלז־טאָן, וועלכן איך האָב נאָך אַלס שיינגל פיינט געהאַט אין אים און פון וועלכן איך פלעג תמיד חוזק מאַכן. אָבער — און היינט נאָך דאַנק איך אים דערפאַר — דער אַלטער מאַן האָט נישט גערעדט קיין וואָרט און אויסגעמיטן מיך אָנצוקוקן. ענדלעך איז ער צוגעגאַנגען צו דער זיך וואַקלענדיקער עטאַזשערקע, וווּ מיינע ביכער זענען געשטאַנען, האָט זיי געעפנט — שוין פון ערשטן בליק האָט ער זיך געמוזט איבערצייגן, אַז זיי זענען נישט געוועזן באַרירט און על פי רוב נאָך נישט אויפגעשניטן אַפילו. „דיינע לערן־העפטן!" — דער דאָזיקער באַפעל איז געווען זיין ערשט וואָרט. מיט ציטערנדיקע הענט האָב איך זיי אים דערלאַנגט, איך האָב דאָך גוט געוווּסט, אַז די סטענאָגראַפישע נאָטיצן אַנטהאַלטן בלויז איין איינציקע לעקציע. ער איז מיט אַ שנעלן בליק דורכגעלאָפן איבער די צוויי זייטלעך און אָן דעם מינדסטן סימן פון כעס אוועקגעלייגט די העפטן אויפן טיש. דערנאָך האָט ער גענומען אַ שטול, זיך אַנידערגעזעצט, מיך אָנגעקוקט ערנסט, אָבער אָן

שום פּאָרוואורף און געפרעגט: „נו, וואָס טראַכסטו וועגן דעם אַלעם? וואָס וועט דערפון ווערן?"

די דאָזיקע רואיקע פראַגע האָט מיך גאָר נידערגעשלאָגן. אַלץ אין מיר איז שוין געווען גרייט צו ווידערשטאַנד: אויב ער זאָל מיך געווען זידלען, וואָלט איך אַרויס מיט חוצפּה, ווען ער זאָל מיך געווען מיט גוטן מוסרן, וואָלט איך אים אויסגעחוזקט. אָבער די דאָזיקע זאַכלעכע פראַגע האָט אינגאַנצן צעבראָכן מיין עקשנות: איר ערנסטקייט האָט געפאָדערט ערנסטקייט, איר געצוואונגענע רואיקייט — רעספּעקט און אינערלעכע פעסט־קייט. וואָס איך האָב דעמאָלט געענטפערט דערוועג איך מיך קוים צו דערמאָנען, דעסגלייכן דער גאַנצער ווייטערדיקער שמועס וויל מיר נאָך היינט נישט אַרויף אויף דער פעדער: עס זענען פאַראַן מאָמענטן פון פּלוצלינגער דערשיטערונג, אַ מין אינערלעכער אויפברויז, וואָס וואָלט מסתמא געקלונגען סענטימענטאַל ביים איבערדערציילן; פאַראַן געווי־סע ווערטער, וועלכע זענען אמת בלויז איין מאָל, אַרויסגערעדטע אונ־טער פיר אויגן און אויפגעטויכטע פון אַן אומגעריכטן געפיל־ווירבל. דאָס איז געווען דער איינציקער ווירקלעכער שמועס, וואָס איך האָב ווען עס איז געהאַט מיט מיין פאָטער און איך האָב אָן שום איבערלייגונג פריי־וויליק אַרויסגעוויזן הכנעהדיקייט: איך האָב אים איבערגעגעבן אַלץ צו אנטשיידן. ער ווידער האָט מיר בלויז געעצהט, איך זאָל פאַרלאָזן בערלין און דעם נאָענטסטן סעמעסטער שטודירן ערגעץ אין אַ קליינער אוניווער־זיטעט, ער איז זיכער, האָט ער מיך כמעט ווי געטרייסט, אַז איך וועל פון אַצינד אָן פלייסיק דעריאָגן דאָס פאַרשפּעטיקטע. זיין צוטרוי האָט מיך דערשיטערט; אין דער דאָזיקער איינער רגע האָב איך דערפילט די עוולה, וואָס איך בין אין משך פון מיין גאַנצער יוגנט־צייט באַגאַנגען נגען דעם דאָזיקן אַלטן מאַן, וואָס איז געווען פאַרבאַריקאַדירט מיט אַ קאַלטער פאָרמאַליטעט. איך האָב געמוזט פעסט איינבייסן די ליפּן, כדי איינצוהאַלטן די טרערן, וואָס האָבן זיך געשפּאַרט פון די אויגן אַרויס. אָבער אויך ער האָט מסתמא געמוזט פילן עפּעס ענלעכס, ווארום ער האָט מיר פּלוצלינג דערלאַנגט די האַנט, אַ רגע זי ציטערנדיק פאַרהאַלטן אין מיינער און איז האַסטיק אַרויסגעגאַנגען. איך האָב מיך נישט דערוועגט אים נאָכצוגיין, איך בין געבליבן שטיין אומרואיק און צעטומלט און האָב

מיטן טאַשנטיכל מיר אָפּגעווישט דאָס בלוט פון די ליפּן: אַזוי שטאַרק האָב איך איינגעביסן אין זיי די ציין, כדי מיך צו באַהערשן.

דאָס איז געווען די ערשטע דערשיטערונג, וואָס איך, דער נײַנצניעריקער בחור, האָב איבערגעלעבט — זי האָט מיט איין מאָל און אָן אַן איינציק שאַרף וואָרט צעוואָרפן דאָס גאַנצע באַמבאַסטישע קאָרטן־הײַזל פון מענלעכקייט, וווּליונגערישקייט און זעלבסטשטענדיקייט, וואָס איך האָב אויפגעשטעלט אין משך פון דרײַ חדשים. איך האָב מיך אַצינד, אַדאַנק דעם אָנגערעגטן ווילן, געפילט גענוג שטאַרק זיך אָפּצוזאָגן פון אַלע מינדערווערטיקע פאַרגעניגנס, עס איז מיך באַפאַלן אַן אומגעדולד אָנצווענדן די ביז איצט געפּטרטע כחות אויף גייסטיקע ענינים, עס האָט מיך איבערגעוועלטיקט אַ גיריקייט נאָך ערנסט, ניכטערנקייט, גוטע מדות און איינגעהאַלטנקייט. איך האָב מיך דעמאָלט אינגאַנצן געווידמעט דעם שטודיום, ווי צו אַ הייליקער עבודה, נישט ווייסנדיק נאָך פון דער שטאַרקער פאַרשכורטקייט, וואָס דערוואַרט מיך אין דער וויסנשאַפט, נישט האָבנדיק קיין אַנונג, אַז אויך אין יענער דערהויבענער וועלט פון גייסט לויערן תמיד אויף אַ שטורמישער נאַטור אַוואַנטורע און געפאַר.

*

Dי קליינע פּראָווינץ־שטאָט, וואָס איך האָב מיט מיין פאָטערס הסכמה אויסגעוויילט פאַר דעם נאָענטסטן סעמעסטער, האָט זיך געפונען אין מיטל־דייטשלאַנד. איר ווייט פאַרשפּרייטער אַקאַדעמישער רום איז געשטאַנען אין אַ שאַרפן קאָנטראַסט צו דעם קליינעם הייפל הייזער, וואָס האָבן אַרומגערינגלט דעם אוניווערזיטעט־בנין. עס האָט מיך נישט געקאָסט קיין סך טרחה, כדי פון באַנהויף, ווו איך האָב קודם איבערגעלאָזט מיין געפּעק, זיך צו דערפרעגן צו דער אַלמא מאַטער, און אויך אינעווייניק אין דעם רחבותדיקן אַלטערטימלעכן בנין, האָב איך גלייך דערשפּירט, אַז דער אינטימער קרייז האָט זיך דאָ אַ סך גיכער צונויפגעשלאָסן, איידער אין יענעם בערלינער טויבנשלאַק. אין צוויי שעה אַרום ביז איך שוין געווען איינגעשריבן און האָב שוין געהאַט באַזוכט דעם רוב פון די פּראָפעסאָרן, בלויז מיין הויפּט־פּראָפעסאָר, דעם לערער פון ענגלישער פילאָלאָגיע, האָב איך נישט געקאָנט באַלד געפינען, אָבער מען האָט מיר געזאָגט, אַז אַרום פיר נאָכמיטאָג קאָן מען אים טרעפן אין סעמינאַריום.

געטריבן פון אומגעדולד נישט דורכצולאָזן קיין איין לעקציע, פונקט אַזוי ליידנשאַפטלעך איצט אין דראַנג צו דער ווּיסנשאַפט, ווי פריער אין דעם אויסמיידן זי, האָב איך מיך געפונען — נאָך אַ שנעלן דורכלויפן דאָס גאַנצע שטעטל, וואָס האָט אין פאַרגלייך מיט בערלין אויסגעזען ווי פאַרזונקען אין אַ נאַרקאָטישן שלאָף — פינקטלעך פיר אַזייגער אויף דעם אָנגעוויזענעם אָרט. דער דינער האָט מיר געוויזן די טיר פון סעמינאַר. איך האָב אָנגעקלאַפט. און אַזוי ווי מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז פון אינעווייניק האָט זיך אָנגערופן עפּעס אַ קול, בין איך אַריינגעגאַנגען.

אָבער איך האָב געהאַט שלעכט געהערט. קיינער האָט מיך נישט געהייסן אַריינקומען. דער אומדייטלעכער קלאַנג, וואָס איז צו מיר פריער דערגאַנגען, איז געווען די דערהויבענע ענערגישע שטים פון פּראָפעסאָר, וועלכער האָט פאַר אַן ענג צונויפגעזאַמלטן און נאָענט אים אַרומרינגלענדיקן קרייז פון עטלעכע צוואַנציק סטודענטן געהאַלטן משמעות אַן אימפּראָוויזירטע לעקציע. מיר איז געוואָרן פּיינלעך, וואָס איך בין על פּי טעות אַריינגעקומען אָן אַ דערלויבעניש און איך האָב מיך געוואָלט שטילערהייט צוריק אַרויסשאַרן, האָב איך ווידער מורא געהאַט, אַז דערמיט וועל איך ערשט ציען אויף מיר די אויפמערקזאַמקייט, וואָרום ביז אַהער האָט מיך נאָך דערווייל קיינער פון די צוהערער נישט געהאַט באַמערקט. איך בין דעריבער געבליבן שטיין, נאָענט ביי דער טיר, און האָב נישט ווילנדיק אָנגעהויבן זיך צוצוהערן.

עס איז קענטיק געווען, אַז דער פאָרטראַג איז אַרויסגעוואַקסן פון אַ שמועס אָדער פון אַ דיסקוסיע, אַזוי לכל הפּחות האָט עס אויסגעזען לויט דער פרייער און לחלוטין צופעליקער גרופּירונג פון לערער און זיינע שילער: ער איז נישט געזעסן פונדערווייטנס אויף דער פּראָפעסאָרשטול, נאָר אויף איינעם פון די טישן מיט לייכט אַראָפּהענגענדיקע פיס, כמעט אויפן סטודענטישן שטייגער, און אַרום אים זענען געווען צונויפגעדרענגט די יונגעלייט אין אומגעצוווּנגענע פּאָזעס, אָבער די דאָזיקע תּחילת נאַכלעסיקע גרופּירונג איז אָפּנים דורך דעם פאַראינטערעסירטן צוהערן זיך פאַרפיקסירט געוואָרן אין אַ פּלאַסטישער אומבאַוועגלעכקייט. מען האָט דעריקענט, אַז זיי האָבן פריער געמוזט שטיין און שמועסן, דאַן האָט זיך דער לערער פלוצלינג געטון אַ כאַפּ אַרויף אויפן טיש און פון

דאַרט זיי צוגעצויגן צו זיך מיט זיינע ווערטער, ווי מיט אַ וווּרף־פּעטליע און צוגעשמידט זיי אין אומבאַוועגלעכקייט צו די ערטער. און עס האָט גאַרנישט לאַנג געדויערט, ווי איך אַליין, פאַרגעסנדיק אָן מיין אַריינקומען אומגערופן, האָב אָנגעהויבן פילן די מאַגנעטיש ווירקנדיקע קראַפט און כישוף פון זיינע רייד; איך בין נישט ווילנדיק צוגעגאַנגען נענטער, כדי צו זען די מערקווירדיק בויגיקע און אַרומנעמענדיקע באַוועגונגען פון זיינע הענט, וועלכע פלעגן טיילמאָל, נאָך אַ שטאַרק וואָרט, זיך אויסשפּרייטן ווי פליגל, ציטערנדיק זיך אויפהויבן אינדערהויך, כדי דערנאָך מיט אַ רואיקן מוזיקאַלישן זשעסט פון אַ דיריגענט ביסלעכווייז זיך צוריק אַראָפּצולאָזן. די רעדע זיינע איז דערווייל געוואָרן וואָס אַמאָל היציקער און שטורמישער און בשעת מעשה האָט ער זיך פון דעם האַרטן טיש אונטערגעהוידעט ריטמיש ווי אויפן רוקן פון אַ גאַלאָפּירנדיק פערד און מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם ווייטער געשטורעמט אין דעם היציקן, מיט בליציקע בילדער דורכגעפלאָכטענעם געדאַנקען־לויף. איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געהערט אַ מענטש רעדן אַזוי באַגייסטערט, אַזוי באמת מיטרייסנדיק —, צום ערשטן מאָל האָב איך איבערגעלעבט דאָס, וואָס די רוימער רופן אָן „ראַפּטוס”, דאָס אויפהויבן זיך פון אַ מענטש איבער זיך אַליין: נישט פאַר זיך, נישט פאַר אַנדערע האָט דאָ גערעדט אַ ברויזנדיק מויל, עס האָט דערפון געשפּריצט ווי פייער פון אַן אינערלעך אָנגעצונדענעם מענטש.

קיינמאָל האָב איך נאָך אַזעלכעס נישט געהאַט איבערגעלעבט: אַ רעדע, פאַרוואַנדלט אין עקסטאַז, לײדנשאַפטלעכער פאָרטראַג ווי אַן עלעמענטאַר געשעעניש, און מיטאַמאָל האָט מיך דאָס דאָזיקע אומגעריכטע אַ צי געטון פאָראויס. נישט פילנדיק, אַז איך האָב מיך געלאָזט גיין, היפּנאָטיש צוגעצויגן דורך אַ כח, וואָס איז שטאַרקער געווען ווי נייגיריקייט, מיט יענע אָנמעכטיקע טריט, ווי ביי לונאַטיקער, האָט עס מיך מאַגיש אַ ריס געטון צו יענעם ענגן קרייז: נישט ווויסנדיק ווי אַזוי, האָב איך מיך פּלוצלינג געפונען אינעווייניק, צען שפּאַן פון אים און אינמיטן צווישן די אַנדערע, וועלכע זענען אויך געווען צופיל פאַרכישופט, אַז זיי זאָלן אימשטאַנד זיין עמעצן אָדער עפּעס צו באַמערקן. איך בין פאַרכאַפּט געוואָרן דורך דער רעדע, מיטגעריסן דורך איר שטראָם, נישט ווויסנדיק אפילו איר אָנהויב: איינער פון די סטודענטן האָט משמעות זיך געמוזט

האָבן אויסגעדריקט, אַז שעקספּיר איז געווען אַ מעטאַרישע דערשיינונג, דעם מאַן אָבער דאָרט אויבן האָט דווקא געריצט צו באַווייזן, אַז ער איז גאָר געווען דער שטאַרקסטער אויסדרוק, די נשמה־אַנטפּלעקונג פון אַ גאַנ־צן דור, דער זינלעכער אויסדרוק פון אַ ליידנשאַפטלעך געוואָרענער תקופה. מיט אימפּעט און שוווּנג האָט ער געמאָלט יענעם אומגעוועלכן מאָ־מענט ענגלאַנדס, יענע באַזונדערע רגע פון עקסטאַז, וואָס באַווייזט זיך אומגעריכט אין לעבן פון יעדן פאָלק, פּונקט ווי אין לעבן פון יעדן יחיד, צוזאַמענגעמענדיק אַלע כוחות אויף אַ ריזיקן שפּאַן אין דעם אייביקן אריין. די ערד איז פּלוצלינג ברייטער געוואָרן, אַ נייער קאָנטינענט איז אַנטדעקט געוואָרן, בעת די עלטסטע מאַכט פון אַלטן קאָנטינענט, דאָס פּויפּסטטום, איז געשטאַנען פאַר דער סכנה אונטערצוגיין: הינטער די ימים, וואָס געהערן אַצינד צו ענגלאַנד, זינט שפּאַניעס אַרמאַדאַ איז דורך ווינט און כוואַליעס צעשמעטערט געוואָרן, טויכן־אויף נייע מעגלעכקייטן, די וועלט איז זיך פונאַנדערגעוואַקסן, און אומבאַוווּסט האָט די מענטש־לעכע נשמה דערפילט אַ דראַנג איר נאָכצוטון — אויך זי וויל זיך פונאַנ־דערוואַקסן, אַריינדרינגען ביז אין די לעצטע גרענעצן פון גוט און שלעכט; זי שטרעבט צו אַנטדעקן, צו דעראָבערן, פּונקט ווי יענע קאָנקיסטאַדאָרן, זי נויטיקט זיך אין אַ נייער שפּראַך, אין אַ נייער קראַפט. און איבער נאַכט וואַקסן אויף די שעפער פון דער דאַזיקער שפּראַך, די דיכטער; פּופציק, הונדערט און איין יאָרצענדליק, אַ ווילדע, אומגעצוימטע כאַליאַס־טרע, וואָס פאַרנעמט זיך נישט אַזוי ווי די הויפישע פּאַעטלעך פאַר זיי מיט באַאַרבעטן אַרקאַדישע גערטנדלעך און פערזן־שרייבעריי איבער אַ פאַרהערלעכטער מיטאָלאָגיע, — זיי שטורעמען דאָס טעאַטער, פאַר זייער מלחמה־פּלאַץ קלויבן זיי אויס די בינע־ברעטער, וווּ ס'האָט זיך פריער גע־טראָגן דעם ליאַרם פון צערייצטע חיות און פון בלוטיקע שפּילן, דער הייַ־סער הויך פון בלוט שפּירט זיך נאָך אין זייערע ווערק, זייערע דראַמעס אַפילו זענען אַזאַ מין circus maximus, אין וועלכן די ווילדע בעס־טיעס פון געפיל וואַרפן זיך טויט־הונגעריקע איינע אויף דער אַנדערער. מיט אַ לייבן־כח שטורעמט זיך אויס די אומגעצוימטקייט פון די דאַזיקע ליידנשאַפטלעכע הערצער, איינער וויל דעם אַנדערן אַריבעריאָגן מיט דער שפע פון ווילדקייט, אַלץ איז דערלויבט אין דער שילדערונג: בלוט־שאַנד, מאָרד, רשעות, פאַרברעכן, דער גרענעצלאָזער בונט פון אַלעם מענטשלעכן

פייערט דאָ זיין פלאַמענדיקע אָרגיע; פּונקט ווי פריער די הונגעריקע חיות,
וואָס מען האָט ארויסגעלאָזט פון זייער געפענגעניש, אזוי האָבן זיך איצט
א ווארף געטון מיט א סכנותדיקן געברום די פארשכורטע ליידנשאַפטן
אויף דער הילצערנער ארענע. א שטאַרקער אויסברוך עקספּלאָדירט ווי א
פּעטאַרדע, פּופּציק יאָר ציט ער זיך, א בלוטשטורעם, אַן אויסגוס, א העפּ־
טיקע ווילדקייט, וואָס קלאַמערט ארום די גאַנצע וועלט און צערייסט זי:
עס שפּירן זיך קוים די איינצלנע שטימען, די איינצלנע געשטאַלטן אין
דער דאָזיקער אָרגיע פון קראַפט. איינער צינדט זיך אָן פונם אַנדערן, יע־
דער איינער לערנט, יעדער איינער גנבעט ביים אַנדערן, יעדער איינער
קעמפט אַריבערצוויאָגן דעם אַנדערן, אים איבערצושטייגן, אַלע ווידער צו־
זאַמען זענען ווי גייסטיקע גלאַדיאַטאָרן, וואָס נעמען אַנטייל אין דערזעל־
בער פייערלעכקייט, פריינעלאָזטע שקלאַפן, וואָס ווערן מיט א בייטש
געטריבן פאָראויס דורך דער גאונות פון דער צייט. זי ברענגט זיי פון איינ־
געבויגענע, פארחושכטע פאָרשטאָט־שטובן און פון פּאַלאַצן, בען דזשאָנ־
סאָן, דאָס מויערער־איניקל, מאַרלאָ, דעם שוסטער־זון, מאַסינדזשער, די
קאַמערדינער־גזע, פיליפּ סידני, דעם רייכן געלערנטן מלוכה־מאַן. דער
הייסער געווירבל קנוילט אָבער אַלע צוזאַמען, היינט הויבט מען זיי ביז
אין די הימלען, מאָרגן גייען זיי אויס, די קידס, די הייוואָדס, אין טיפסטער
נויט, ברעכן זיך צוזאַמען פארהונגערטע ווי ספּענסער אין קינג סטריט;
אַלע זענען זיי אומבירגערלעכע עקזיסטענצן, צעלאָזענע יונגען, הולטאַ־
יעס, קאָמעדיאַנטן, שווינדלער, אָבער דיכטער, דיכטער, דיכטער זענען
זיי אַלע. שעקספּיר איז בלויז דער מיטלפּונקט פון זיי: „the very age and body of the time" (1, אָבער מען האָט גאָרנישט קיין צייט אים
אויסצוטיילן, אזוי שטורעמט דאָס דאָזיקע געווירבל, אזוי שפּעדיק יאָגט
אַריבער איין ווערק דאָס אַנדערע, איין ליידנשאַפט די אַנדערע. און פּלוצ־
לינג, פּונקט אזוי בליציק, ווי דער דאָזיקער הערלעכער אויסברוך פון דער
מענטשהייט איז אַנטשטאַנען, פאַלט ער זיך שפּעטער ווידער פונאַנדער.
די דראַמע איז געענדיקט, ענגלאַנד איז דערשעפּט, און ווידער טראָגט
זיך אין משך פון הונדערטער יאָרן די נעפּלדיק־נאַסע גרויקייט פון דער
טעמזע אויך איבערן גייסט: מיט א האַסטיקן שטורעם האָט א דור דער־

1) די לעבעדיקע פארקערפּערונג פון זיין תקופה.

גרייכט דעם העכסטן שפּיץ און דעם טיפסטן תהום פון דער ליידנשאַפט, היים אויסגעהויכט די איבערפולטע, פאַרשכורטע נשמה פון דער ברוסט — און אַט ליגט דאָס לאַנד מיד, דערשעפּט; אַ קליינלעכער פּוריטאַניזם פאַרמאַכט די טעאַטערס און דערשטיקט דערמיט דאָס ליידנשאַפט־וואָרט; די ביבל נעמט ווידער דאָס וואָרט, דאָס געטלעכע וואָרט, נאָכדעם ווי דאָס העכסטע מענטשלעכע האָט אַרויסגעזאָגט די פייערדיקסטע ווידוי פון אַלע צייטן און איין איינציקער גליענדיקער דור האָט איבערגעלעבט פאַר טויזנטער.

און פּלוצלינג האָט דאָס בליץ־פייער פון דער רעדע אומגעריכט זיך אַ קער געטון דירעקט צו אונז: „פאַרשטייט איר אַצינד, פאַרוואָס איך הויב נישט אָן מיין פאַרלעזונג לויט אַ היסטאָרישן סדר, ביים קינג אַרטור און טשאָסער, נאָר להיפוך צו אַלע כללים ביי די עליזאַבעטאַנער? און פאַרשטייט איר, פאַרוואָס איך פאַרלאַנג קודם כל אַ גרינטלעכע באַקאַנטשאַפט מיט זיי, אַן איינלעבן זיך אין דער דאָזיקער העכסטער לעבנס־קראַפט? וואָרום עס איז נישט פאַרהאַן קיין פילאָלאָגיש פאַרשטיין אָן אי־בערלעבן, נישטאָ קיין בלויז גראַמאַטיקאַליש וואָרט אָן דער דערקענטעניש פון די ווערטן, און איר יונגע מענטשן באַדאַרפט אַ לאַנד, אַ שפּראַך, וואָס איר ווילט פאַרשטיין און באַהערשן, קודם כל זעען אין איר העכסטער שיינ־הייט־פאָרעם, אין דער שטאַרקסטער פאָרעם פון זיין יוגנט, פון זיין גע־וואַלטיקסטער ליידנשאַפט. קודם מוזט איר די שפּראַך הערן ביי די דיכטער, ביי די יעניקע, וואָס שאַפן און פאַרפולקאָמען זי, איר מוזט פריער האָבן געשפּירט אויף אייער הארץ דעם וואַרעמען אָטעם פון דער דיכטונג, איי־דער מיר הויבן זי אָן צו צעגלידערן. דעריבער הויב איך תמיד אָן ביי די געטער, וואָרום ענגלאַנד — דאָס איז עליזאַבעט, שעקספּיר און די שעקספּיר־יאַנער, דאָס גאַנצע פריערדיקע איז בלויז אַ צוגרייטונג, דאָס שפּעטער־דיקע אַ הינקענדיק נאָכלויפן דעם דאָזיקן דרייסטן שפּרונג אין דער אומ־ענדלעכקייט אריין — דאָ אָבער, פילט עס, פילט עס אַליין, איר יונגע מענטשן, דאָ איז די לעבעדיקסטע יוגנט פון אונזער וועלט. יעדע דערשיי־נונג, יעדן מענטש קאָן מען תמיד דערקענען נאָר אין דער פייער־פאָרעם, נאָר אין דער ליידנשאַפט. וואָרום יעדער גייסט קומט אַרויס פון בלוט, יעדעס דענקען פון דער ליידנשאַפט, יעדע ליידנשאַפט פון דער באַגייס־טערונג — דעריבער קענען קודם כל שעקספּיר און זיינע בני־הדור אייך

יונגע מענטשן באמת יונג מאכן! צוערשט דער ענטוזיאַזם, דערנאָך דער פליים, צוערשט ער, דער העכסטער, דער דערהויבנסטער, שעקספיר, דאָס דאָזיקע הערלעכסטע רעפּעטיטאָריום פון דער וועלט, דערנאָך דער שטודיום פון וואָרט!"

„און אַצינד זאָל געניג זיין אויף היינט, — זייט געזונט!" — מיט אַ שאַרפער, אָפּהאַקנדיקער האַנט־באַוועגונג האָט ער אומגעריכט פאַרענדיקט, גלייכצייטיק אַראָפּשפּרינגענדיק פון טיש. די סטודענטן־גרופּע האָט זיך מיטאַמאָל אַ הויב געטון, גלייך ס'וואָלט זיי עמעצער פונאַנדערגעטרייסלט, אַ קנאַקעריי און רוקעריי פון שטולן און טישן; צוואַנציק ביז אַהער פאַרמאַכטע קעלן האָבן אָנגעהויבן אויף איין מאָל צו רעדן, אָפּצורוסטן, ברייט צו אָטעמען — אַצינד ערשט האָט מען געזעען, ווי מאַגנעטיש עס איז געווען די דאָזיקע פאַרכשופטקייט, וואָס האָט די אַלע מיילער געהאַלטן אַזוי לאַנג פאַרשלאָסן. דערפאַר האָט זיך איצט היציקער און אומגעצוימטער געטומלט אין דעם ענגן חלל פון זאַל; טייל זענען צוגעגאַנגען צום לערער, כדי אים צו דאַנקען אָדער עפּעס צו זאָגן, אַנדערע ווידער מיט פאַרפלאַמטע פּנימער האָבן דערוויי‍ל זיך געטיילט מיט די איינדריקן; קיינער אָבער איז נישט געשטאַנען רואיק, קיינער איז נישט געבליבן אומבאַריירט פון דער עלעקטרישער געשפּאַנטקייט, פון וועלכער דער קאָנטאַקט איז אַצינד האַסטיק איבערגעריסן געוואָרן און פון וועלכער עס האָט אָבער אַפּנים נאָך געשפּריצט מיט פייער אין דער אָנגעלאָדענער לופט.

איך אַליין האָב מיך נישט געקאָנט רירן: איך האָב געהאַט דאָס געפיל, ווי מען וואָלט מיר געטראָפן אין האַרץ אַריין. זייענדיק אַליין ליידנשאַפטלעך און פעאיק צו באַגרייפן זאַכן תמיד נאָר התלהבותדיק, דורך אַ העפטיקן שטורים פון אַלע חושים, האָב איך מיך איצט צום ערשטן מאָל געפילט מיטגעריסן דורך אַ מענטש, דורך אַ לערער, איך האָב עמפּפונדן אַן איבערמאַכט, פאַר וועלכער עס מוז זיין אַ חוב און אַ תענוג זיך צו בויגן. דאָס בלוט אין מיינע אָדערן האָט זיך דערוואָרעמט, איך האָב עס געשפּירט, דער אָטעם איז געוואָרן שנעלער, דער דאָזיקער גיכער ריטם איז אַריינגעדרונגען ביז אין מיין קערפּער אַריין און אָנגעפילט מיט אומגעדולד יעדן אבר. ענדלעך האָב איך מיך באַרואיקט, פּאַמעלעך זיך אַריינגעשטופּט אין דער פאָדערשטער ריי, כדי אָנצוקוקן דאָס פּנים פונם דאָ־

זיקן מאַן, וואָרום — מאָדנע! כּל זמן ער האָט גערעדט, האָב איך זיינע שטריכן נישט געקאָנט אויפכאַפּן מיטן אויג, אַזוי צעשמאָלצן, אַזוי צו־נויפגעגאָסן זענען זיי געוואָרן מיט דער רעדע. אויך אַצינד האָב איך תּחילת נישט געקאָנט מער זעען, ווי אַן אומדייטלעכן סילועט פון פּראָפיל: ער איז געשטאַנען האַלב אויסגעדרייט צו אַ סטודענט, די האַנט היימיש אָנ־געלענט אויף יענעמס אַקסל אין דעם בין השמשותדיקן ליכט פון פענס־טער. אָבער אַפילו די דאָזיקע אומדייטלעכע באַוועגונג האָט פאַרמאָגט אַזוי פיל האַרציקייט און חן, ווי איך וואָלט דאָס קיינמאָל נישט געהאַל־טן פאַר מעגלעך ביי אַ פּעדאַגאָג.

דערווייל האָבן מיך באַמערקט עטלעכע סטודענטן; און כּדי נישט אויסצוזעען ווי איינער, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אומגעבעטענערהייט, בין איך צוגעגאַנגען נאָך אויף עטלעכע טריט צום פּראָפעסאָר און גע־וואַרט, ביז ער וועט פאַרענדיקן זיין שמועס. אַצינד ערשט האָב איך גע־האַט די געלעגנהייט אַריינצוקוקן אים אין פּנים: אַ רוימער־קאָפּ, אַ פיין געוועלבטער שטערן ווי פון מאַרמאָר, די ציכטיק־גלאַנצנדיקע, ווייסע פּו־ביקע האָר אויפגעשויבערט ביי די זייטן און כוואַליעדיק אַריבערגעוואָרפן אויף הינטן: אַן אימפּאָנירנדיקע דרייסטקייט און אויסדרוק פון גייסטי־קייט אין אויבערשטן טייל פּנים — נאָר באַלד אונטער די טיפע אויגן־שאָטנס האָט אַלץ באַקומען אַ ווייכן, כּמעט ווייבלעכן אויסזעען דורך דער גלאַטיק פאַררונדיקטער גאַמבע, דורך די אומרואיקע ליפּן, איבער וועלכע עס האָט נערוועז אַרומגעפלאַטערט, אַט אַ שמייכל און אַט ווידער אַן אומרואיקער קוק. אַלץ וואָס דער שטערן אויבן האָט מעגלעך שיין קאָנ־צענטרירט, איז אויפגעלייזט געוואָרן אין דער ווייכלעכקייט פון שלאַבע־ריקע באַקן און אַן אומרואיק מויל. אויפן ערשטן בליק אימפּאָזאַנט און הערשעריש, האָט זיין פּנים פון דער נאָענט געמאַכט דעם איינדרוק ווי פיינלעך אָנגעשטרענגט. אויך אין זיין קערפּערלעכער האַלטונג איז קענ־טיק געווען אַן ענלעכע צווייאיקייט. זיין לינקע האַנט האָט נאַכלעסיק גע־רוט אויפן טיש, אָדער לפּחות אויסגעזעען צו רוען, וואָרום איבער אירע געלענקען זענען כּסדר דורכגעלאָפן קליינע ציטערנדיקע פּולסירונגען, און די דינע, פּאַר אַ מענער־האַנט אַביסל צו צאַרטע, אַביסל צו ווייכע פינגער האָבן אומגעדולדיק געצייכנט אומזעבאַרע פיגורן איבער דער ליידיקער

הילצערנער טיש־פליטע, בעת זיינע אויגן אונטער די שווערע אויגן־הײם־לעך האָבן פאַראינטערעסירט אַנטייל גענומען אין שמועס. איז ער גע־ווען אומרואיק, אָדער איז עס געווען אַ נאָכציטער פון די פריער אָנגע־שטרענגטע נערוון? יעדנפאַלס איז דאָס אומרואיקע ציטערן פון דער האַנט געשטאַנען אין סתירה צו דעם רואיקן און אָפּוואַרטנדיקן אויסדרוק פון פּנים, וואָס האָט אויסגעזעען מיר און דאָך אויפמערקזאַם פאַרטיפט אין דעם שמועס מיט די סטודענטן.

ענדלעך איז אָנגעקומען מיין ריי. איך בין צוגעגאַנגען, געזאָגט מיין נאָמען און וואָס כ׳האָב דאָ בדעה צו טון, און באַלד האָבן זיך אָנגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר העל־לויכטנדיקע בלויע אויגן. גאַנצע צוויי, דריי סע־קונדעס האָט דער פּינקלדיק־פּרעגנאַנטדיקער בליק געבלאָנדזשעט איבער מיין פּנים פון דער גאָמבע ביז צו די האָר־שפּיצן: איך האָב אַפּנים געמוזט רויט ווערן אונטער דער דאָזיקער מילד־אינקוויזיטאָרישער באַטראַכטונג, ווייל ער האָט זיך באַלד באַמיט צו באַזייטיקן מיין צעטראָגנקייט דורך אַ געשוווינדן שמייכל. „אַלזאָ איר ווילט זיך ביי מיר איינשרייבן: דאַן מוזן מיר נאָך איינער מיטן אַנדערן ברייטער שמועסן. אַנטשולדיקט מיר, וואָס איך טו דאָס נישט גלייך אויפן אָרט. איך האָב נאָך אַצינד עפּעס צו דערליידיקן; אפשר ווילט איר וואַרטן אויף מיר אונטן פאַרן טויער און מיך דערנאָך אַהיים באַגלייטן.“ דערביי האָט ער מיר דערלאַנגט די האַנט, זיין צאַרטע, קליינע האַנט, וועלכע האָט באַרירט מיינע פינגער לייכטער ווי אַ הענטשקע, און באַלד זיך געווענדט פריינטלעך צו דעם נאָענטסטן לויט דער ריי, וואָס האָט געוואַרט אויף אים.

צען מינוט האָב איך געוואַרט פאַרן טויער מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ. וואָס זאָל איך אים זאָגן, אויב ער וועט מיך פרעגן וועגן מיינע סטודיען, ווי אַזוי מודה זיין פאַר אים, אַז איך האָב מיך קיינמאָל נישט אָפּגעגעבן מיט קיין ליטעראַרישע ענינים, נישט ביי מיין אַרבעט און נישט אין די פרייע שעהן. וועט ער מיך נישט פאַראַכטן, אָדער גאָר אויסשליסן פון יענעם פייערדיקן קרייז, וואָס האָט מיך היינט מאַגיש אַרומגענומען? אָבער ווי נאָר ער האָט זיך באַוויזן, דערנענטערנדיק זיך צו מיר מיט גי־כע טריט און מיט אַ פריינטלעכן שמייכל, איז מיין גאַנצע צעמישטקייט פאַרשוווּנדן געוואָרן, און אָן שום דראַנג פון זיין זייט האָב איך מיך

באַלד מתוודה געווען (נישט זייענדיק בכוח עפּעס צו באַהאַלטן פאַר אים), אַז איך האָב מיין ערשטן סעמעסטער שטאַרק פאַרנאַכלעסיקט. מיך האָט ווידער אַרומגענומען אַ וואַרעמער מיטפילנדיקער בליק. „די פויזע געהערט אויך צו דער מוזיק", האָט ער געזאָגט מיט אַ דערמוטיקנדיקן שמייכל, און משמעות כדי מיך נישט ווידער צו שטעלן אין אַ פאַרלעגנהייט פאַר מיין אומוויסנקייט, האָט ער מיך אָנגעהויבן אויסצופרעגן וועגן ריין פּערזענלעכע זאַכן, וועגן מיין היימאַרט און וועגן דעם, ווו איך האָב דאָ ברעה צו וווינען. ווען איך האָב אים דערציילט, אַז איך האָב ביז אַצינד נאָך נישט געפונען קיין צימער, האָט ער מיר פאַרגעלייגט זיין מיטהילף און געעצהט, אַז איך זאָל צוערשט געוויר ווערן אין הויז, ווו ער וווינט, דאָרט פאַרדינגט תמיד אַן אַלטע, האַלב-טויבע פרוי אַ פיין צימערל, מיט וועלכן יעדער פון זיינע תלמידים, וואָס האָבן דאָרט געוווינט, איז געווען צופרידן. און וועגן אַלע אַנדערע זאַכן וועט ער שוין אַליין זאָרגן: אויב איך האָב באמת ברעה זיך ערנסט צו פאַרנעמען מיטן שטודיום, וועט ער עס האַלטן פאַר אַן אנגענעמען חוב מיר אויף יעדן אופן בייהילפיק צו זיין.

צוקומענדיק צו זיין וווינונג, האָט ער מיר ווידער דערלאַנגט די האַנט און מיך פאַרבעטן צו זיך אַהיים אויפן אַנדערן אָוונט, כדי מיר זאָלן בשתפות אויסאַרבעטן אַ לערן-פּלאַן. און מיין דאַנקבאַרקייט פאַר דער אומדערוואַרטער גוטסקייט פונם דאָזיקן מענטש איז אַזוי גרויס געווען, אַז איך האָב בלויז מיט יראת הכבוד אָנגענומען זיין האַנט, צעטומלט אַראָפּגענומען דעם הוט און פאַרגעסן אים מיט עפּעס אַ וואָרט צו דאַנקען.

*

עס פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב באַלד געדונגען דאָס צימערל אינעם זעלבן הויז. איך וואָלט עס געדונגען אפילו אין פאַל, ווען עס זאָל פאַר מיר געווען נישט טויגן, בלויז צוליב דעם נאַאיוו דאַנקבאַרן געפיל זיך צו געפינען נאָענט פונם דאָזיקן וווּנדערלעכן לערער, וואָס האָט מיר אין איין שעה געגעבן מער, ווי אַלע איבריקע ביז אַהער. אָבער דאָס צימערל איז געווען הערלעך: אַ דאַכשטיבל איבער מיין פּראָפעסאָרס וווינונג, אַביסל פינסטערלעך צוליב דעם אַרויסשטייענדיקן דאַך-שפּיץ, מיט אַ

ברייטן אויסקוק דורכן פענסטער אויף די שכנותדיקע דעכער און דעם קירכע־טורעם; נאָך ווייטער האָט זיך שוין געזעען אַ גרין שטיק פעלד און איבער דעם די וואָלקנס, די געליבטע היימישע וואָלקנס. אַן אַלטע טויבע פרוי האָט מיט אַ רירנדיקער מוטערלעכקייט געזאָרגט פאַר אירע צייט־ווייליקע קעסטקינדער. אין צוויי מינוט בין איך מיט איר משווה געוואָרן, און אַ שעה שפּעטער האָב איך שוין געשלעפּט מיין קופערט איבער די סקריפּענדיקע הילצערנע שטיגן.

יענעם אָוונט בין איך שוין נישט אַרויסגעגאַנגען פון שטוב, איך האָב פאַרגעסן אָן עסן, אָן רויכערן. איך האָב האַסטיק געטון אַ צי אַרויס פון קופערט דעם צופעליק אַהין איינגעפּאַקטן שעקספּיר, שטאַרק אומגע־דולדיק אים (נאָך אַ סך יאָרן ווידער אַמאָל) צו לייענען; מיין נייגיריקייט איז דורך יענער פאַרלעזונג געוואָרן ליידנשאַפטלעך דערהיצט און איך האָב געשלונגען די דיכטערישע ווערטער ווי נאָך קיינמאָל נישט. קאָן מען אַזעלכע פאַרענדערונגען דערקלערן? מיטאַמאָל האָט אין דער שריפט אויפגעטויכט פאַר מיר אַ גאַנצע וועלט, די ווערטער האָבן אַזוי געצאַפּלט מיר אַנטקייגן, גלייך ווי זיי וואָלטן מיך שוין געזוכט זינט הונדערטער יאָרן; דער פערז האָט זיך געטראָגן ווי אַ פייער־כוואַליע, מיך מיטגעריסן און אַריינגעדרונגען ביז אין מיין בלוט אַריין, אַז איך האָב דערפילט אין די שלייפן יענעם אויסטערלישן שווינדל ווי אין אַ פלי־חלום. איך האָב געציטערט, איך האָב געצאַפּלט, איך האָב געפילט דאָס בלוט אין מיר וואַרעמער פליסן, ווי אַ פיבער וואָלט מיך באַפאַלן — אַזעלכעס איז מיט מיר קיינמאָל פריער נישט פאָרגעקומען, און איך האָב דאָך קיין זאַך נישט געטון, ווי בלויז אויסגעהערט אַ התלהבותדיקע רעדע. אָבער פון דער דאָ־זיקער רעדע האָט נאָך געמוזט בלייבן אין מיר עפּעס אַ שכרות; ווען איך פלעג איבערחזרן אַ שורה אויפן קול, האָב איך געהערט, ווי מיין שטים האָט אומבאַוווסטזיניק נאָכגעמאַכט זיין שטים, אַז די זאַצן האָבן געשטורעמט אין דעם זעלבן האַסטיקן ריטם, און אַז מיינע הענט האָבן חשק געהאַט זיך בויגנאַרטיק אויפצוהויבן, פּונקט ווי זיינע — ווי דורך אַ כשוף האָב איך אין משך פון איין שעה דורכגע־בראָכן די וואַנט, וואָס איז ביז אַהער געשטאַנען צווישן מיר און דער גייסטיקער וועלט און איך, דער ליידנשאַפטלעכער, האָב אַנטדעקט אַ נייע

לײדנשאַפֿט, װעלכע איז מיר טרײַ געבליבן ביזן הײַנטיקן טאָג: דער חשק צו געניסן פֿון אַלעם ערדישן דורכן מיט גײַסט באַהויכטן װאָרט. צופֿע־ליק האָב איך אָנגעטראָפֿן אויף „קאָריאָלאַנען“, און עפּעס אַ מין שכרות איז מיך באַפֿאַלן, בעת איך האָב געפֿונען אין מיר אַלע עלעמענטן פֿונם דאָזיקן װוּנדערלעכן רױמער: שטאָלץ, גאווה, צאָרן, חוזק, שפּאָט, כלער־לײ בלײַ, כלערלײ גאָלד, אַלע מעטאַלן פֿון געפֿיל. װאָס פֿאַר אַ תענוג איז עס דאָס אַלץ מיטאַמאָל מאַגיש צו דערפֿילן, צו פֿאַרשטײן! איך האָב גע־לײענט און געלײענט, ביז די אויגן האָבן מיר אָנגעהויבן צו ברענען; װען איך האָב אַ קוק געטון אויפֿן זײגער, איז געװען האַלב פֿיר. כמעט דער־שראָקן פֿון דער נײַער קראַפֿט, װאָס האָט זעקס שעה נאָכאַנאַנד געהאַלטן מײַנע חושים געשפּאַנט און גלײכצײַטיק באַטויבט, האָב איך פֿאַרלאָשן דאָס ליכט. אָבער אין מײַן מוח האָבן נאָך אַלץ געפֿלאַמט און געצאַפּלט די בילדער, איך האָב קוים געקאָנט אײַנשלאָפֿן פֿאַר אומגעדולד און דער־װאַרטונג אויפֿן מאָרגנדיקן טאָג, װעלכער האָט מיר געזאָלט ברײטער מאַכן די אַזױ כשופֿדיק אַנטדעקטע װעלט און זי מיר אינגאַנצן מאַכן פֿאַר אײגן.

*

אָבער דער קומענדיקער פֿרימאָרגן האָט געברענגט אַנטטױשונג. אַן אומגעדולדיקער בין איך דער ערשטער געקומען אין צוהערער־זאַל, װוּ מײַן לערער (אַזױ װעל איך אים פֿון איצט אָן רופֿן) האָט געזאָלט האַלטן זײַן פֿאָרלעזונג װעגן ענגלישער פּאָעטיק. שױן בײַ זײַן אַרײַנקומען, בין איך דערשראָקן געװאָרן: איז דאָס געװען דער זעלבער מענטש װאָס נעכטן, אָדער אפֿשר האָט בלױז מײַן געהױבענע שטימונג און דעראײַנערונג אים פֿאַרװאַנדלט אין אַ קאָריאָלאַן, װעלכער שלײַדערט אויפֿן פֿאָרום װערטער װי בליצן, העלדיש דרײסט, אונטעריאָכנדיק און באַצװינגענדיק? דער דאָ־זיקער דאָ, װאָס איז אַרײַנגעקומען מיט שטילע שלײַכנדיקע טריט, איז געװען אַן אַלטער מידער מאַן. גלײַך װי מען װאָלט פֿון זײַן פּנים אַװעק־גענומען אַ לױכטנדיקע שײַן, האָב איך איצט פֿון דער באַנק אין דער ער־שטער רײ דערזען זײַנע כמעט קרענקלעכע מידע שטריכן, דורכגעאַקערט מיט שאַרפֿע רונצלען און ברײטע הויט־שפּאַלטן; בלײַלעכע שאָטנס האָבן אויסגעגראָבן קנײטשן, װי אויסגעהײלטע רינװעס, אין די מאַט־גרויע

באקן. די אויגן זענען אים בעתן לייענען געווען באשאטנט מיט צו שוועד־רע אויגנהייטלעך און דאָס מויל מיט די שטאַרק בלאַסע, צו שמאָלע ליפּן האָבן שוין נישט צוגעגעבן זיינע ווערטער קיין מעטאַלענעם קלאַנג: ווו איז אַהינגעקומען זיין הייטערקייט, די מיט זיך אַליין אַנטציקטע התלהבות? אפילו זיין שטים האָט זיך מיר אויסגעוויזן פרעמד; גלייך ווי זי וואָלט דורך דער גראַמאַטיקאַלישער טעמע געוואָרן ניכטער, האָט זי אָפּגעקלונגען שטיל, ווי מאָנאָטאָנע מידע טריט איבער טרוקן קנאַקענדיק זאַמד.

אַן אומרואיקייט איז מיך באַפאַלן. דאָס איז דאָך גאָרנישט געווען דער זעלבער מענטש, אויף וועלכן איך האָב היינט געוואַרט, זינט איך בין אויפגעקומען פון שלאָף: ווו איז אַהינגעקומען זיין פּנים, דאָס פּנים, וואָס האָט זיך מיר נעכטן אויסגעוויזן ווי באַגאָסן מיט הימלישער שיין? איצט האָב איך בלויז געזעען אַן אויסגעמאַטערטן פּראָפעסאָר, וואָס האָט זאַכלעך אַרומגערעדט זיין טעמע; איך האָב וואָס אַמאָל מיט נייער שרעק מיך איינגעהאָרכט אין זיינע רייד, אפשר וועט זיך דאָך צוריקקערן יענער טאָן פון נעכטן, די וואַרעמע וויבראַציע, וואָס האָט ווי אַ קלינגענדיקע האַנט באַרירט מיין געפיל און אָנגערעגט צו לײַדנשאַפט. וואָס אַמאָל אומרואיקער האָט זיך אויפגעהויבן צו אים מיין בליק און פול מיט אַנטטוישונג געבלאָנדזשעט איבער דעם פאַרפרעמדטן פּנים: דאָס דאָזיקע פּנים איז אָן ספק געווען דאָס זעלבע, אָבער... ווי אָפּגעלייזדיקט, באַרויבט פון יעדער באַפרוכפּערנדיקער קראַפט, מיד, אַלט, אַ פאַרמעטענע מאַסקע פון אַן אַלטן מאַן. אָבער צי איז אַזעלכעס מעגלעך? קאָן מען אַזוי יונג זיין אין משך פון איין שעה און באַלד אין דער צווייטער אַזוי פאַרעלטערט ווערן? צי זענען פאַרהאַן אַזעלכע פּלוצלינגע אויפברויזן פון גייסט, וואָס זענען בכח צוזאַמען מיטן וואָרט אויך דאָס פּנים איבערצופורעמען און אויף יאָרצענדליקער צו פאַריונגערן?

די דאָזיקע פראַגע האָט מיך געמאַטערט. ווי אַ דורשט האָט עס מיך אינעווייניק געברענט, מער צו וויסן וועגן דעם דאָזיקן צווייגעשטאַלטיקן מאַן. איז ווי נאָר ער האָט פאַרלאָזט די קאַטעדרע, נישט וואַרפנדיק אפילו קיין בליק אויף אונז, בין איך, פאָלגנדיק אַ פּלוצלינגן איינפאַל, גיך אַריין אין דער ביבליאָטעק און פאַרלאַנגט זיינע ווערק. אפשר איז ער גראַד

היינט מיר געווען, אפשר איז זיין שוונג אונטערדריקט געוואָרן צוליב א שלעכט פילן זיך פיזיש: דאָ אָבער, אין דער פעסטער אויסגעפורעמטקייט פון רעיונות מוז זיך דאָך געפינען א טיר און א שליסל צו זיין פערזענלעכקייט, וואָס האָט מיך אזוי שטאַרק פאַראינטערעסירט. דער דינער האָט געברענגט די ביכער: איך האָב מיך געחידושט, ווי ווייניק זיי זענען געווען. דורך צוואַנציק יאָר, הייסט עס, האָט דער שוין עלטערער מענטש נישט פאַרעפנטלעכט מער ווי די דאָזיקע קאַרגע פּאָר ביכלעך, וואָס האָבן אַנטהאַלטן איינלייטונגען, פאָררעדעס, א באַטראַכטונג וועגן דער אויטענטישקייט פון שעקספּירס פעריקלעס, א פאַרגלייך צווישן העלדערלין און שעלי (און דאָס גראַד אין א צייט, וואָס קיינער פון זיי ביידע איז נישט באַטראַכט געוואָרן דורך זיין פאָלק פאַר א זשעני) און חוץ דעם בלויז פילאָלאָגישע קליינקייטן? אָך, יאָ: אין אַלע שריפטן איז געווען אָנגעמערקט וועגן א צוגעגרייט צוויי־בענדיק ווערק: „דאָס גלאָבטעאַטער, זיין געשיכטע, זיין שילדערונג, זיינע דיכטער", דאָך נישט געקוקט, וואָס די ערשטע מודעה דערפון האָט זיך באַוויזן כמעט מיט צוויי יאָרצענדליק צוריק, האָט דער ביבליאָטעקאַר אויף מיין אָנפראַגע באַשטעטיקט, אַז דאָס דאָזיקע ווערק איז קיינמאָל נישט דערשינען. אַביסל פאַרמרה־שחורהט און שוין מיט א געפאַלענעם מוט האָב איך געבלעטערט די שריפטן, באַגערנדיק דורך זיי ווידער צו דערהערן יענע רוישנדיקע שטים, יענעם ברויזנדיקן ריטם. אָבער די דאָזיקע שריפטן האָבן געטאָפּטשעט מיט א שווער־ערנסטן טריט, עס האָט אין ערגעץ נישט געציטערט דער היים־טאַקטירטער, איבער זיך אַליין ווי א כוואַליע איבער א כוואַליע אַריבערשפּרינגענדיקער ריטם פון יענער שטורמישער רעדע. „אָך, א שאָד!" האָט עפּעס אין מיר געזיפצט! איך האָב חשק געהאַט זיך אַליין צו שלאָגן, אַזוי האָב איך געציטערט פאַר צאָרן און אומצוטרוי צו דעם געפיל, וואָס איך האָב אַזוי שנעל און לייכטגלויביק אים אַוועקגעשענקט.

אָבער נאָכמיטאָג אין סעמינאַר האָב איך אים ווידער דערקענט. דאָס מאָל האָט ער תחילת נישט גערעדט אַליין. לויטן מנהג פון די ענגלישע אוניווערזיטעטן זענען דאָס מאָל די עטלעכע און צוואַנציק סטודענטן, די אָנטיילנעמער אין דער דיסקוסיע, צעטיילט געוואָרן אויף רעדנער און

אָפּאָנענטן. די טעמע איז ווידער געווען זיין באַליבטער שעקספּיר, נעמלעך, אויב טראָילוס און קרעסידאַ (זיין באַליבט ווערק) דאַרפן באַטראַכט ווערן פאַר פּאַראָדיסטישע פיגורן, דאָס ווערק אַליין פאַר אַ סאַטיר־שפּיל, אָדער פאַר אַ טראַגעדיע, פאַרבאָרגן הינטער חוזק. באַלד האָט זיך צעפלאַקערט, דורך זיין געניטער האַנט צעבלאָזן, אַן עלעקטרישע געשפּאַנטקייט פונם דאָזיקן ריין אינטעלעקטועלן שמועס — אַרגומענטן האָבן שאַרף אָפּגעשלאָגן לויזע השערות, צווישנרופן האָבן אויפגעשרויפט די דיסקוסיע און זי דערפירט צו אַ היציקייט, ביז די יונגע מענטשן האָבן אָנגעהויבן כמעט פיינטלעך אָנצופאַלן איינער אויפן אַנדערן. דעמאָלט ערשט, ווען עס האָבן שוין געשפּריצט פונקען, האָט ער זיך אַריינגעמישט צווישן די צדדים, אָפּגעשוואַכט דעם צו פאַרביטערטן קאַמף, געשיקט צוריקגעפירט די דיסקוסיע אין די טעמע־גרעניצן, צוגעבנדיק איר אָבער גלייכצייטיק דורך אַ געהיימען שטויס אַ פאַרשטאַרקטן גייסטיקן שוווּנג אין דעם ענדלאָזן — און אַזוי אַרום האָט ער זיך פּלוצלינג געפונען אין רעכטן מיטן פונם דאָזיקן דיאַלעקטישן פייער־שפּיל, אַליין אין אַ מונטער־דערהויבענער שטימונג, אָט פאַרשאַרפנדיק דעם הענער־קאַמף פון מיינונגען און אָט ווידער אים פונאַנדערייסנדיק, מייסטער און באַצווינגער פון דער דאָזיקער אויפגעברויזטער כוואַליע פון יוגנטלעכן ענטוזיאַזם און אַליין פאַרגאָסן פון איר. אנגעלענט ביים טיש, די הענט פאַרלייגט איבער די בריסטן, האָט ער געוואָרפן בליקן פון איינעם צום אַנדערן, דעם צושמייכלענדיק, אַן אַנדערן ווידער דורך אַ סודותדיקן ווינק צוגעבנדיק מוט צו אָפּאָנירן, און פונקט אַזוי ווי נעכטן אַ דערהיצטער מיט פינקלענדיקע אויגן: איך האָב געשפּירט, אַז ער מוז זיך אַ כוח אָנטון, אַליין נישט צו נעמען פּלוצלינג דאָס וואָרט און אַלעמען שטיל מאַכן. אָבער ער האָט זיך מיט מי איינגעהאַלטן, איך האָב עס דערקענט אין זיינע הענט, וועלכע האָבן זיך וואָס אַמאָל פעסטער געפּרעסט צו זיינע בריסטן, איך האָב עס דערקענט אָן דעם ציטערן פון זיינע מויל־ווינקלען, וואָס האָבן מיט מי אונטערדריקט דאָס שוין־צאַפּלענדיקע וואָרט. און ענדלעך האָט ער זיך שוין נישט געקאָנט מער באַהערשן; ווי אַ שווימער האָט ער זיך שטורמיש אַ וואַרף געטון אין דער דיסקוסיע אַריין — מיט אַן ענערגישער האַנט־באַוועגונג האָט ער אָפּגעהאַקט דאָס געפילדער, ווי דורך אַ צייכן מיט אַ דיריגיר־שטעקעלע: באַלד זענען אַלע שטיל געוואָרן

און ער האָט אַצינד אויף זיין געשיקטן שטייגער צוזאַמענגענומען אַלע אַרגומענטן. און בעת ער האָט גערעדט, האָט ווידער אויפגעטויכט יענץ פּנים פון נעכטן, די קנייטשן זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן הינטער דעם צאַפּלדיקן נערוון־שפּיל, האַלז און פיגור האָבן אָנגענומען אַ דרייסטע הערשערישע האַלטונג, און פון זיין געבוקט זיך איינהאָרכנדיקער פּאָזע האָט ער זיך אַ וואָרף געטון אין דעם ברויזנדיקן שטראָם פון ווערטער. די אימפּראָוויזאַציע האָט אים מיטגעריסן: איך האָב דאַן אָנגעהויבן צו באַגרייפן, אַז זייענדיק אַ ניכטערער מיט זיך אַליין, פעלט אים אין אַ זאַכלעכן פאָרטראָג אָדער אין איי״נזאַמען אַרבעט־צימער יענער צינדשטאָף, וואָס איז אימשטאַנד דאָ, אין אונזער סביבה פון אָטעם־פאַרבאַפּנדיקער באַגייסטערונג, אויפצורייסן די וואַנט, וואָס פאַרשטעלט זיין אינערלעך וועזן. ער האָט באַדאַרפט האָבן — אָ, ווי שטאַרק האָב איך דאָס געפילט — אונזער ענטוזיאַזם פאַר זיין אייגענעם ענטוזיאַזם, אונזער גרייטקייט צו נעמען פאַר זיין פאַרשווענדעריש געבן, אונזער יוגנט פאַר דער יוגנטלעכקייט פון זיין באַגייסטערונג. פונקט ווי אַ צימבל־שפּילער ווערט פאַרשכורט פון דעם וואָס אַמאָל ווילדערן ריטם פון זיינע צעשטורעמטע הענט, אַזוי איז זיין רעדע געוואָרן כסדר בעסער, כסדר פלאַמענדיקער, כסדר פאַרביקער — וואָס הייסער עס איז געוואָרן זיין וואָרט. און וואָס טיפער מיר האָבן געשוויגן (נישט ווילנדיק האָט זיך געפילט אין חלל אונזער פאַרכאַפּטער אָטעם), אַלץ העכער, אַלץ שפּאַנענדיקער, אַלץ הימנישער האָט זיך דערהויבן זיין שילדערונג. און אַלע האָבן מיר אין די דאָזיקע מינוטן געהערט בלויז צו אים, אינגאַנצן אַריינגעטון אין האָרכן, פאַרשכורט דורך דער שפע פון זיינע רייד.

און בעת ער האָט פלוצלינג מיט אַ ציטאַט פון געטעם שעקספּירדעדע געענדיקט, איז ווידער אונזער שפּאַנונג האַסטיק אויפגעלייזט געוואָרן. און ווידער אַזוי ווי נעכטן האָט ער זיך אַ דערשעפּטער אנגעלענט אָן טיש, דאָס פּנים בלייך, אָבער נאָך דורכגעשלענגלט מיט אַ לייכט ציטערן פון נערוון, אין די אויגן האָט מערקווירדיק געפינקלט דער ווייטערפליסנדיקער תענוג פון געפיל־אויסגוס, ווי ביי אַ פרוי, וואָס האָט זיך נאָר וואָס אַרויסגעקריגן פון אַ שטאַרקער אומאַרמונג. איך האָב מורא געהאַט מיט אים אַצינד צו רעדן; נאָר צופעליק האָט מיך באַגעגנט זיין

בליק. און ער האָט משמעות דערפילט מיין באַגייסטערטע דאַנקבאַרקייט, וואָרום ער האָט צו מיר פריינטלעך אַ שמייכל געטון, און לייכט זיך צו־בויגנדיק צו מיר און אַרומנעמענדיק מיין אַקסל, האָט ער מיך דערמאָנט, איך זאָל היינט אין אָוונט, ווי ס'איז געווען אָפּגעשמועסט, קומען צו אים.

פונקט זיבן אַזייגער האָב איך מיך דאַן געפונען ביי אים; מיט וואָס פאַר אַ ייִנגליש ציטערן האָב איך איבערגעטרעטן די דאָזיקע שוועל צום ערשטן מאָל! נישטאָ קיין לייִדנשאַפטלעכערע זאַך ווי די פאַרערונג פון אַ יונגטלעכן, נישטאָ קיין אומדרייסטערס, קיין פרויענהאַפטיקערס, ווי די אומרואיקע שעמעוודיקייט פון דער דאָזיקער פאַרערונג. מען האָט מיך אַריינגעפירט אין זיין אַרבעט־צימער, אין אַ האַלב־פינסטערן חדר, וווּ איך האָב תחילת בלויז געזען הינטער שימערירנדיקע גלאָז־שויבן קאָ־לירטע רוקנס פון אַ סך ביכער. איבערן שרייב־טיש איז געהאָנגען ראַ־פאַעלס „שול פון אַטען“, אַ בילד, וואָס איז אים (ווי ער האָט מיר שפּע־טער דערקלערט) באַזונדערס ליב געווען, ווייל אַלע אופנים פון לערנען, אַלע געשטאַלטונגען פון גייסט זענען דאָ געווען סימבאָליש פאַראייניקט און דערפירט צו אַ פולקאָמענער סינטעזע. איך האָב עס דעמאָלט געזען צום ערשטן מאָל: נישט ווילנדיק האָט זיך מיר אויסגעוויזן צו זעען אַן ענלעכקייט צווישן סאָקראַטעסעס שטאָלצן פנים און דעם פּראָפעסאָרס שטערן. אין הינטערגרונט האָט געפינקלט עפּעס אַ מאַרמאָרנע ווייסקייט, דער ביוסט פון פאַריזער גאַנימעד אין אַ שיינער פאַרקלענערונג, דער־נעבן דער הייליקער סעבאַסטיאַן פון אַן אַלט־דייטשן מייסטער, טראַגישע שיינקייט נעבן דער גענִיסערישער — מסתמא נישט צופעליק צונויפגע־פאָרט. איך האָב געוואַרט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, שטילשווייגנדיק, ווי די אַלע אַרומיקע שטילשווייגנדיקע קונסט־געשטאַלטן; די דאָזיקע אַלע זאַכן האָבן צו מיר גערעדט אויף אַ סימבאָלישער שפּראַך וועגן אַ נייעם פאַר מיר מין פון גייסטיקער שיינקייט, וועגן וועלכער איך האָב קיינמאָל קיין השגה נישט געהאַט און וועלכע איז פאַר מיר נאָך געווען נישט איינ־גאַנצן דייטלעך. עס איז מיר אָבער געבליבן ווייניק צייט אויף אַרומצו־קוקן זיך, וואָרום באַלד איז אַריינגעקומען דער פּראָפעסאָר און צוגעגאַנ־גען נאָענט צו מיר; מיך האָט ווידער באַריִרט יענער ווייך־אַרומנעמענדי־קער, ווי באַהאַלטן פייער טליענדיקער בליק, וועלכער האָט צו מיין איי־

גענער דערשטוינונג צעשמאָלצן דאָס געהיימסטע אין מיר. איך האָב באַלד אָנגעהויבן רעדן צו אים גאַנץ פריי, ווי צו אַ פריינט, און ווען ער האָט מיך געפרעגט וועגן פאַרלויף פון מיין בערלינער שטודיום, האָט זיך מיר פּלוצלינג אַרויסגעריסן פון מויל — איך האָב מיך באַלד אַליין דער־שראָקן — די דערציילונג וועגן מיין פאָטערס באַזוך, און איך האָב אי־בערגעחזרט פאַר אים מיין געהיימען נדר, פון אַצינד אָן זיך איבערצו־געבן דעם שטודיום מיט דעם גרעסטן ערנסט. ער האָט מיך אָנגעקוקט גערירט: „נישט בלויז מיט ערנסט, מיין יינגל", האָט ער געזאָגט, „קודם כל מיט ליידנשאַפט. ווער עס פאַרמאָגט נישט קיין התלהבות, קאָן אויפן בעסטן אופן ווערן אַ שול־לערער — מיט אַן אינערלעכן ברען מוז מען צוגיין צו זאַכן, תמיד, תמיד נאָר מיט ליידנשאַפט."

זיין שטים איז געוואָרן וואָס אַמאָל װאַרעמער, דאָס צימער וואָס אַמאָל טונקעלער. ער האָט אַ סך דערציילט פון זיין אייגענער יוגנט, ווי אַזוי אויך ער האָט נאַריש אָנגעהויבן דעם שטודיום און ערשט אין אַ צייט אַרום אַנטדעקט אין זיך די אמתע נייגונג: איך זאָל נאָר האָבן מוט און אויף וויפל עס וועט זיך נאָר ווענדן אָן אים, וועט ער מיר בייהילפיק זיין; איך קאָן גאַנץ דרייסט מיך ווענדן צו אים מיט מיינע אַלע פאַר־לאַנגען און פראַגן. עס האָט נאָך קיינמאָל קיינער נישט גערעדט צו מיר מיט אַזוי פיל מיטגעפיל און פאַרשטענדעניש פאַר מיין לעבן; איך האָב געציטערט פאַר דאַנקבאַרקייט און בין געווען צופרידן, וואָס די טונקל־קייט אין צימער האָט באַהאַלטן מיינע פייכטע אויגן.

איך וואָלט אַזוי געווען געקאָנט פאַרברענגען שעהן לאַנג און נישט פילן די לויפנדיקע צייט, אָבער מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ לייכט אָנקלאַפּן. די טיר האָט זיך געעפנט און עס איז שאָטנהאַפטיק אַריין אַ שלאַנקע געשטאַלט. ער איז אויפגעשטאַנען און פאָרגעשטעלט: „מיין פרוי." דער שלאַנקער שאָטן איז צוגעקומען נענטער, מיר דערלאַנגט אַ קליינע האַנט און דערנאָך, ווענדנדיק זיך צו אים, אַ זאָג געטון: „דאָס אָוונט־עסן איז גרייט." „יאָ, יאָ. איך ווייס", האָט ער האַסטיק אָפּגע־ענטפערט און (אַזוי לפּחות האָט זיך מיר אויסגעוויזן) אַביסל צערייצט. זיין שטים האָט פּלוצלינג באַקומען עפּעס אַ קאַלטקייט, און ווען דאָס עלעקטרישע ליכט האָט זיך אָנגעצונדן, האָב איך ווידער דערזעען פאַר

מיר אַ געעלטערטן ניכטערנעם מאַן, וואָס האָט מיט אַ מידן אויסדרוק זיך געזעגנט מיט מיר.

*

די נאָענטסטע צוויי וואָכן האָב איך פאַרברענגט אין אַ ווילדער לײַדנשאַפט פון לייענען און לערנען. איך בין כמעט נישט אַרויס פון מײַן צימער; כּדי קיין איין מינוט צײַט נישט צו פאַרלירן, פלעג איך עסן שטייענדיקערהייט. איך האָב שטודירט אָן אויפהער, אָן הפסקה, כמעט נישט שלאָפנדיק. עס איז מיט מיר געווען פּונקט ווי מיט יענעם פּרינץ אין דעם מזרח־לענדישן מעשהלע, וועלכער האָט, אַראָפּרײַסנדיק איין חתימה נאָך דער אַנדערער פון די פאַרשלאָסענע חדרים, געפונען אין יעדן צימער וואָס אַמאָל מער צירונג און טײַערע שטיינער און ער האָט דעריבער וואָס אַמאָל גיריקער דורכגענישטערט די דאָזיקע גאַנצע ריי חדרים, זײַענדיק אומגעדולדיק צוצוקומען צום לעצטן. פּונקט אַזוי האָב איך מיך געוואָרפן פון איין בוך צום אַנדערן, יעדעס האָט מיך פאַרשכורט, אָבער קיין איינציקס נישט געזעטיקט: מײַן אומגעצוימטקייט איז אַצינד אַריבערגעטראָגן געוואָרן אויף גײַסטיקע ענינים. עס איז מיך באַפאַלן צום ערשטן מאָל אַן אנונג וועגן דער אומגעהויערער רחבות פון דער גײַסטיקער וועלט, וועלכע האָט מיך פּונקט אַזוי געררייצט, ווי אַמאָל די גרויס־שטאָטישע אַוואַנטורעס. גלײַכצײַטיק אָבער האָב איך אויך געפילט אַ ייִנגלישע מורא, אַז איך וועל די דאָזיקע גײַסטיקע וועלט נישט קענען באַהערשן: האָב איך דעריבער אָנגעהויבן צו קאַרגן מיט שלאָף, מיט פאַרוויילונגען, מיט שמועסן, מיט יעדער פאָרעם פון צעשטרייאונג, נאָר כּדי אויסצונוצן די צײַט, וועלכע איך האָב צום ערשטן מאָל אָנגעהויבן אָפּצושאַצן ווי אַ קאָסטבאַרע זאַך. אָבער אַמשטאַרקסטן איז מײַן פלאַם דערהיצט געוואָרן דורך דער אַמביציע געפעלן צו ווערן דעם פּראָפעסאָר, נישט צו אַנטטוישן זײַן צוטרוי, צו געווינען פון אים אַ הסכּמה־שמייכל, געשפּירט צו ווערן פון אים פּונקט אַזוי ווי איך האָב אים געשפּירט. יעדע מינדסטע געלעגנהייט האָט געדינט ווי אַ פּראָבע; איך האָב כּסדר אָנגעשטרענגט די אומבאַהאָלפענע, אָבער אַצינד מערקווירדיק פאַרשאַרפטע חושים, כּדי אים צו אימפּאָנירן, צו איבעררראַשן: אויב ער האָט בעת דער פאַרלעזונג דערמאָנט דעם נאָמען פון אַ דיכטער, וואָס זײַנע ווערק זענען מיר געווען

אומבאקאנט, האָב איך שוין יענעם נאָכמיטאָג נישט גערוט, כדי צו קע־נען אויף צומאָרגנס ביי דער דיסקוסיע גאוודיק ארויסווייזן מיינע ידי־עות. זיינס אַ צופעליק ארויסגעזאָגטער פאַרלאַנג, וועלכן אַנדערע פלעגן קוים באַמערקן, פלעגט פאַר מיר גילטן ווי אַ באַפעל: אזוי למשל איז זיינס אַ בדרך אגב געמאַכטע באַמערקונג וועגן דעם כסדרדיקן רויכערן פון די סטודענטן געווען, אַז איך זאָל גלייך אוועקוואַרפן דעם ברענענדיקן פּאַפּיראָס און מיט איין מאָל זיך אָפּזאָגן פון דער געטאַדלטער רגילות. יע־דעס וואָרט זיינס איז פאַר מיר געווען פּונקט ווי פון דער עוואַנגעליע, גלייכצייטיק חסד און געזעץ; אומאויפהערלעך אויף דער וואַך, פלעגט מיין אָנגעשטרענגטע אויפמערקזאַמקייט גיריק אויפכאַפּן יעדע פון זיי־נע גלייכגילטיק צוגעוואָרפענע באַמערקונגען. יעדעס וואָרט זיינס, יעדע באַוועגונג האָב איך זשעדנע אויפגעכאַפּט, דערנאָך פלעג איך עס אינ־דערהיים ליידנשאַפטלעך מיט אַלע מיינע חושים באַטראַכטן און באַ־האַלטן אין זכרון. און פּונקט ווי איך האָב אים עמפּונדן דורכאויס ווי אַ פירער, אזוי האָב איך אין מיין אומטאָלעראַנטער ליידנשאַפטלעכקייט עמ־פּונדן אַלע חברים דורכאויס ווי שונאים, וועלכע מיין אייפערזיכטיקער ווילן האָט זיך טאָג־טעגלעך אויפסניי באַשווירן צו איבעריאָגן און אַרי־בערצושטייגן.

צי האָט ער אַרויסגעפילט, וואָס ער איז פאַר מיר געווען, אָדער האָט ער דאָס דאַזיקע ברויזן פון מיין ווערן ליב געקריגן — יעדנפאַלס האָט ער מיך באַלד גאַנץ באַזונדערס אויסגעטיילט פון צווישן אַלע אַנדערע דורך זיין בולטן פאַראינטערעסירן זיך מיט מיר. ער איז מיר באַהילפיק געווען מיט עצות בנוגע מיין לייען־מאַטעריאַל, ער האָט מיך, דעם ניי־אָנגעקו־מענעם, כמעט אויף כוח ארויסגערוקט פאָראויס אין די אַלגעמיינע דיס־קוסיעס, און אָפּטמאָל איז מיר דערלויבט געווען צו קומען צו אים אין אָוונט אויף פאַרטרוילעכע שמועסן. דעמאָלט פלעגט ער ס׳רוב ארויסנע־מען אַ בוך פון דער וואַנט־שראַנק און לייענען מיט זיין קלינגענדיקער שטים — וועלכע פלעגט בעת דער באַגייסטערונג תמיד ווערן מיט אַ סקאַ־לע העלער און קלינגענדיקער — פראַגמענטן פון לידער און טראַגעדיעס, אָדער ער פלעגט מיר אויפקלערן שווערע פּראָבלעמען; אין די דאָזיקע ערשטע צוויי וואָכן פון פאַרשכורונג האָב איך מער געלערנט וועגן מהות

פון קונסט, ווי ביז אַהער דורך ניינצן יאָר. מיר זענען תמיד געווען אַליין אין דער דאָזיקער פאַר מיר צו קורצער שעה. אַרום אַכט אַזייגער פלעגט זיך דאַן דערהערן אַ שטיל קלאַפּן אין טיר: זיין פרוי האָט אים גערופן צום אָוונט־עסן. אָבער זי פלעגט שוין קיינמאָל נישט אַריינקומען אין צימער, משמעות אויף זיינס אַן אָנזאָג, נישט איבערצורייסן אונז דעם שמועס.

*

אַזוי זענען פאַראיבער פערצן טעג, געשפּאַנטע, דורכגעהיצטע פרילינג־טעג. פלוצלינג אָבער אין אַ פרימאָרגן איז מיין אַרבעט־קראַפט פאַרשוונדן, זי איז אָפּגעשפּרונגען פון מיר, פונקט ווי אַן איבערגעשפּאַנטע שפּרונג־פעדער. מיין לערער האָט מיך נאָך פריער געוואָרנט, איך זאָל נישט צופיל איבערטרייבן מיט מיין התמדה, אַז איך זאָל פון צייט צו צייט מיר באַשטימען אַ טאָג אויף צו פאַרברענגען אויף דער פרייער לופט — און אַט איז פּלוצלינג מקוים געוואָרן זיין פאָראויסזאָגן: איך האָב טעמפּ אויפגעוואַכט פון אַ טעמפּן שלאָף, און ווען איך האָב מיך גענומען צום לייענען, האָבן די אותיות מיר אָנגעהויבן שפּרינגען פאַר די אויגן ווי שפּילקע־קעפּלעך. זייענדיק שקלאַפּיש טריי אפילו צום מינדסטן וואָרט פון מיין לערער, האָב איך גלייך באַשלאָסן אים צו פאָלגן און אַריינצושטעלן איין פרייען טאָג צווישן די בילדונג־גיריקע. באַלד צומאָרגנס בין איך אַרויס פון שטוב, האָב צום ערשטן מאָל באַקוקט די טייל ווייז אַלטערטימלעכע שטאָט, זיך געלאָזט גיין, נאָר כדי דעם קערפּער אָנצושטרענגען, איבער די הונדערטער שטיגן אַרויף צום קירכע־טורעם, און דאָרט פון דער פּלאַטפאָרם אַראָפּ דערזען אַ קליין טייכל אַרומגערינגלט מיט גרינס. דערצויגן ביי די צפונדיקע ברעגעס, האָב איך ליידנשאַפטלעך ליב געהאַט דעם שווים־ספּאָרט, און גראַד דאָ אויבן אויפן טורעם, צו וועלכן עס האָבן אַרויפגעפינקלט די גרין־באַוואַסערטע לאָנקעס, איז מיך פּלוצלינג באַפאַלן אַן אומגעצוימטער פאַרלאַנג, גלייך ווי דער היימאַטלעכער ווינט וואָלט אים אַהער אָנגעטראָגן, זיך ווידער אַ וואָרף צו טון אין דעם געליבטן עלעמענט אַריין. און באַלד ווי איך האָב נאָכן עסן אויפגעזוכט דאָרט די באָד־אַנשטאַלט און אָנגעהויבן אַרומצולויפן אין וואַסער, האָט מיין קערפּער ווידער דערשפּירט אַ חיותדיקייט. די מוס־

קולן פון מיינע אָרעמס האָבן זינט וואָכן ווידער זיך געשפּאַנט מיט עלאַסטישער קראַפט, זון און ווינט איבער מיין נאַקעטער הויט האָבן אין משך פון אַ האַלבער שעה מיך צוריק פאַרוואַנדלט אין דעם פריערדיקן אומגעצוימטן בחור, וואָס פלעגט זיך ווילד ראַנגלען מיט די חברים און וועלבער איז צוליב עפּעס אַ משוגעתדיקער דרייסטקייט פעאיק געווען איינצושטעלן דאָס לעבן. אויסציענדיק זיך און אַרומצאַפּלענדיק אין וואַסער, האָב איך איינגאַנצן פאַרגעסן אָן ביכער און וויסנשאַפט. איבערגעבנדיק זיך אַצינד מיטן גאַנצן אימפּעט, וואָס איז מיר אייגן געווען, צו מיין אַמאָליקער ליידנשאַפט, האָב איך מיך צוויי שעה לאַנג אַרומגעפּליעסקעט אין דעם ווידער געפונענעם עלעמנט, אפשר דרייסיק מאָל בין איך אַראָפּגעשפּרונגען פון שפּרונג־ברעט, כדי אויסצולאָדן די שפע פון קראַפט, צוויי מאָל בין איך דורכגעשוואומען קווער דעם טייך, און נאָך אַלץ איז מיין צעברויזטקייט נישט געווען געשטילט. שטאַרק אָטעמענדיק און מיט אָנגעשפּאַנטע מוסקולן, האָב איך מיך אַרומגעקוקט נאָך עפּעס אַ נייער פּראָבע, אומגעדולדיק צו טון עפּעס אַ געוואַלטיקע, דרייסטע, שטאָלצע זאַך.

פלוצלינג האָט זיך פון דער דאַמען־אָפּטיילונג דערהערט דאָס קנאַקן פונם שפּרונג־ברעט, איך האָב געשפּירט לויטן נאָכוויגן זיך ביז אַרויף צו די באַלקנס דעם שטאַרקן שפּרונג. און באַלד האָט זיך אַ גליטש געטון אינדערהויך מיטן קאָפּ אַראָפּ אַ שלאַנקער פרויענקערפּער, אויסגעבויגן דורך דער קרומער ליניע פון שפּרונג ווי אַ טערקישע שווערד דאָס וואַסער האָט אַ פּליעסק געטון און אויף אַ רגע אויפגעווירבלט מיט אַ ווייסער שוים, דערנאָך האָט די עלאַסטישע געשטאַלט ווידער אויפגעטויכט און מיט נערוועזע שווים־באַוועגונגען זיך אַ לאָז געטון צו דער טייך־אינזל. „זיך לאָזן נאָך איר!" „דעריאָגן!" — דער ספּאָרט־חשק האָט אַ שטויס געטון מיינע מוסקולן, איך האָב מיך האַסטיק אַ וואַרף געטון אין וואַסער אַריין און מיט פאַראויסגעשטרעקטע אָרעמס זיך אַ לאָז געטון נאָך איר אין אַ פאַרביסענעם טעמפּאָ. אָבער באַמערקנדיק משמעות דאָס נאָכגעיעג און אויך וועלנדיק טרייבן ספּאָרט, האָט זי דרייסט אויסגענוצט די דיסטאַנץ און געשיקט פאַרקירעוועט פאַרביי דער אינזל, כדי זיך דאַן האַסטיק אַ לאָז צו טון אויף דעם צוריק־וועג. איך, באַמערקנדיק איר

כוונה, האָב מיך אויך אַ נעם געטון אויף רעכטס און אָנגעהויבן שווימען מיט אַלע כחות, אַזוי אַז מיין האַנט האָט שוין דערגרייכט צום וואַסער־שפּור הינטער איר. איין שפּאַן בלויז האָט אונז נאָך פונאַנדערגעטיילט — דאַן האָט זי זיך פּלוצלינג דרייסט און כיטרע געטון אַ טיק אונטער און אין עטלעכע מינוט אַרום אויפגעטויכט הארט ביי דער באַריערע פון דער דאַמען־אָפּטיילונג, אויסמיידנדיק אַזוי אַרום אַ ווייטערדיקע פאַר־פאָלגונג. טריפנדיק מיט וואַסער איז די זיגערין אַרויף אויף די טרעפּ: זי האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן אויף אַ רגע און צולייגן די האַנט צו דער ברוסט, עס האָט איר אַפּנים פאַרפעלט אָטעם; דערנאָך אָבער האָט זי זיך אויסגעדרייט, און דערזעענדיק מיך פאַרהאַלטן ביי דער גרענעץ, האָט זי זיך טריאומפירנדיק פונאַנדערגעלאַכט, בלישטשענדיק מיט אירע ווייסע ציין. די שאַרפע זון־שטראַלן און דאָס שווים־הייבל אויפן קאָפּ האָבן מיר געשטערט גענוי צו באַטראַכטן איר פּנים, בלויז איר געלעכטער האָט חוזקדיק און קלאָר אַראָפּגעגלאַנצט צום באַזיגטן.

איך האָב מיך געערגערט און גלייכצייטיק געפרייט: צום ערשטן מאָל פון בערלין אָן האָב איך ווידער געשפּירט דעם ליבלעכן בליק פון אַ פרוי — אפשר האָט דאָ אַ ווינק געטון עפּעס אַן אוואַנטורע. איך בין שנעל אַריבערגעשווומען אין דער מענער־אָפּטיילונג, אויף גיך געטון אַ צי אַרויף די קליידער אויף דעם נאָך נאַסן ליב, כדי צו באַוויזן זי אָפּצוּוואַרטן ביים אַרויסגאַנג. צען מינוט האָב איך געמוזט וואַרטן, דאַן איז אָנגעקו־מען מיין שטאָלצע געגנערין (איך האָב זי דערקענט דורך דער יינגליש שלאַנקער געשטאַלט) מיט לייכטע טריט און זי האָט זיך אָנגעהויבן נאָך צו פאַרגיכערן, ווי נאָר זי האָט מיך דערזעען, מיט דער בולטער כוונה אָפּ־צונעמען ביי מיר די מעגלעכקייט אָנצוקניפּן מיט איר אַ שמועס. זי איז געלאָפן פונקט אַזוי געשיקט און עלאַסטיש, ווי זי איז פריער געשווומען, אַלע אברים האָבן זיך אונטערגעוואָרפן און געפאָלגט דעם דאָזיקן יינגליש־שלאַנקן, אפשר שוין אַביסל צו שלאַנקן קערפּער: עס איז מיר באמת נישט לייכט געווען צו דעריאָגן אירע שנעל־צעשפּאַנטע טריט, מוזנדיק זיך דערביי נאָך היטן נישט צו וואַרפן זיך צופיל אין די אויגן. ענדלעך איז עס מיר געלונגען; ביי אַ וועג־אויסבויג בין איך איר פלינק פאַרלאָפן דעם וועג אַנטקעגן, האָב אויפן סטודענטישן שטייגער ברייט אַראָפּגעצויגן דעם

הוט און זי געפּרעגט, נאָך איידער איך האָב באַוויזן זי רעכט אָנצוקוקן, צי איך מעג זי באַגלייטן. זי האָט מיר מין הצד צוגעוואָרפן אַ שפּאָטישן בליק און נישט מאַכנדיק פּאַמעלעכער דאָס היציקע טעמפּאָ, געענטפערט מיט אַ כמעט פּראָוואָצירנדיקער איראָניע: „אויב איך גיי נישט פאַר אייך צו שנעל, פאַר וואָס נישט? איך אייל זיך זייער.“ דערמוטיקט דורך דער דאָזיקער פּשוטקייט, בין איך געוואָרן צודרינגלעכער, איך האָב איר גע־שטעלט אַ גאַנצן באַרג נייגיריקע, מערסטנטייל נאַרישע שאלות, אויף וועלכע זי האָט אָבער אַזוי גערן און מיט אַזאַ פאַרבליפנדיקער פרייקייט געענטפערט, אַז מיינע כוונות זענען אייגנטלעך גיכער געוואָרן פאַרפּלאָנ־טערט, איידער נענטער צום ציל. וואָרום מיין בערלינער קאָדעקס אָנצו־קניפּן שמועסן איז גיכער געווען אויסגערעכנט אויף ווידערשטאַנד און שפּאַסערייען, איידער אויף אַ פּשוטן און פרייען שמועס בשעת אַזאַ שנעלן גיין: איך האָב דעריבער צום צווייטן מאָל געהאַט דאָס געפיל, אַז איך בין זייער אומגעשיקט געווען געגן אַ שטאַרקערער געגנערין.

עס האָט אָבער אויף מיר געוואַרט נאָך ערגערס: בעת איך האָב, וואַרנדיק אינדיסקרעטער, אַ פרעג געטון, ווו זי וווינט — האָבן אויף מיר פּלוצלינג אַ בליץ געטון צוויי ברוינע שטיפערישע אויגן מיט אַ נישט־באַהאַלטענעם חוזק: „אין גאָר נאָענטער שכנות מיט אייך.“ איך האָב זי אָנגעקוקט אַ פאַרבליפטער. זי האָט נאָכאַמאָל אַ בליק געוואָרפן מן הצד, צי די ביטרע קויל האָט געטראָפן אין ציל. און ווירקלעך, זי איז מיר גע־בליבן שטעקן אין דער קעל. מיט איין מאָל האָט זיך פון מיר אָפּגעטון דער חוצפּהדיקער בערלינער טאָן, גאַנץ נישט זיכער, שיעור נישט אונ־טערטעניק, האָב איך אַרויסגעשטאַמלט, צי מיין געזעלשאַפט איז איר נישט לעסטיק. „אָבער פאַרוואָס עפּעס“, האָט זי אויפסנייַ געשמייכלט, „מיר האָבן בלויז נאָך צוויי גאַסן, קענען מיר זיי שוין דורכגיין צוזאַ־מען.“ דאָס בלוט האָט מיר אַ שלאָג געטון אין קאָפּ אַריין, איך האָב קוים געקאָנט ווייטער גיין, אָבער וואָס האָב איך געקאָנט טון, אַצינד זיך אַוועק־מאַכן וואָלט נאָך געווען מער באַליידיקנדיק: האָב איך שוין געמוזט מיט איר צוגיין צוזאַמען צום הויז, ווו איך האָב געוווינט. דאָ איז זי פּלוצ־לינג שטיין געבליבן, מיר דערלאַנגט די האַנט און לייכט אַ זאָג געטון: „אַ דאַנק פאַר דעם באַגלייטן! איר וועט דאָך היינט אַרום זעקס אַזייגער מסתמא קומען צו מיין מאַן.“

איך האָב אוודאי געמוזט אינגאַנצן רויט ווערן פאַר חרפּה. אָבער נאָך איידער איך האָב צייט געהאַט מיך צו אַנטשולדיקן, איז זי פלינק אַרויפגעלאָפן אויף די טרעפּ. איך בין געבליבן שטיין און מיט שרעק זיך דערמאָנט אין די נאַרישע, גולמעוואַטע רייד, צו וועלכע איך האָב מיך חוצפּהדיק דערוועגט. אויף אַ זונטיק־שפּאַציר האָב איך פּוסטער שוטה זי איינגעלאַדן, ווי עפּעס אַ נייטאָרין־מיידל; אויף אַ באַנאַלן אופן גע־לויבט איר קערפּער, דערנאָך ווי אויף אַ קאַטאַרינקע אויסגעשפּילט דעם סענטימענטאַלן פּזמון פון אַן איינזאַמען סטודענט — איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז איך וועל איינגעזונקען ווערן פאַר חרפּה, אַזוי האָט מיך געשטיקט פון עקל. און אָט איז זי אַוועק לאַכנדיק און האָפּערדיק צו איר מאַן און וועט אים דערציילן וועגן מיינע שטותים, אים, וואָס זיין מיי־נונג איז מיר טייערער פאַר אַלץ און וואָס אויסצוזעען אין זיינע אויגן לעכערלעך איז מיר פאָרגעקומען פיינלעכער, ווי געשמיסן צו ווערן אַ נאַקעטער אויפן מיטן מאַרק.

שרעקלעכע שעהן ביז צום אָוונט: טויזנטער מאָל האָב איך מיר פאָר־געשטעלט, ווי אַזוי ער וועט מיך אויפנעמען מיט זיין פיינעם איראָנישן שמייכל — איך האָב דאָך געוווּסט, וואָס פאַר אַ מייסטער ער איז אויף שטעך־ווערטלעך און אַז ער קען אַ שפּאַס אַזוי צושאַרפן און אָנגליען, ער זאָל אַ שטאָך טון ביז טיף אין בלוט אַריין. אַ פאַרמשפּטער קאָן שוין נישט מיט קיין גרעסערער נידערשלאָגנקייט אַרויפגיין אויפן עשאַפאָט, ווי איך בין דעמאָלט אַרויף אויף די שטיגן, און ווי נאָר איך האָב מיט אַ פאַרשטיקטער קעל אַריבערגעטרעטן די שוועל פון זיין צימער, בין איך נאָך מער צעטומלט געוואָרן, עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איך האָב פון אַ דערנעבנדיקן חדר געהערט אַ שאַרכנדיק רוישן פון אַ פרויען־קלייד. מסתמא האָט זי זיך אונטערגעהערט, די צעלאָזענע, כדי אויך הנאה צו האָבן פון דעם פלאַפּלערישן יונגנמאַנס בלאַמאַזש. ענדלעך איז אַריינגעקו־מען מיין לערער. „וואָס איז מיט אייך", האָט ער געפרעגט באַאומרואיקט, „איר זענט אַזוי בלאַס". איך האָב עס צו נישט געמאַכט, ריכטנדיק זיך בשעת מעשה אויפן קלאַפּ, אָבער די עקזעקוציע, פאַר וועלכער איך האָב מיך געשראָקן, איז נישט געקומען, ער האָט גערעדט ווי תמיד וועגן וויסנ־שאַפטלעכע ענינים: אין קיין שום וואָרט, והגם איך האָב מיט מורא מיך

גוט צוגעהערט צו יעדן איינעם, האָט נישט געשטעקט קיין אָנצוהערעניש אָדער איראָניע. און איך האָב — צוערשט דערשטוינט און דערנאָך באַגליקט — פאַרשטאַנען: זי האָט גאָרנישט אויסגעזאָגט.

אכט אַזייגער האָט זיך ווידער דערהערט אַ קלאַפּן אין טיר. איך האָב מיך געזעגנט: דאָס האַרץ איז מיר ווידער אָפּגעשטאָרבן. ווען איך בין אַרויס פון צימער, האָב איך זי אָנגעטראָפן: איך האָב געגריסט צו איר און איר בליק האָט מיר צוגעוואָרפן אַ לייכטן שמייכל. דאָס בלוט אין מיר האָט אויפגעבראַוזט פאַר שמחה און איך האָב דאָס דאַזיקע מוחל זיין אירס מיר אויסגעטייטשט פאַר אַ צוזאָג, אויך אויף ווייטער צו שווייגן.

*

פון יענעם מאָמענט אָן האָט זיך אָנגעהויבן פאַר מיר אַ נייער מין אויפמערקזאַמקייט. ביז אַהער האָט מיין יינגלישע פרומע פאַרערונג אויף אַזוי ווייט באַטראַכט דעם פאַרגעטערטן לערער פאַר אַ זשעני פון אַן אַנדערער וועלט, אַז איך האָב לחלוטין פאַרגעסן זיך צוצוקוקן צו זיין פריוואַטן, טאָג־טעגלעכן לעבן. מיט דעם איבערגעטריבענעם אופן, וואָס איז אייגן יעדן אמתן ענטוזיאַזם, האָב איך מיר אויסגעמאָלט זיין דאַזיין אינגאַנצן דערהויבן איבער די כלערליי וואָכעדיקע מעשים פון אונזער מעטאַדיש אייגנגעסדרטער וועלט. און פונקט אַזוי ווי אַ צום ערשטן מאָל פאַרליבטער דערוועגט זיך נישט אין די געדאַנקען אפילו צו אַנטבלויזן דאָס פאַרגעטערטע מיידל און זי צו באַטראַכטן פאַר פונקט אַזוי נאַטירלעך ווי די טויזנטער אַנדערע קליידלעך־טראָגנדיקע באַשעפענישן, אַזוי האָב איך מיך נישט דערוועגט צו וואַרפן אַ בליק אויף זיין פריוואַט לעבן: איך האָב אים תמיד געזען אַ געלייטערטן, אַן אָפּגעשיידטן פון אַלע געוועגלעכע ענינים, אַ שליח פון וואָרט, אַ לבוש פון שעפערישן גייסט. נאָכדעם אָבער, ווי יענע טראַגי־קאָמישע אַוואַנטורע האָט מיך פּלוצלינג צונויפגעפירט מיט זיין פרוי, האָב איך מיר שוין נישט געקאָנט אָפּזאָגן דעם חשק נעענטער צו באַטראַכטן זיין פאַמיליאַר, זיין הויזלעך לעבן. נעגן מיין ווילן אייגנטלעך האָט אַן אומרואיק נאָכלויפנדיקע נייגיריקייט מיר אויפגעעפנט די אויגן. און ווי נאָר דער דאָזיקער נאָכפאָרשנדיקער בליק איז אין מיר אַנטשטאַנען, איז ער באַלד צעטומלט געוואָרן, וואָרום

די עקזיסטענץ פונם דאָזיקן מאַן אין זיין אייגענעם גבול איז געווען אויס־טערליש און כמעט פּחדימדיק רעטזעלהאַפטיק. באַלד ביים ערשטן מאָל, בעת איך בין נישט לאַנג נאָך יענער באַגעגעניש פאַרבעטן געוואָרן צו אַ מאָלצייט און אים געטראָפן נישט אַליין, נאָר מיט זיין פרוי, האָט זיך אין מיר דערוועקט אַ מערקווירדיקער חשד, אַז אין זייער צוזאַמענלעבן שטעקט עפּעס אַן אייגנאַרטיקע משונהדיקייט, און וואָס מער איך בין דערנאָך אַריינגעדרונגען אין דעם אינערלעכן קרייז פון הויז, אַלץ פאַר־פלאָנטערטער איז מיר געוואָרן דאָס דאָזיקע געפיל. און נישט ווייל עס זאָל דורך ווערטער אָדער זשעסטן האָבן געקומען צום אויסדרוק עפּעס אַ געשפּאַנטקייט אָדער שווערע שטימונג צווישן זיי. פאַרקערט, גראַד דאָס גאָרנישט זיין, דאָס פעלן פון אַ וועלכער ס'איז צונייגונג אָדער אָפּנייגונג, האָט זיי ביידע אַזוי מאָדנע איינגעהילט אין סודותדיקייט; גראַד דער שווער שטיקנדיקער שטילשטאַנד פון געפיל האָט די אַטמאָספערע אַרום זיי מער אָנגעלאָדנט, איידער שטורעם פון מחלוקות אָדער בליצן פון פאַרבאָרגענעם צאָרן. אויסערלעך האָט זיך נישט אַרויסגעוויזן קיין שום געררייצטקייט אָדער אָנגעצויגנקייט; דערפאַר אָבער האָט זיך שטאַרק גע־לאָזט פילן אַ געגנזייטיקע אינערלעכע פרעמדקייט. די פראַגן און ענט־פערס אין זייער גאַנץ קאַרגן שמועס פלעגן זיך עפּעס אַזוי ווי האַסטיק אָנשטויסן מיט די שפּיץ פינגער. עס האָט זיך קיינמאָל נישט געפילט קיין האַרציק צוזאַמענגייען האַנט ביי האַנט, און אַפילו צו מיר פלעגט ער בשעת די מאָלצייטן רעדן אָפּגעריסן און זשענירט. און טיילמאָל פלעגט דער שמועס, ביז וואַנען מיר זענען נישט ווידער צוריקגעגאַנגען צו דער אַרבעט, אינגאַנצן איינפרירן און זיך פאַרוואַנדלען אין איין גרויס שטיק שטילשווייגן, וואָס קיינער האָט זיך שוין נישט דערוועגט איבערצורייסן און וואָס פלעגט מיר דערנאָך מיט זיין קאַלטער משא שעהן לאַנג דריקן אויף דער נשמה.

קודם כל האָט אויף מיר אַרויפגעוואָרפן אַ פּחד זיין פולשטענדיק אַליינזיין. דער דאָזיקער אָפענער, דורכאויס עקספּאַנסיווער מענטש האָט נישט געהאַט קיין שום פריינט, חוץ זיינע תלמידים, מיט וועלכע ער פלעגט פאַרברענגען. מיט די קאָלעגן פון דער אוניווערזיטעט האָט אים נישט געהאַט קיין שום פריינט, חוץ זיינע תלמידים, מיט וועלכע ער קיין געזעלשאַפט האָט ער קיינמאָל נישט באַזוכט; אַפט אין משך פון

טעג פלעגט ער אין ערגעץ נישט גיין, חוץ די צוואנציק טריט פון זיין הויז צו דער אוניווערזיטעט. ער האָט אַלץ פאַרגראָבן שטום אין זיך, נישט פאַרטרויענדיק זיך, נישט פאַר קיין מענטשן, נישט דער שריפט. און דאַן האָב איך ערשט פאַרשטאַנען די התלהבות, די פאַנאַטישע שפּע־דיקייט פון זיינע רייד אין קרייז פון די סטודענטן: דאָס פלעגט זיין אַן אויסברוך פון דער באַדערפעניש צו טיילן זיך מיט די געדאַנקען נאָך לאַנגע טעג צוריקגעצויגנקייט; אַלע מחשבות, וואָס ער האָט שווייגנדיק געטראָגן אין זיך, האָבן זיך אַ לאָז געטון מיט יענער היציקייט, וואָס דער רייטער רופט אַן ביי פערד זייער טרעפּלעך שטאָל־פייער, דורכרייסנדיק די צוים פון שטילשווייגן און לאָזנדיק זיך אין אַ האַסטיקן געיעג פון ווערטער.

אינדערהיים פלעגט ער זייער זעלטן רעדן, און אַמווייניקסטן צו זיין פרוי. און איך, דער דעמאָלט יונגער אומדערפאַרענער בחור, האָב מיט אַ שרעקעוודיקער, כמעט שעמעוודיקער פאַרוואונדערונג פאַרשטאַנען, אַז צווישן די דאָזיקע צוויי מענטשן שוועבט עפּעס אַ שאָטן, אַ פלאַטערנדי־קער, תמיד פאַרהאַנדענער שאָטן פון אַ נישט אָנטאַפּעוודיקן שטאָף, וועל־כער טיילט אָבער פולשטענדיק אָפּ איינעם פונם אַנדערן; און איך האָב צום ערשטן מאָל משער געווען, וויפל סודותדיקייט דאָס צוזאַמענלעבן פון מאַן און ווייב באַהאַלט פאַר פרעמדע אויגן. די פרוי האָט זיך קיינ־מאָל נישט דערוועגט אומגערופן צו באַטרעטן זיין אַרבעט־ צימער, גלייך ווי עס זאָל זיך דאָרט אויף דער שוועל געפינען דער כשוף־צייכן קעגן רוחות. דערמיט איז בולט אָנגעצייכנט געוואָרן איר פולשטענדיקע אויס־געשלאָסנקייט פון זיין גייסטיקער וועלט. ער האָט אפילו נישט געוואָלט ליידן, מען זאָל רעדן אין איר געגנוואַרט וועגן זיינע פּלענער און אַרבע־טן, מיר איז פשוט פיינלעך געווען דער אופן, ווי אַזוי ער פלעגט גאַנץ מיט אַמאָל איבעררייסן דעם שמועס אינמיטן דעם ליידנשאַפטלעך־אָנגע־הויבענעם זאַץ, ווי נאָר זי איז אַריינגעקומען אין צימער. פון הינטער דער לפנימדיקער העפלעכקייט פלעגט זיך דאָך אַדורכרייסן אַ כמעט באַ־ליידיקנדיקע און אָפענע פאַראַכטונג, גראָב און אָפן האָט ער אָפּגעשטוי־סן איר צונייגונג — זי אָבער האָט זיך געדאַכט נישט צו באַמערקן דאָס באַליידיקנדיקע אָדער שוין געווינט צו זיין דערמיט. מיט איר שטוי־

פעריש יינגליש פנים, לייכט און פלינק, מוסקולירט און שלאַנק, פלעגט זי לויפן ארויף און אַראָפּ איבער די טרעפּ; תמיד פאַרוואָרפן מיט אַרבעט, אָבער תמיד האָבנדיק צו אַלעם גענוג צייט. זי פלעגט גיין אין טעאַטער, האָט נישט דורכגעלאָזט קיין שום ספּאָרט — דערפאַר אָבער פאַר ביכער, פאַר הויז־ווירטשאַפט פאַר אַלדינג, וואָס פאָדערט רואיקייט און ישוב הדעת, האָט די בערך פינף און דרייסיק יעריקע פרוי נישט פאַרמאָגט דעם מינדסטן חוש. זי האָט אַפּנים זיך געפילט גוט נאָר דעמאָלט, ווען אירע גלידער האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך אויסצושטורעמען אין טאַנץ, אין שווימען, אין לויפן, אין וואָס נישט איז ברויזנדיקס. תמיד אונטערזינגענדיק, גערן לאַכנדיק און אַלעמאָל גרייט צו אַ פּיקאַנטן שמועס. מיט מיר האָט זי קיינמאָל נישט גערעדט ערנסט, זי פלעגט זיך נאָר תמיד מיט מיר רייצן, ווי מיט אַ נישט דערוואַקסענעם בחור, אין בעסטן פאַל האָט זי מיך באַטראַכט פאַר אַ פּאַרטנער צו שטיפערישע קראַפּט־פּראָבעס. און די דאָזיקע צאַפּלדיקע לעבנסלוסטיקייט אירע איז געשטאַנען אין אַזאַ שרייענדיק בולטן קאָנטראַסט צו דעם טריבן, אין זיך צוריקגעצויגענעם און בלויז צו גייסטיקע ענינים איבערגעגעבענעם לעבנס־שטייגער פון מיין לערער, אַז איך האָב מיך כסדר וואָס אַמאָל מער שטוינענדיק געפרעגט, וואָס אַזוינס האָט די דאָזיקע צוויי אין תוך פרעמדע נאַטורן געקאָנט אַמאָל צונויפבינדן. וואָס אָן אמת, פאַר מיר איז דער דאָזיקער מערקווירדיקער קאָנטראַסט אויסגעקומען לטובה: בעת איך פלעג נאָך דער דערשעפּנדיקער אַרבעט זיך אַריינלאָזן מיט איר אין אַ שמועס, האָב איך געהאַט דאָס געפיל, גלייך מ׳וואָלט מיר אַראָפּגענומען פון קאָפּ אַ שווערן העלם: אַלע זאַכן, באַפרייט פון דער עקסטאַטישער היץ, פלעגן ווידער אָננעמען אַ קלאָרע און ערדישע מראה פון טאָג־טעגלעכן לעבן, און דאָס געלעכטער, וואָס איך האָב שעור נישט פאַרגעסן אין זיין אָנגעשפּאַנטער געגנוואַרט, האָט מיר פאַרלייכטערט דעם צו שטאַרקן דרוק פון גייסטיקע ענינים. צווישן איר און מיר האָט זיך אָנגעקניפּט עפּעס אַ מין יינגלישע חברשאַפט; דוקא ווייל מיר האָבן תמיד געפלוידערט וועגן גלייכגילטיקע זאַכן, אָדער מיר פלעגן צוזאַמען גיין אין טעאַטער, האָט זיך אין אונזער צוזאַמענפאַרברענגען נישט געפילט קיין שום שפּאַנונג. איין זאַך בלויז פלעגט פיינלעך איבעררייסן אונזערע פולשטענדיק זאָרגלאָזע שמועסן, צעטומלענדיק מיך יעדעם מאָל: דאָס פלעגט גע־

שעען ביים דערמאָנען זיין נאָמען. דעמאָלט פלעגט זי מיינע נייגיריקע פראַגן אַנטקייגנשטעלן אַן עקשנותדיק שטילשווייגן אָדער, בעת איך פלעג מיך התלהבותדיק צערעדן, אַ מערקווירדיק פאַרשטעלט שמייכלען. אירע ליפּן אָבער זענען געבליבן פאַרשלאָסן: אויף אַן אַנדערן אופן, נאָר מיט דער זעלבער עקשנות האָט זי דעם דאָזיקן מאַן אויך אַרויסגעשטעלט מחוץ פון איר לעבן, אַזוי ווי ער זי פון זיינעם. און פונדעסטוועגן האָבן זיי שוין דעמאָלט געהאַט אַזוי אָפּגעלעבט מיט דעם דאָזיקן שטילשווייגן פופצן יאָר אונטער איין דאַך.

אָבער וואָס אומדורכדרינגלעכער עס איז געווען דער דאָזיקער סוד, אַלץ מער נסיון איז ער געוואָרן פאַר מיין ליידנשאַפטלעכער אומגעדולד. עס איז דאָ געווען אַ שאָטן, אַ שלייער, וואָס איך האָב ביי דעם מינדסטן הויך פון אַ וואָרט דערפילט פלאַטערן מאָדנע נאָענט; אַ סך מאָל האָט זיך מיר שוין אַפילו געדאַכט, אַז אָט האָב איך אים אָנגעכאַפּט, נאָר ער פלעגט זיך מיר ווידער אַרויסגליטשן, כדי אין אַ רגע אַרום ווידער פאַר־בייצופלאַטערן, אָבער קיינמאָל איז ער נישט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קיין ממשותדיק וואָרט, אין קיין אַנטאַפּעוודיקער פאָרעם. קיין זאַך אָבער ווירקט נישט אַזוי אויפרייצנדיק ביי אַ יונגען מענטש ווי דאָס פאַרמאַ־טערנדיקע שפּיל פון אומקלאָרע השערות. דער ביז דאַן אומטעטיקער פאַנ־טאַזיע אַנטפּלעקט זיך מיטאַמאָל אַ יעגערישער ציל און עס פלאַקערט זיך פונאַנדער אַ הייסער פאַרלאַנג נאָכצוליויערן און נאָכצושפּיאָנירן. גאַנץ נייע חושים זענען מיר, דעם ביז אַהער אומעמפּינדלעכן בחור, צוגעקומען אין יענע טעג: אַ פיינפילנדיק געהער, וואָס האָט אויפגעכאַפּט דעם מינדסטן טאָן־ניואַנס, אַ נאָכפאָרשנדיקער, נאָכלויערנדיקער חשדיש־שאַרפער יעגער־בליק, אַן אַרומנישטערנדיקע, אין דער פינסטער זוכנדי־קע נייגיריקייט — די נערוון האָבן זיך עלאַסטיש אָנגעשפּאַנט, ביז צום ווייטון, תמיד גערייצט דורך פלוצלינג אונטערגעקומענע השערות, פון וועלכע אָבער עס האָט זיך קיינמאָל נישט אויסגעשיילט קיין קלאָר געפיל.

אָבער איך דאַרף זי נישט טאַדלען, מיין מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם נאָכלויפנדיקע נייגיריקייט, וואָרום זי איז דאָך געווען ריין. נישט דער גיריקער חשק, די ביטערקייט, וואָס האָט ליב צו כאַפּן אַ העכער־שטייענ־דיקן מענטש ביי עפּעס אַ געמיינהייט, האָט אַזוי געוואַלטיק אויפגערו־

דערט אין מיר אַלע חושים — פאַרקערט, דאָס איז געווען אַ שטילער פּחד, אַ הילפלאָזער מיטלייד, וואָס האָט מיט אַן אומקלאָרן צער אַרויסגעפילט אונטער דעם דאָזיקן שטילשווייגן אַ באַהאַלטענעם ווייטיק. וואָס מער איך האָב מיך דערנענטערט צו זיין לעבן, אַלץ ווייטיקדיקער איז מיר געוואָרן דער שווין טיף איינגעקריצטער שאָטן איבער מיין לערערס געליבטן פּנים, יענע איידעלע, ווייל איידל באַהערשטע מעלאַנכאָליע, וועלכע האָט זיך קיינמאָל נישט אַראָפּגעלאָזט צו אַנגעברוגזטער ברומעריי אָדער אומבאַרעכנטן כעס; פּונקט ווי ער האָט מיך, דעם פרעמדן, צוגעצויגן צו זיך אין אַנהויב דורך דעם וואולקאַניש אויסברעכנדיקן פלאַם פון זיין וואָרט, אַזוי האָט מיך איצט, דעם היימיש געוואָרענעם, טיפער נאָך דערשיטערט זיין שטילשווייגן און דער וואָלקן פון טרויער, וואָס האָט געשוועבט איבער זיין שטערן. קיין זאַך באַרירט נישט אַזוי מעכטיק דעם יוגנטלעכן חוש, ווי דערהויבן מענלעך אַריבערגעטראָגענער צער: מיקעל אַנזשעלאָס דענקער, פאַרקוקט אינם איינענעם אָפּגרונט, בעטהאָווענס מויל, פאַרצויגן אין אַ ביטערער גרימאַסע, די דאָזיקע טראַגישע מאַסקעס פון מענטשלעכע ליידן רירן דאָס נאָך נישט אויסגעפורעמטע געמיט שטאַרקער, ווי מאָצאַרטס זילבערנע מעלאָדיע און די שפע פון ליכט אַרום לעאָנאַרדאָס געשטאַלטן. אַליין זייענדיק שיינקייט, נויטיקט זיך נישט די יוגנט אין פאַרהערלעכונג: אין איבערפלוס פון לעבעדיקע כוחות ציט עס זי צו דעם טראַגישן, און זי דערלויבט גערן דער מרה שחורה צו זויגן פון איר נאָך אומדערפאַרענעם בלוט; דערפון נעמט זיך אויך די אייביקע גרייטקייט פון דער יוגנט צו סכנות און איר ברידערלעך אויסגעשטרעקטע האַנט אין גייסט צו יעדן לייד.

און דאָ האָב איך טאַקע דערזען צום ערשטן מאָל אַ פּנים פון אַ באמת ליידנדיקן. געבוירן ביי פּשוטע מענטשן, דערצויגן אין בירגערלעכער באַקוועמלעכקייט, האָב איך געקענט די זאָרגן בלויז אין די לעכערלעכע מאַסקעס פון אַלטעגלעכקייט, אַנגעטון אין לבוש פון ערגערניש, אין געלן קלייד פון קנאה, קלינגענדיק מיט גראָשענע מטבעות — דער צער אָבער פונם דאָזיקן פּנים, האָב איך געפילט, שטאַמט פון אַ הייליקערן מקור. פון תהומות אַרויס איז געקומען די דאָזיקע מרה־שחורה, פון אַן אינערלעך באַהעלטעניש האָט אַ גרויזאַמער שטיפט אויסגעקריצט קנייטשן און

שפּאַלטן אין די פּריצייטיק געעלטערטע באַקן. טײַלמאַל, ווען איך פּלעג אַרײַנקומען צו אים אין צימער (תּמיד מיט דער מורא פון אַ קינד, וואָס קומט צו צו אַ הויז, אין וועלכן ס'געפינען זיך שדים) און ער האָט אין זײַן פאַרטראַכטקייט נישט געהערט מײַן קלאַפּן; ווען איך פלעג דאַן פּלוצלינג, פאַרשעמט און פאַרבליפט, זיך דערנענטערן צו אים, דעם פאַרזונקענעם אין מחשבות, האָט זיך מיר געדאַכט, ווי עס וואָלט דאָ גאָר געזעסן וואַגנער, די קערפּערלעכע מאַסקע, אין פאַאוסטס קליידער, בעת דער גייסט בלאָנדזשעט אַרום איבער די סודותדיקע אָפּגרונטן אין די פּחדימדיקע וואַלפּורגים נעכט. אין אַזעלכע מינוטן זענען זײַנע חושים געווען פולשטענדיק פאַרמאַכט, ער האָט נישט געהערט, נישט די זיך דערנענטערנדיקע טריט, נישט די אומדרייסטע באַגריסונג. און אַז ער פלעגט זיך ענדלעך פּלוצלינג אויפכאַפּן, האָט ער האַסטיק געפּרוווט מיט ווערטער צו פאַרשטעלן די פאַרלעגנהייט: ער האָט אָנגעהויבן צו גיין הין און צוריק און זיך באַמיט דורך פראַגן אָפּצווענדן פון זיך דעם אָבסערווירנדיקן בליק. אָבער לאַנג נאָך פלעגט דאַן הענגען אַ פינסטערניש איבער זײַן שטערן, און ערשט דער צוואַרעמטער שמועס איז אימשטאַנד געווען צו פאַרטרײַבן די אין דער נשמה אָנגעזאַמלטע וואָלקנס.

ער האָט טײַלמאָל געמוזט שפּירן, ווי שטאַרק מיך רירט זײַן אויסזען; פון מײַנע אויגן אפשר, פון מײַנע אומרואיקע הענט, האָט ער געמוזט אַרויספילן, ווי אויף מײַנע ליפּן שוועבט אומגעזעצן אַ קשה וועגן צוטרוי, אָדער אפשר האָט ער אין מײַן אומדרייסטקייט דערקענט דעם הייסן באַגער, צו נעמען אויף מיר זײַן וויײטיק. יאָ, ער האָט עס געמוזט שפּירן, וואָרום ער פלעגט אומגעריכט איבעררײַסן דעם לעבהאַפטיקן שמועס און מיך אָנקוקן גערירט; מיך האָט דעמאָלט אַרומגענומען אַ מערקווירדיק וואַרעמער, פון זײַן אייגנער שפע פאַרפינסטערטער בליק. אָפט פלעגט ער אָננעמען מײַן האַנט, אומרואיק זי האַלטן אַ לאַנגע צײַט, — דאַן האָב איך תּמיד געטראַכט: אַצינד, אַצינד וועט ער צו מיר רעדן. נאָר אָנשטאָט דעם, פלעגט זיך ס'רוב באַווײַזן אויף זײַן פּנים אַ רויע גרימאַסע, טײַלמאָל פלעגט ער אפילו צוואַרפן אַ קאַלט, אַ בכיוון אויסניכטערנדיק אָדער איראָניש וואָרט. ער, וואָס איז געווען די פאַרקערפּערונג פון ענטוזיאַזם, וואָס האָט אים אין מיר דערוועקט און אײַנגעפלאַנצט, פלעגט אים מיר

דעמאָלט פּלוצלינג אויסשטרייכן ווי אַ פּעלער אין אַ שלעכט געשריבע־נער אויפגאַבע, און וואָס מער ער האָט געזען מיין נשמה אָפן און לעב־צנדיק נאָך זיין צוטרוי, אַלץ פאַרביסענער פלעגט ער מיר צוואַרפן אַ־זעלכע אייז־קאַלטע ווערטער ווי: „דאָס פאַרשטייט איר נישט", אָדער „לאָזט צורו אַזעלכע איבערטרייבונגען", אַלץ ווערטער, וואָס האָבן מיך צערייצט און דערפירט צו פאַרצווייפלונג. אַך ווי איך האָב געליטן פונם דאָזיקן פאַרענדערלעכן פון היים צו קאַלט איבערשפּרינגענדיקן מענטש, וואָס האָט מיך אומבאַוווסטזיניק דערהיצט, כדי דערנאָך פּלוצלינג צו באַגיסן מיט פראָסט; וואָס האָט מיט זיין פייער מיך אָנגעצונדן, כדי דערנאָך מיר אַ שמיץ צו טון מיט דער בייטש פון אַן איראָנישער באַ־מערקונג — יאָ, איך האָב געהאַט דאָס גרויזאַמע געפיל, אַז וואָס מער איך האָב מיך צו אים געוואָלט דערנענטערן, אַלץ האַרטער, אַלץ איבער־געשראָקענער האָט ער מיך אָפּגעשטויסן. קיין זאַך האָט נישט באַדאַרפט, קיין זאַך האָט ניט געטאָרט זיך דערנענטערן צו אים, צו זיין סוד.

וואָרום אַ סוד, וואָס אַמאָל שאַרפער האָב איך דאָס דערפילט, אַ סוד האָט אומהיימלעך און פרעמד געשטעקט אין דאָזיקן מאַגיש צוציענ־דיקן תהום. איך האָב אַרויסגעפילט עפּעס אַ פאַרבאָרגנקייט אין זיין מערקווירדיק בלאָנדזשענדיקן בליק, וואָס האָט זיך היים געריסן פאַראויס און באַלד דערשראָקן זיך צוריקגעצויגן, ווי נאָר מען האָט זיך אים דאַנק־באַר אונטערגעגעבן; איך האָב עס געשפּירט אין דעם ביטערן קנייטש פון זיין פרוים ליפּן, אין דער מאָדנע קאַלטער צוריקגעצויגנקייט פון די מענ־טשן אין שטאָט, אין זייערע כמעט בייזע בליקן, ווען מען פלעגט אים לויבן, — אין הונדערטער משונהדיקייטן און פּלוצלינגע צעטומלענישן. און וואָס פאַר אַ פיין איז דאָס, בעת עס דאַכט זיך אויס, אַז מען געפינט זיך שוין אין דעם אינערלעכן גבול פון אַ פרעמד לעבן און דאַך זאָל מען דאָרט אַרומבלאָנדזשען ווי אין אַ לאַבירינט, נישט געפינענדיק דעם וועג צו זיין מקור און תוך!

אָבער דאָס אומפאַרשטענדלעכסטע, דאָס אומדערקלערלעכסטע זע־נען פאַר מיר געווען זיינע אויספלוגן. אַ געוויסן טאָג, בעת איך בין געקו־מען אין אוניווערזיטעט, האָב איך דערזען הענגען אַ צעטל, אַז די לעקציעס זענען איבערגעריסן אויף צוויי טעג. די סטודענטן האָבן גאָרנישט אוים־

גנזעען זיך צו חידושן, איך אָבער, וואָס בין ערשט נעכטן ביי אים געווען, האָב געאײַלט צו אים אַהיים, געטריבן פון שרעק, אַז ער האָט געמוזט קראַנק ווערן. זיין פרוי האָט בלויז טרוקן געשמייכלט, ווען איך בין האַסטיק אַריינגעקומען אַ צעטראָגענער. „דאָס פּאַסירט עפּטער", האָט זי געזאָגט מערקווירדיק קאַלט; „נאָר איר ווייסט נאָך נישט דערפון". און ווירקלעך, איך בין געוויר געוואָרן פון די קאָלעגן, אַז ער ווערט אָפּט אַזוי איבער נאַכט פאַרשוווּנדן, טײלמאָל אַפילו אַנטשולדיקט ער זיך בלויז טעלעגראַפיש: איינמאָל האָט אים אַ סטודענט געטראָפן אַרום פיר אַזייגער פאַרטאָג אויף אַ גאַס אין בערלין, אַן אַנדערער ווידער האָט אים אַמאָל געזעען אין אַ פרעמדער שטאָט אין אַ שענק. ער פלעגט טײלמאָל פּלוצלינג אַרויסשפּרינגען, ווי אַ פּראָפּן פון אַ פלאַש, דערנאָך איז ער ווידער צוריקגעקומען און קיינער האָט נישט געוווּסט, וווּ ער איז געווען.

דאָס דאָזיקע פּלוצלינגע פאַרשווינדן האָט מיך צענומען ווי אַ קראַנקהייט: איך בין צוויי טעג אַרומגעגאַנגען צעחושט, אומרואיק און צעטראָגן. דער שטודיום האָט זיך מיר פּלוצלינג אויסגעוויזן אומזיניק, פּוסט אָן זיין אָנוועזנהייט, איך האָב מיך געפּייניקט אין אַ פּלאָנטער פון אייפערזיכטיקע השערות, עס איז אַפילו אַנטשטאַנען אין מיר עפּעס ווי שנאה און צאָרן צו אים פאַר זיין פאַרשלאָסנקייט און וואָס ער האָט מיך, נישט געקוקט אויף מיין וואַרעמקייט צו אים, געלאָזט שטיין מחוץ פון זיין ווירקלעך לעבן, אַזוי ווי מ'לאָזט שטיין אַ בעטלער אויף דער גאַס. אומזיסט האָב איך מיר אַליין געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מיר, דעם ייִנגל, דעם שילער, קומט נישט קיין רעכט צו פאָדערן פון אים אַ דין וחשבון, און אַז ער האָט מיט זיין גוטסקייט מיר אַרויסגעוויזן הונדערט מאָל מער צוטרוי, ווי עס פאַרפליכטעט אים זיין אַמט אַלס אַקאַדעמישער לערער. אָבער דער שכל הישר האָט נישט געהאַט קיין שום מאַכט איבער דער צעפּלאַקערטער ליידנשאַפט: צען מאָל אין טאָג בין איך נאַריש ייִנגל געקומען פרעגן, צי ער איז שוין צוריקגעקומען, ביז די וואָס אַמאָל רויערע ענטפערס פון זיין פרוי האָבן דערוועקט אין מיר אַ פאַרביטערונג. איך בין אַ האַלבע נאַכט נישט געשלאָפן און מיך איינגעהערכט, צי ער קומט נישט אַהיים, אינדערפרי האָב איך מיך אַרומגעשלייכט פאַר זיין טיר, נישט האָבנדיק שוין קיין מוט ווידער צו פרעגן. און ווען ער איז שוין

ענדלעך אויפן דריטן טאָג אומגעריכט אַריין צו מיר אין צימער, האָט מיר אַזש פאַרפּעלט אָטעם: מיין דערשרעקן זיך איז מסתמא געווען גע־וואַלטיק, אַזוי יעדנפאַלס האָב איך דאָס געזען אָפּגעשפּיגלט אין זיין פאַרלעגענער דערשטוינונג, וואָס האָט מיר האַסטיק צוגעוואָרפן עטלע־כע גלייכגילטיקע פראַגן. זיין בליק האָט מיך אויסגעמיטן. צום ערשטן מאָל האָט אונזער שמועס זיך כסדר געדרייט אַרום איין וואָרט, איין וואָרט האָט זיך אָנגעשטויסן אָן אַנדערן, און דווקא ווייל מיר האָבן ביידע מיט אַלע כחות אויסגעמיטן די מינדסטע אָנצוהערעניש וועגן זיין אָפּוועזנ־הייט, האָט גראַד דאָס דאָזיקע נישט אַרויסגעזאָגטע פאַרשטעלט דעם וועג צו אַ צוזאַמענרעדן זיך. ווען ער איז אַוועקגעגאַנגען, האָט די ברע־נענדיקע נייגיריקייט געטון אַ פלאַקער אויף אין אַ פלאַם: ביסלעכווייז האָט זי מיר אויפגעפרעסן דעם שלאָף און דאָס וואַכזיין.

*

וואַכנלאַנג האָט געדויערט דער דאָזיקער קאַמף פאַר אויפקלערונג און טיפער באַגרייפן: איך האָב מיך עקשנותדיק אַריינגעעגבערט אין דעם פייערדיקן קערן, וועלכן מיר האָט זיך געדאַכט אַרויסצופילן ווי אַ וווּלקאַן אונטער דעם פעלזיקן שטילשווייגן. און ענדלעך איז מיר געלונ־גען צו מאַכן דעם ערשטן דורכרים צו זיין אינערלעכער וועלט. איך בין ווידער אַמאָל געזעסן ביי אים אין צימער ביז ס'האָט שוין אָנגעהויבן טונקל צו ווערן, מיטאַמאָל האָט ער געעפנט אַ שופלאַד און אַרויסגענו־מען עטלעכע שעקספּירישע סאָנעטן. ער האָט זיי צוערשט איבערגעלייי־ענט אין זיין אייגענער איבערזעצונג, די דאָזיקע ווי אין בראָנז געגאָסע־נע קורצע שאַפונגען, און דערנאָך די אין פלוג אומדורכדרינגלעכע גע־היימע כוונה זייערע אַזוי מאַגיש באַלויכטן, אַז אינמיטן דעם געפיל פון גליק האָט מיך אַרומגענומען אַ באַדויערן, פאַרוואָס דאָס אַלדינג, וואָס דער דאָזיקער שעפערישער מענטש האָט מיר געשענקט, זאָל פאַרלוירן גיין אין דעם פאַרגענגלעך פליסנדיקן וואָרט. דעמאָלט האָב איך מיך פּלוצ־לינג אָנגענומען מיט מוט—איך ווייס אַליין נישט, פונוואַנען איך האָב אים געגומען—און אים געפרעגט, פאַרוואָס ער האָט נאָך נישט פאַרענדיקט זיין גרויס ווערק „די געשיכטע פון גלאָב־טעאַטער". אָבער ווי נאָר איך האָב אַרויסגעזאָגט די דאָזיקע ווערטער, האָב איך באַלד מיט שרעק איינ־

געזעען, אז איך האָב נישט ווילנדיק געמוזט גראָב אָנרירן אַ געהיימע און משמעות ווייטיקדיקע וווּנד. ער איז אויפגעשטאַנען, האָט זיך אַוועקגע־דרייט און לאַנג געשוויגן. דאָס צימער איז פּלוצלינג ווי פול געוואָרן מיט טונקלקייט און שטילשווייגן. ענדלעך איז ער צוגעקומען צו מיר, מיך אָנ־געקוקט ערנסט, און זיינע ליפּן האָבן עטלעכע מאָל געציטערט, איידער ער האָט געעפנט דאָס מויל; דערנאָך האָט ער מיט ווייטיק אַרויסגערעדט ווי אַ ווידוי: „איך קאָן נישט אַרבעטן איבער קיין שום גרויסע זאַך. דאָס איז שוין פאַרביי: בלויז די יוגנט קאָן מאַכן דרייסטע פּלענער. איך האָב שוין נישט קיין אויסדויער. איך בין געוואָרן — צו וואָס עס באַהאַלטן? — אַ מענטש פון קורצע מינוטן, איך קאָן נישט לאַנג אויסהאַלטן. פריער האָב איך געהאַט מער כוח, אַצינד איז דערמיט אויס. איך קאָן בלויז רעדן: דאָ טוט עס מיך טיילמאָל אַ הויב, דאָ טוט מיך עפּעס אַ ריס איבער מיר אַליין אַריבער. אָבער שטיל זיך אַוועקזעצן און אַרבעטן, איינער אַליין, אינגאַנצן אַליין, דאָס געלינגט מיר שוין נישט".

זיין רעזיגנירטע מינע האָט מיך דערשיטערט. און איך האָב מיט אויפריכטיקער איבערצייגונג אים אָנגעהויבן צוצורעדן, אַז ער זאָל ענד־לעך דאָך מיט אַ פעסטער פויסט צוזאַמענגעמען דאָס, וואָס ער צעשפּרייט פאַר אונז יעדן טאָג מיט אַ פרייגיביקער האַנט, ער זאָל נישט תמיד בלויז פונאַנדערטיילן, נאָר דאָס עשירות געשטאַלטיקן און קאָנסערווירן. „איך קאָן נישט שרייבן", האָט ער מיד איבערגעחזרט, „איך קאָן מיך נישט גענעריק קאָנצענטרירן". „טאָ דיקטירט!" און מיטגעריסן פונם דאַזיקן געדאַנק, בין איך צו אים צוגעשטאַנען כמעט מיט אַ היים געבעט: „טאָ דיקטירט מיר. פּרוווט נאָר. מאַכט מינדסטנס דעם אָנהויב — איר וועט דאַן אַליין שוין נישט קענען אויפהערן. פּרוווט דיקטירן, איך בעט אייך, טוט עס מיר צוליב!"

ער האָט אויפגעהויבן אויף מיר דעם בליק, צוערשט פאַרבליפט און דערנאָך פאַרטראַכטנדיק זיך. דער געדאַנק אַפנים איז אים אַריין אין קאָפּ. „אייך צוליב?" האָט ער איבערגעחזרט. מיינט איר באמת, אַז עס קאָן נאָך עמעצן פאַרשאַפן פאַרגעניגן, אויב איך אַלטער מאַן וועל מיך נעמען צו עפּעס אַן אַרבעט?" איך האָב געשפּירט, אַז דאָ הויבט זיך שוין אָן אַן אומאַנטשלאָסן נאָכגעבן, איך האָב עס דערקענט אין זיין בליק,

וועלכער איז ביז איהער געווען פארוואלקנט און אין זיך אריין פארגראבן, אצינד אבער האט ער זיך אנגעהויבן אויסצוליטערן און זיך צו פארציען מיט א גלאנץ פון האפענונג. „מיינט איר אזוי באמת?" האט ער איבער־געחזרט; איך האב שוין געשפירט א גרייטשאפט אין זיין ווילן, און דאן האט ער האסטיק א זאג געטון: „אלזא לאמיר פרווון! די יוגנט איז תמיד גערעכט.ווער עס גיט איר נאך, איז א חכם". מיין ווילד־אויפברויזנדיקע שמחה, מיין טריאומף האט אים ווייזט אויס אריינגעבראכט אין א לעב־האפטיקער שטימונג: ער האט אנגעהויבן ארומצוגיין הין און צוריק, כמעט מיט א יוגנטלעכער אויפגעהייטערקייט, און מיר האבן אפגערעדט: יעדן אוונט ארום ניין אזייגער, באלד נאכן אוונט־מאלצייט, וועלן מיר תחילת פרווון ארבעטן צו איין שעה טעגלעך. און דעם קומענדיקן אוונט האבן מיר אנגעהויבן מיטן דיקטירן.

די דאזיקע שעהן, ווי אזוי זאל איך זיי שילדערן! איך פלעג אויף זיי ווארטן דעם גאנצן טאג. באלד נאכמיטאג האט מיך ארומגענומען א שווער דריקנדיקע, נערוועזע אומרואיקייט, איך האב מיך קוים געקאנט דערוואר־טן דעם אוונט. מיר פלעגן דאן גלייך נאכן עסן אריינגיין אין זיין ארבעט־צימער, איך האב מיך אנידערגעזעצט ביים שרייב־טיש, מיטן רוקן צו אים, ער ווידער פלעגט אנהויבן ארומצוגיין מיט אומרואיקע טריט הין און צוריק איבערן צימער, ביז עס האט זיך עפעס אזוי ווי קאנצענטרירט אין אים דער ריטם, און באלד מיטן ערשטן ווארט האט אפגעקלונגען דער פארטאקט. ווארום דער דאזיקער מערקווירדיקער מענטש פלעגט אל־דינג פארמירן לויט א געוויסער מוזיקאלישקייט פון געפיל: ער האט תמיד באדארפט האבן עפעס א שטויס, כדי זיינע רעיונות א ריר צו טון פון ארט. על פי רוב פלעגט דאס זיין א בילד, א דרייסטע מעטאפארע, א פלאסטישע סיטואציע, וועלכע ער פלעגט, נישט ווילנדיק זיך אנצינדנדיק דורכן שנעלן ארומגיין, אנטוויקלען צו א דראמאטישער סצענע. אין די דאזיקע אימפראוויזאציעס פלעגט אפט דורכבליצן עפעס פון דעם הערלעך נאטורהאפטיקן, וואס שטעקט אין יעדן שעפערישן: איך דער־מאן מיך אן די שורות, וואס האבן געקלונגען ווי סטראפן פון א יאמביש גע־דיכט, און אן אזעלכע, וואס האבן שטורמיש זיך צעגאסן אין פרעכטיק געדרענגטע אויסרעכענונגען, ווי האמערס שיפן־רשימה און די בארבא־

רישע הימנען פון וואַלט וויטמאַן. צום ערשטן מאָל איז מיר, דעם יונגן, ערשט זיך אַנטוויקלענדיקן מענטש, באַשערט געווען אַריינצודרינגען אינם סוד פון שאַפונג־פּראָצעס: איך האָב געזעען, ווי דער געדאַנק, תחילת פאַרבלאָז און גלייך צו אַ הייסער פליסיקייט, האָט אַרויסגעשטראָמט ווי גלאָקן־מעטאַל פונם קעסל פון אימפּולסיוון אויפבראַוז, דערנאָך, ביסלעכווייז זיך אָפּקילנדיק, אָנגענומען זיין פאָרעם און ווי די דאָזיקע פאָרעם האָט זיך דערנאָך אויסגעשטאַלטיקט, פאַרפולקאָמט, ביז עס האָט פון איר ענדלעך קלאָר אויסגעקלונגען דאָס וואָרט און, ווי דאָס צינגל מאַכט קלינגען דעם גלאָק, אָנגעקליידט דאָס דיכטערישע געפיל אין דער מענטשלעכער שפּראַך. און פונקט ווי יעדער איינצלנער אָפּזאַץ איז געווען געבויט אויף ריטם, יעדע שילדערונג אויף אַ סצעניש געפורעמט בילד, אַזוי איז דאָס גאַנצע, ברייט פאַרמאָסטענע ווערק אַרויסגעוואַקסן לחלוטין אומפילאָלאָגיש פון אַ הימן, פון אַ הימן צום ים, ווי צו דער ערדיש זעבאַרער, ערדיש פילבאַרער פאָרעם פון דער אומענדלעכקייט, וואָס וויגט די כוואַליעס פון ווייטקייט צו ווייטקייט, וואָס דערהויבט זיך צו די העכסטע הויכקייטן און נידערט אַראָפּ אין די טיפסטע תהומות, שפּילנדיק בעת מעשה אומזיניק־שכלדיק מיט דעם ערדישן גורל, מיט די מענטשנס וואַקלדיקע שיפלעך: פון דאָזיקן געמעל פון ים איז אַרויסגעוואַקסן אין אַ פּרעכטיק געפורעמטן פאַרגלייך אַ שילדערונג פון טראַגישן אַלס עלעמענטאַרע מאַכט, וואָס טראָגט זיך דורך מיט שטורעם און צעשטערונג דורך אונזער בלוט. דערנאָך האָט זיך די שעפערישע כוואַליע אַ קער געטון צו אַן איינצל לאַנד: עס האָט אויפגעטויכט ענגלאַנד, די אינזל, אָן וועלכער עס שלאָגט זיך אייביק אָן דער אומרואיקער עלעמענט, וואָס רינגלט אַרום מיט סכנה אַלע ברעגן פון דער ערד, אַלע ברייטקייטן און שטרייפן פונם ערד־באַל. דאָרט, אין ענגלאַנד פורעמט ער דעם שטאַט: דער קאַלטער און קלאָרער בליק פונם עלעמענט דרינגט דאָרט אַריין אומעטום, איז אויף אַלדינג משפּיע, ביז אפילו אויף דער גרויער, אויף דער בלויער פאַרפאַרבונג פון די אויגן. יעדער יחיד איז דאָרט ים־מענטש און אינזל, פונקט ווי זיין לאַנד, און פון די שטורעמס און סכנות זענען שטורמישע ליידנשאַפטן אַנטשטאַנען אין דער דאָזיקער אומה, וואָס האָט אין משך פון הונדערטער יאָרן וויקינגען־רייזעס כסדר אויסגעפּרוווט אירע כחות.

אָבער אָט פאַרשפּרייט זיך דער הויך פון מנוחה איבער דעם דורך וואַסער־
אַרומגעשווענקטן לאַנד: דאָך, זיינע איינוווינער, צוגעוווינט צו שטור־
רעמס, ווילן ווייטער דעם ים, דעם האַרטן אָנגריף פון געשעענישן
מיט די טאָג־טעגלעכע סכנות, און אַזוי אַרום שאַפן זיי זיך
אויפסניי די אויפברויזנדיקע שפּאַנונג דורך בלוטיקע שפּילן. צוערשט
ווערט אויפגעשטעלט דאָס הילצערנע געלענדער פאַר חיות־קאַמף און
צוויי־געראַנגל. בערן גייען אָפּ אין בלוט, העגער־קאַמפן רייצן בעסטיאַליש
די תאווה צו שוידערלעכקייט, באַלד אָבער באַגערט דער אויסגעפיינערטער
זין אַ ריינערע עמאָציע אין מענטשלעך־העראָאישע קאָנפליקטן. און דער־
מאָלט אַנטשטייט פון פרומע פאָרשטעלונגען, פון קירכלעכע מיסטעריעס
יענץ אַנדערע גרויסע שטורמישע שפּיל פון מענטשן, אַן איבערהזורונג פון
אַלע יענע אַוואַנטורעס און ים־רייזעס, אַצינד אָבער אויסגעפירט אויף
די אינערלעכע ימים פונם האַרץ; אַ נייע אומענדלעכקייט, אַן אַנדערער ים,
אויף וועלכן עס בושעווען שטורעמדיקע כוואַליעס פון ליידנשאַפט און
אויפברויזן פון גייסט; אויף אָט דעם ים עמאָציאָנירט אַרומצושווימען,
סכנותדיק אין אים אַרומגעשליידערט צו ווערן, איז דאָס נייע פאַרגעניגן
פון דעם דאָזיקן שפּעטערן און נאָך אַלץ שטאַרקן אַנגלאָ־זאַקסישן געש־
לעכט: אַזוי אַרום אַנטשטייט די דראַמע פון דער ענגלישער נאַציע, די
דראַמע פון די עליזאַבעטאַנער.

און בעת ער האָט זיך אַזוי פאַנאַטיש אַריינגעוואָרפן אין דער שיל־
דערונג פון דעם דאָזיקן באַרבאַרישן פאַרצייטישן אָנהויב, האָט זיין פלאַס־
טיש וואָרט באַקומען אַ פולן קלאַנג. זיין שטים, תחילת פליסטערנדיק גיך,
האָט אָנגעשפּאַנט קלינגענדיקע מוסקולן און בענדער; ווי אַ מעטאַלן שי־
מערירנדיקער אַעראָפּלאַן זיך אַ לאָז געטון אינדערהויך וואָס אַמאָל פריי־
ער און העכער: צו ענג איז פאַר איר געוואָרן דאָס צימער, צו ענג צווי־
שן די צונויפגעדרענגטע ווענט, אַזוי שטאַרק האָט זי באַדאַרפט פרייען
רוים. איך האָב געפילט שטורעם זיך טראָגן איבער מיר, די צעברויזטע ליפּן
פון ים האָבן מעכטיק אויסגעשריגן זייער ברילנדיק וואָרט: איינגעבוי־
גןביים שרייבטיש, האָט זיך מיר געדאַכט, ווי איך וואָלט ווידער געש־
טאַנען אין מיין היימאַט ביים וואַסער־ברעג, און דאָס געוויש פון טויזנט
כוואַליעס און שטורעמדיקן ווינט קומט אָן וואָס אַמאָל נענטער. דער

גאַנצער ווייטיקלעכער שוידער, וואָס רינגלט אַרום די געבורט, אַזוי פון אַ מענטש, ווי פון אַ וואָרט, איז דעמאָלט צום ערשטן מאָל אַריינגעדרונגען אין מיין דערשטוינט און באַגליקט געמיט.

ווען מיין לערער פלעגט ענדיקן דעם דיקטאַט, אין וועלכן די מעכּטיקע באַגייסטערונג האָט תּמיד געפונען דאָס וואָרט פאַרן וויסנשאַפטלעכן אויסדרוק און ווו דאָס דענקען איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דיכטונג, בין איך תּמיד אויפגעשטאַנען אַ באַרוישטער. מיך פלעגט דאַן אַרומנעמען אַ שווערע מידקייט, אָבער גאַנץ נישט ענלעך צו זיינער, וועלכע איז געווען אַ דערשעפּונג, אַן אויסלאָדן זיך, בשעת איך פלעג נאָך אַלץ ציטערן פון יענער אַריינגעפּלאָסענער שפע. ביידע אָבער פלעגן מיר דאַן תּמיד זיך נאָך נויטיקן אין אַ שמועס, כּדי צו קענען גיין שלאָפן אָדער אויף אָפּרו: געווענלעך פלעג איך נאָך איבערחזרן די סטענאָגראַם; און מאָדנע, ווי גאָר די צייכנס האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרוואַנדלען אין ווערטער, איז מיין שטים פאַרענדערט געוואָרן, גלייך ווי ס'וואָלט עמעצער דאָס לשון אין מיין מויל פאַרטוישט. און איך האָב לסוף דערקענט: איבערחזרנדיק האָב איך סקאַנדירט און נאָכגעאַמט זיין אינטאַנאַציע מיט אַזאַ טרייַשאַפט, אַז עס האָט זיך געקאָנט אויסדאַכטן, אַז ער רעדט אַרויס פון מיר און נישט איך אַליין — אויף אַזוי ווייט בין איך שוין געוואָרן אַ רעזאָנאַנס פון אים, אַ ווידערקלאַנג פון זיין וואָרט. זינט דאַן איז שוין פערציק יאָר: און פונדעסטוועגן היינט נאָך, בשעת איך האַלט אַ פאָרלעזונג און מיינע רייד הויבן אָן צו באַקומען שווּנג, דערפּיל איך פלוצלינג פאַרבליפט, אַז נישט איך אַליין רעד, נאָר ווי ס'וואָלט עפּעס אַן אַנדערער גערעדט מיט מיין מויל. איך דערקען דעמאָלט דאָס קול פון אַ מיר טייערן טויטן, אַ טויטן, וואָס לעבט נאָך בלויז דורך מיינע ליפּן: תּמיד, ווען איך ווער באַפליגלט דורך התלהבות, בין איך ער. און איך וויים: יענע שעהן האָבן אויף מיר אויסגעקריצט אַ חותם.

*

די אַרבעט איז געוואַקסן. זי איז געוואַקסן אַרום מיר ווי אַ וואַלד, ביסלעכווייז פאַרשטעלנדיק דעם גאַנצן אויסבליק צו דער אויסנווייניקסטער וועלט. איך האָב געלעבט בלויז אינעווייניק, אין דער טונקלקייט פון הויז, צווישן די רוישנדיקע, וואָס אַמאָל שטאַרקער ברויזנדיקע צווייגן פון

דעם אַלץ ברייטער װערנדיקן װערק, אין דער אַרומטוליענדיקער, װאָרע־מענדיקער געגנװאָרט פֿונם דאָזיקן מענטש.

חוץ די עטלעכע לערן־שעהן אין דער אוניװערזיטעט, האָב איך אים אװעקגעגעבן מײַן גאַנצע צײַט. איך האָב געגעסן בײַ זײַער טיש; בײַנאַכט און בײַטאָג זענען דורך די שטיגן געגאַנגען ידיעות פֿון זײַער װװינונג צו מײַנער אַרויף און אַראָפּ: איך האָב געהאַט דעם שליסל פֿון זײַער טיר און ער פֿון מײַנער, אַזױ אַז ער האָט געקאָנט קומען צו מיר צו יעדער צײַט, נישט דאַרפֿנדיק מטריח זײַן מײַן אַלטע, האַלב־טויבע װירטין. אָבער װאָס מער איך האָב מיך פֿאַרבונדן מיט דער דאָזיקער נײַער געזעלשאַפֿט, אַלץ דערװײַטערטער בין איך געװאָרן פֿון דער אױסנװײניקסטער װעלט; צװאָ־מען מיט דער װאַרעמקײט פֿון דער אינערלעכער ספֿערע האָב איך גלײַכ־צײַטיק אויך געטײלט מיט זײ די פּראַקטיקע אָפּגעשלאָסנקײט פֿון זײַער אָפּגעזונדערטער עקזיסטענץ. די קאָלעגן האָבן אַלע װי אײן מענטש מיר אַרויסגעװיזן אַ געװיסע קאַלטקײט און פֿאַראַכטונג. איך װײס נישט, צי דאָס איז געװען אַ געהײמע פֿאַרשװערונג, אָדער אפֿשר בלויז צערײצטע אײפֿערזוכט צוליב מײַן זכות בײַם פּראָפֿעסאָר — יעדנפֿאַלס האָבן זײ מיך איזאָלירט פֿון זײַער געזעלשאַפֿט און בײַ די דיסקוסיעס אין סעמינאַר האָט מען אויסגעמיטן — משמעות איז עס געװען אָפּגערעדט — מיך צו באַגריסן און צו רעדן מיט מיר. אפֿילו די פּראָפֿעסאָרן האָבן נישט באַהאַל־טן זײַער אַנטיפּאַטיע. אײנמאָל, װען איך האָב בײַם דאָצענט פֿון דער ראָ־מאַנישער פֿילאָלאָגיע געבעטן עפּעס אַן אומבאַדײַטנדיקע אינפֿאָרמאַציע, האָט ער מיך איראָניש אָפּגעפֿטרט. „איר, אַזאַ מקורב פֿונם פּראָפֿעסאָר.... דאַרפֿט דאָס אַלײן װיסן". בחנם האָב איך נאָכגעזוכט די סבה פֿון אַזאַ נישט פֿאַרדינטער אָפּשטױסונג, איך האָב בײַ קײנעם נישט געפֿונען קײן דערקלערונג, מען האָט מיך אויסגעמיטן סײַ מיטן בליק, סײַ מיטן װאָרט. זינט איך האָב געלעבט צוזאַמען מיט די צװײ אײנזאַמע מענטשן, בין איך אַלײן געװאָרן אינגאַנצן פֿאַראײנזאַמט.

דער דאָזיקער געזעלשאַפֿטלעכער חרם װאָלט מיר נישט געװען פֿאַר־שאַפֿט קײן איבעריקע עגמת נפֿש, מײַן גאַנצע אויפֿמערקזאַמקײט איז דאָך געװען געװענדט אויף גײַסטיקע ענינים, אָבער די נערװן האָבן דעם שטענ־דיק געררײצטן צושטאַנד סוף כּל סוף נישט אויסגעהאַלטן. מען קאָן נישט

אומבאַשטראָפֿט לעבן וואָכן־לאַנג אין אַ כסדרדיקער גייסטיקער איבער־געלאָדנטקייט, דערצו נאָך האָב איך טאַקע צו פּלוצלינג געהאַט געענדערט מיין לעבנס־שטייגער, איך בין צו ווילד אַריבערגעשפּרונגען פֿון איין עקסט־רעם צום אַנדערן, אַז ס'האָט נישט געזאָלט נישט שאָדן יענער פֿון דער נאַטור אונז סודותדיק צוגעטיילטער גלייכגעוויכט. וואָרום בעת דאָס לייכטזיני־קע פּוסטעפּאַסטעווען אין בערלין פֿלעגט מיינע מוסקולן אָנגענעם אָפּ־שפּאַנען און די אוואַנטורעס מיט פֿרויען פֿלעגן שפּילעוודיק אויפֿלייזן די גאַנצע אָנגעזאַמלטע אומרואיקייט אין מיר, זענען דאָ מיינע גערייצטע נער־וון אָן אויפֿהער געדריקט געוואָרן דורך אַ שווערער שטיקנדיקער אַטמאָס־פֿערע, אַז זיי האָבן אין מיר אַרומגעצאַפּלט ווי עלעקטריזירט. איך האָב פֿאַרגעסן, וואָס עס הייסט אַ טיפֿער געזונטער שלאָף, הגם אָדער אפשר ווייל איך פֿלעג צוליב מיין אייגענעם פֿאַרגעניגן זיצן ביז איינדערפֿרי און איבער־שרייבן דעם דיקטאַט פֿון יעדן אָוונט (ציטערנדיק פֿאַר אַמביציעזער אומ־געדולד, וואָס פֿריער דעם געליבטן לערער צו ברענגען די איבערגעשריבע־נע בלעטער). חוץ דעם האָט די אוניווערזיטעט און די אין איילעניש גע־מאַכטע לעקטורן מיך געצוואונגען צו אַ פֿאַרשטאַרקטער אָנשטרענגונג, און נישט ווייניק פֿלעגט מיך אויך אָנשטרענגען דער אופֿן פֿון שמועסן מיט מיין לערער, ווייל יעדער נערוו אין מיר פֿלעגט זיך דאַן געוואַלטיק אָנשפּאַ־נען, כדי זיך קיינמאָל נישט אַרויסצווייזן פֿאַר אים גלייכגילטיק. דער באַ־ליידיקטער גוף האָט נישט לאַנג געלאָזט וואַרטן אויף זיין נקמה פֿאַר די דאָזיקע איבערגעטריבנקייטן. אַ סך מאָל פֿלעג איך אַריינפֿאַלן אין אַ לייכט חלשות־געפֿיל, וואָס איז געווען ווי וואָרענונג־סיגנאַלן פֿון דער באַדראָעטער נאַטור, וועלכע איך האָב אַזוי אומבאַרעכנט נישט געשוינט — אָבער די היפּנאָטישע מידקייטן זענען געוואָרן וואָס אַמאָל אָפֿטער, יעדער אויסדרוק פֿון געפֿיל איז פֿאַרוואַנדלט געוואָ־רן אין היציקייט, און די פֿאַרשאַרפֿטע נערוון זענען מיט די שפּיצן געוואַק־סן אויף אינעווייניק אַריין, צערייסנדיק מיר דעם שלאָף און אַרויסרופֿנדיק אַ ביז אַצינד אומבאַקאַנטן פֿלאָנטער פֿון מחשבות.

די ערשטע, וואָס האָט באַמערקט אַ בולטע פֿאַרענדערונג פֿון מיין צו־שטאַנד, איז געווען מיין לערערס פֿרוי. פֿון אַ געוויסער צייט אָן האָט זי אָנגעהויבן אָפּט אָנצושטעלן אויף מיר אָן אומרואיקן בליק, אין אונזערע

שמועסן פלעגט זי וואָס אַמאָל עפטער פרווון אַריינוואַרפן אַזעלכע באַמערקונגען ווי למשל, אַז איך זאָל נישט וועלן אין איין סעמעסטער איינגעמען די גאַנצע וועלט אויף איין מאָל. ענדלעך האָט זי זיך אָנגעהויבן אויסצודריקן דייטלעכער. „גענוג“, האָט זי אויף מיר אָנגעשריגן איינמאָל אין אַ זונטיק, בעת איך בין אין מיטן העלן טאָג געזעסן און געחזרט גראַמאַטיק, און זי האָט מיר געטון אַ ריס אַרויס דאָס בוך: „ווי אַזוי קאָן אַ יונגער לעבעדיקער מענטש זיך אויף אַזוי פיל לאָזן פאַרשקלאַפן דורך אַמביציע? נעמט אייך נישט פאַר אַ ביישפיל מיין מאַן: ער איז אַלט, און איר זענט יונג. איר באַדאַרפט זיך אַנדערש פירן“. בעת זי האָט גערעדט וועגן אים, האָט זיך שטענדיק געהערט אין איר טאָן אַ מין נישט־ניחאדיקייט, וואָס פלעגט מיך תמיד אויפקאָכן. איך האָב געשפירט, אַז זי באַמיט זיך בכיוון, אָדער אפשר צוליב עפעס אַ מין אומנאַטירלעכער אייפערזוכט, מיך צו דערווייטערן פון אים און מיט איראָנישע שטעכווערטלעך אויסצולאַכן מיין צו גרויסע התמדה. אויב מיר זענען אין אָוונט צו לאַנג געזעסן ביים דיקטאַט, פלעגט זי שטאַרק אָנקלאַפן אין טיר און פאָדערן איבערצורייסן די אַרבעט, נישט קוקנדיק אויף זיין צאָרנדיק פראָטעסטירן. „ער וועט אייך נאָך אייערע נערוון פטרן, ער וועט פון אייך אינגאַנצן אַ תל מאַכן“, האָט זי מיר אַמאָל געזאָגט פאַרביטערט, זעענדיק מיך אַ נידערשלאָגענעם. „וואָס ער האָט שוין געמאַכט פון אייך דורך די עטלעכע וואָכן! איך קאָן שוין נישט צוקוקן לענגער, ווי איר אַליין ברענגט זיך אום. און דערצו נאָך....“ זי האָט אָפגעהאַקט און נישט פאַרענדיקט דעם זאַץ. אָבער אירע בלאַסע ליפן האָבן געציטערט פון פאַרשטיקטן צאָרן.

און אין דער אמתן, מיין לערער האָט מיר נישט לייכט געמאַכט: וואָס ליידנשאַפטלעכער איך האָב אים געדינט, אַלץ גלייכגילטיקער אפנים האָט ער אָפגעשאַצט מיין הילף־גרייטקייט און מיין פאַרערונג. עס האָט זעלטן געטראָפן, ער זאָל מיר דאַנקען; ווען איך פלעג אים ברענגען אינדערפרי די ביז אין דער טיפער נאַכט אַריין געמאַכטע אַרבעט, האָט ער בלויז טרוקן אַ זאָג געטון: „ס'וואָלט דערמיט צייט געווען ביז מאָרגן“. אויב איך האָב אים אַמאָל פאָרגעשלאָגן אומגעבעטענערהייט עפעס אַ געפעליקייט, פלעגט ער פלוצלינג אינמיטן שמועס פאַרציען די ליפן און אָפוואַרפן מיט אַן איראָניש וואָרט. אמת, אויב ער האָט מיך דעמאָלט געזען צוריקציען געקרענקט

און צעטומלט, פלעגט מיך ווידער אַרומנעמען זיין וואַרעמער טרייסטנדי־קער בליק, אָבער ווי זעלטן האָט זיך דאָס געטראָפן, ווי זעלטן! און די דאָ־זיקע היץ און קעלט, דאָס דאָזיקע אָט דערנענטערן זיך, אָט ווידער אָפּ־שטויסן פון זיך האָט שוין אינגאַנצן צעטומלט מיין צעשטורעמט געפיל, וואָס האָט געבענקט—ניין, איך האָב גאָר דעמאָלט נישט געקאָנט אַפּי־לו דייטלעך אָנרופן נאָך וואָס אייגנטלעך איך האָב געבענקט, וואָס איך האָב פאַרלאַנגט, געפאָדערט, באַגערט, וואָס פאַר אַ צייכן פון זיין צונייג־גונג איך האָב דערוואַרט אין מיין ענטוזיאַסטישער איבערגעגעבנקייט. וואָרום ווען מען פילט אַזאַ פאַרערנדיקע ליידנשאַפט, אַפילו פון ריינסטן מין, צו אַ פרוי, איז דאָך אונטער דעם באַהאַלטן אַן אומבאַוווּסטזיניקער באַגער צו אַ קערפּערלעכן ציל, צוליב אים האָט די נאַטור אויסגעפורעמט אַ העכסטע פאַראייניקונג דורכן באַזיץ פון קערפּער—אָבער ליידנשאַפט פון גייסט, פון מאַן צו מאַן, ווי אַזוי קאָן אַזאַ אומדערפילבאַרע דערגרייכן אַ דערפילונג? זי וואַנדערט אָן אָפּרו אַרום דער פאַרערטער געשטאַלט, פלאַ־קערט זיך פונאַנדער וואָס אַמאָל אין אַ נייעם עקסטאַז און ווערט קיינמאָל נישט באַרואיקט דורך אַ לעצטער מדרגה פון איבערגעבן זיך. זי שטראָמט אָן אויפהער און קאָן זיך דאָך קיינמאָל נישט אויסשעפּן, תמיד אומגעזע־טיקט ווי דער גייסט אַליין. אַזוי האָט מיך זיין נאָענטקייט קיינמאָל נישט געקאָנט זעטיקן, די לאַנגע שמועסן זענען תמיד געווען צו קנאַפּ; אַפילו ווען ער פלעגט אַמאָל אַראָפּוואַרפן פון זיך די גאַנצע פרעמדקייט, האָב איך דאָך געפילט, אַז אין אַ רגע אַרום קאָן ער ווידער מיט אַ שאַרפן זשעסט צעשניידן די דאָזיקע גאָר נאָענטע צוגעבונדנקייט. זיין אומבאַ־שטענדיקייט האָט תמיד אויפסניי צעטומלט מיין געפיל, און עס וועט נישט זיין איבערגעטריבן, ווען איך וועל זאָגן, אַז איך בין אין מיין צערייצט־קייט אָפּט שוין נאָענט געווען צו אַן אומזיניקע טאַט, בלויז ווייל ער האָט מיט אַ נאַכלעסיקער האַנט־באַוועגונג גלייכגילטיק אָפּגערוקט אַן אַ זייט אַ בוך, אויף וועלכן איך האָב אים אויפמערקזאַם געמאַכט, אָדער גאָר דערפאַר, ווייל בעת מיר זענען אַמאָל אין אָוונט געזעסן פאַרטיפט אין אַ שמועס, איך אינגאַנצן דורכגעדרונגען מיט זיינע געדאַנקען, איז ער פּלוצ־לינג אויפגעשטאַנען — נאָכדעם ווי ער האָט מיר ערשט מיט אַ רגע פריער אַרויפגעלייגט צערטלעך די האַנט אויף די אַקסלען — און רוי אַ

זאָג געטון: „איצט אָבער גייט שוין אוועק! עס איז שפּעט. אַ גוטע נאַכט“.

אַזעלכע קלייניקייטן פלעגן שוין געגוג זיין, כדי מיר צו פאַרביטערן גאַנ־צע שעהן, גאַנצע טעג. אפשר האָט מיין תמיד אָנגעשטרענגט און איבער־געשפּאַנט געפיל אויסגעפונען באַליידיקונגען אויך דאָרט, וווּ מיין לע־רער איז גאָרנישט אויסן געווען — דאָך, וואָס העלפט דאָס ווען זיך אַ־ליין באַרואיקן, בעת דאָס געמיט איז אַזוי צעטרייסלט? און אַזוי האָט זיך דאָס איבערגעחזרט יעדן טאָג אויפסניי: איך האָב ברענענדיק געליטן, ווען מיר זענען געווען צוזאַמען און געפּרירט, ווען מיר זענען געווען דערוויי־טערט, תמיד אַנטוישט פון זיין פאַרבאָרגנקייט, דורך קיין שום צייכן נישט באַרואיקט, פון יעדער צופעליקייט צעטומלט.

און מאָדנע: תמיד ווען מיין עמפּינדלעכקייט איז פון אים באַליידיקט געוואָרן, האָב איך מיך דערנענטערט צו זיין פרוי. אפשר איז דאָס געווען אַן אומבאַוווסטזיניקער באַגער צו געפינען אַ מענטש, וואָס האָט אויך אַזוי געליטן פון דער דאָזיקער שטומער צוריקגעצויגנקייט, און אפשר איז עס בלויז געווען אַ באַדערפעניש צו קענען רעדן מיט עמעצן און צו געפינען, אויב נישט הילף, איז כאָטש פאַרשטענדעניש, — יעדנפאַלס האָב איך מיך צו איר דערנענטערט ווי צו אַ געהיימען פאַרבינדטן. גע־וויינלעך פלעגט זי חוזק מאַכן פון מיין צו גרויסער עמפּינדלעכקייט, אָדער קאַלט הויבנדיק די אַקסלען דערקלערן, אַז איך וואָלט שוין געמעגט זיין צוגעוווינט צו די דאָזיקע פאַרדריסלעכע משונהדיקייטן. טיילמאָל אָבער, ווען איך פלעג פּלוצלינג אַ פאַרצווייפלטער אויסגיסן פאַר איר אַ גאַנצן מבול פון תרעומות, אָנגעזאַמלטע טרערן און פאַרשטיקטע ווערטער, פלעגט זי מיך אָנקוקן מאָדנע ערנסט, שיעור נישט מיט אַ פאַרוווּנדערטן בליק, אָבער זי פלעגט נישט זאָגן קיין איינציק וואָרט; בלויז אַרום אירע ליפּן פלעגט דאַן ציטערן אַן איינגעהאַלטענער כעס, און איך האָב געשפּירט, אַז זי מוז צונויפנעמען אַלע כוחות, כדי נישט אַ שליידער צו טון עפּעס אַ צאָרנדיק, אומבאַטראַכט וואָרט. אויך זי האָט בלי ספק מיר גע־האַט עפּעס צו זאָגן, אויך זי האָט באַהאַלטן אַ סוד, אפשר דעם זעלבן וואָס ער; אָבער אין דער צייט, וואָס ער פלעגט מיך רוי אָפּפּטרן, ווי־באַלד מיינע ווערטער האָבן אים אָנגעהויבן אָנצורירן צו נאָענט, פלעגט זי דאַגעגן מיינסטנס מיט אַ שפּאַס אָדער מיט עפּעס אַ חכמהלע אויסמיי־דן אַ ווייטערדיקן שמועס.

בלויז איין איינציק מאָל האָט שוין געהאַלטן דערביי, איך זאָל אַרויסקריגן פון איר אַ וואָרט. איינמאָל אין אַ פרימאָרגן, צוריקבריינגענ־דיק דעם דיקטאַט, האָב איך נישט געקאָנט גובר זיין מיין באַגייסטערונג און אָנגעהויבן דערציילן דעם לערער, ווי שטאַרק מיך האָט גראָד יענע שילדערונג (עס איז געווען אַ שילדערונג פון מאַרלאָ) דערשיטערט. און דערוואַרעמט פון מיין התלהבות, האָב איך נאָך מיט באַוווּנדערונג צוגעגע־בן, אַז קיינער וואָלט נישט אימשטאַנד געווען אָנצושרייבן נאָך אַזאַ מייס־טערהאַפטע שילדערונג. ער האָט דאַן, שאַרף זיך אַוועקדרייענדיק, פאַרביסן די ליפּן, אַ וואָרף געטון דאָס בלאַט אָן אַ זייט און אַ ברום געטון מיט פאַר־אַכטונג: „רעדט נישט אַזעלכע שטותים! וואָס פאַרשטייט איר דען פון מייסטערשאַפט“. דאָס דאָזיקע האַרבע וואָרט (וואָס איז מסתמא געווען בלויז אַ אויף גיך אָנגעטוענע מאַסקע, צו פאַרשטעלן אַן אומגעדולדיקע שעמעוודיקייט) איז גענוג געווען מיר דעם גאַנצן טאָג צו פאַרפינסטערן. און בלייבנדיק נאָכמיטאָג אַליין מיט זיין פרוי, בין איך זי פּלוצלינג באַ־פאַלן מיט אַ מין היסטערישן אויסברוך און זי אָנגענומען פאַר די הענט: „זאָגט מיר, פאַרוואָס האָט ער מיך אַזוי פיינט? פאַרוואָס פאַראַכט ער מיך אַזוי? וואָס האָב איך אים געטון. פאַרוואָס רייצט אים אַזוי אויף מיין יעדעס וואָרט? וואָס זאָל איך טון, העלפט מיר! פאַרוואָס קאָן ער מיך נישט ליידן — זאָגט עס מיר, איך בעט אייך“.

דאַן האָט זי, אומגעריכט באַפאַלן פונם דאָזיקן ווילדן אויסברוך, אַ וואָרף געטון אויף מיר אַ שאַרפן בליק. „ער קאָן אייך נישט ליידן?״ — און אַ געלעכטער האָט זיך אַ ריס געטון פון צווישן די ציין, אָבער אַזאַ בייז, שאַרף־שטעכיק געלעכטער, אַז איך האָב מיך נישט ווילנדיק געטון אַ צי צוריק. „ער קאָן אייך נישט ליידן?“ האָט זי ווידער איבערגעחזרט און צאָרנדיק מיר אַריינגעקוקט אין די צעטומלטע אויגן. דערנאָך אָבער האָט זי זיך צוגעבויגן צו מיר נענטער — איר בליק איז ביסלעכווייז געוואָרן וואָס אַמאָל ווייכער, כמעט רחמנותדיק איז ער געוואָרן—און פּלוצלינג מיר אַ גלעט געטון (צום ערשטן מאָל) איבערן קאָפּ. „איר זענט באמת אַ קינד, אַ נאַריש קינד, וואָס באַמערקט גאָרנישט און ווייס גאָרנישט. אָבער ס'איז גלייכער אַזוי, — ווען נישט וואָלט איר געווען נאָך אומרואיקער“.

און זי האָט זיך האַסטיק געטון אַ דריי אַוועק. בחנם האָב איך גע־

זוכט א בארואיקונג: ווי פארבונדן אין א שווארצן זאק און חלומנדיק א פינסטערן חלום, האב איך מיך געריסן נאך א פתרון, נאך אן אויפוואכן פונם סודותדיקן פלאנטער פון די דאזיקע סתירהדיקע געפילן.

*

אזוי זענען פארביי פיר חדשים, וואכן פון אויסטערלישער געשפאנט־קייט און טראנספארמאציע. דער סעמעסטער האט געהאלטן ביים פארענדי־קן זיך, מיט א געפיל פון שרעק האב איך אפגעווארט די נאענטע וואקאציעס, ווארום איך האב ליב געקריגן מיינע יסורים, און די ניכטערנע וואכעדיקע סביבה אין מיין היים האט זיך מיר אויסגעוויזן ווי א גלות אפריכטן. איך האב שוין אין דער שטיל צוזאמענגעשטעלט פלענער אפצונארן מיינע על־טערן, אז מיך פארהאלט דא א וויכטיקע ארבעט, איך האב שוין געשיקט צוזאמענגעפלאכטן ליגנט מיט פאלשע תירוצים, **כדי צו קענען דא לענגער** פארבלייבן אין דער דאזיקער מיך פארצערנדיקער סביבה. עס איז מיר אבער באשערט געווען א שווערע שעה פון נסיון. און די דאזיקע שעה איז אומ־געזעען געהאנגען איבער מיר, ווי מיטאגצייט דער גלאקנקלאנג אינם קער־פער, איידער ער הילכט אפ אומגעריכט און ערנסט, רופנדיק די ליידיק־א־רומגייענדיקע צו דער ארבעט אדער צום אויפהערן.

ווי שיין האט זיך אנגעהויבן יענער פאטאלער אוונט, ווי פאררעטע־ריש שיין! איך בין צוזאמען מיט ביידע געזעסן ביים טיש—די פענסטער זענען געשטאנען אפן, און דורך זייערע פארטונקלטע ראמען איז פאמעלעך אריינגעדרונגען דער בין השמשותדיקער הימל, פארצויגן מיט ווייסע וואלקנס. א ווייכקייט און לויטערקייט האט זיך ארויסגעשיילט פון זייער אפשיין, וואס האט מאיעסטעטיש אוועקגעשוועבט אין דער ווייטקייט א־ריין. ביז טיף אין דער נשמה האט מען דאס געמוזט פילן. מיר האבן דאס־מאל, **די פרוי און איך, געפלוידערט פרייער און רואיקער ווי תמיד**. מיין לערער האט געשוויגן; אבער זיין שטילשווייגן האט זיך פארשפרייט אי־בער אונזער שמועס ווי שטיל צונויפגעלייגטע פליגל. איך האב בגנבה א קוק געטון אויף אים פון דער זייט: עפעס א מערקווירדיקע העלקייט איז היינט געווען אויסגעשפרייט איבער זיין וועזן, עפעס אן אומרואיקייט, אבער אן צעטראגנקייט, פונקט אזוי ווי ביי יענע זומערדיקע וואלקנס. פון צייט צו צייט האט ער אויפגעהויבן דאס גלאז ווייז און עס געהאלטן אנט־

קייגן ליכט, אַנקוועלנדיק פון דער קאָליר; און בעת ער האָט געזעען, ווי מיין בליק באַגלייט מיט פרייד די דאָזיקע באַוועגונג זיינע, האָט ער לייכט גע־שמייכלט און אויסגעשטרעקט צו מיר דאָס גלאָז אלס גרוס. זעלטן־ווען האָב איך געזעען ביי אים דאָס פנים אַזוי קלאָר, זיינע באַוועגונגען אַזוי בנעימותדיק און רואיק. ער איז געזעסן נעבן אונז מיט אַ כמעט פייער־לעכן אויסדרוק פון פרייד, גלייך ער וואָלט זיך צוגעהערט צו מוזיק פון דרויסן, אָדער זיך איינגעהאָרכט אין אַ נישט־זעבאַרן שמועס. זיינע ליפּן, אַרום וועלכע עס פלעגן תמיד פלאַטערן לייכטע קנייטשן, זענען אַצינד גע־לעגן שטיל און ווייך, ווי אַן אָפּגעשיילטע פרי, און דער שטערן, וואָס ער האָט גראָד אַצינד לייכט צוגעבויגן צום פענסטער, איז געווען באַלויכטן פון יענער ווייבער לויטערקייט און האָט זיך מיר אויסגעוויזן שענער ווי תמיד. ווי וואונדערלעך, אים צו זעען אַזאַ באַרואיקטן: צי איז דאָס געווען אַן אָפּשיין פון דעם ריינעם זומער־אָוונט, צי די ווייכקייט פון דער לופט איז אַזוי חיותדיק אַריינגעדרונגען אין אים, אָדער אפשר האָט אַרויסגע־שטראַלט פון אים אַן אינערלעכע פרייד, — איך האָב עס נישט געוווּסט. אָבער געוווינט צו לייענען אין זיין פנים ווי פון אַן אָפן בוך, האָב איך בלויז געשפּירט: אַ מילדער גאָט האָט אים היינט די רונצלען און קנייטשן פון זיין האַרץ אויסגעגלייכט.

און מאָדנע פייערלעך איז אויך געווען דער אופן, ווי ער איז אויפגע־שטאַנען און מיט זיין געוועגלעכער קאָפּ־באַוועגונג מיך פאַרבעטן, אים נאָכצוגיין אין זיין אַרבעט־צימער. און אויך זיין גאַנג, דער תמיד האַסטי־קער, איז געווען מאָדנע געלאַסן. ער האָט זיך נאָכאַמאָל צוריקגעקערט, אַרויסגענומען — אויך דאָס פלעגט קיינמאָל נישט טרעפן — פון שאַנק אַ פאַרמאַכטע פלאַש ווייַן און איז מיט איר פאַמעלעך צוריק אַריין אין אַרבעט־צימער. זיין פרוי האָט אַ פנים פונקט אַזוי ווי איך געמוזט באַ־מערקן זיין מערקווירדיקע האַלטונג, און בעת מיר זענען ביידע אַריינגע־גאַנגען צו אונזער אַרבעט, האָט זי אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון איר ניי־אַרבעט און שטילשווייגנדיק אים נאָכגעקוקט מיט אַ דערשטוינטן נייגיריקן בליק.

דאָס צימער ווי תמיד איינגאַנצן פאַרזונקען אין טונקלקייט, האָט אונז אויפגענומען מיט דער היימישער בין השמשותדיקייט; בלויז דער

לאָמפּ האָט געוואָרפן אַ גאָלדענעם קרייז אַרום דעם הויפן ווי אויף שריפט־
וואַרטנדיקע ווייסע בלעטער. איך האָב מיך אַנידערגעזעצט אויף מיין
שטענדיקן פּלאַץ און איבערגעחזרט די לעצטע זאַצן פון דעם כתב־יד; כדי
צו קאָנצענטרירן די מחשבות, האָט ער תמיד באַדאַרפט דעם ריטם, וואָס
איז פאַר אים געווען ווי אַ קאַמערטאָן צום ווייטערדיקן דיקטאַט. אָבער
אָנשטאָט דעם, וואָס ער פלעגט תמיד אָנהויבן דאָס ווייטערדיקע דיקטי־
רן דירעקט נאָכן לעצטן זאַץ, איז ער דאָס מאָל געבליבן שטיל. דאָס שטיל־
שווייגן האט זיך פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן צימער און שוין אָנגעהויבן צו
דריקן מיט זיין שווערקייט. ער האָט אַפּנים נאָך אַלץ נישט געהאַט צונויפ־
גענומען די געדאַנקען, וואָרום איך האָב אונטער מיינע פּלייצעס געהערט
זיין נערוועז אַרומגיין הין און צוריק. „לייענט עס איבער נאָכאַמאָל!‟ —
מאָדנע, ווי אומרואיק עס איז פּלוצלינג געוואָרן זיין שטים. איך האָב אי־
בערגעחזרט די לעצטע אַפּזאַצן: איצט האָט ער דירעקט אָנגעקניפּט אָן מיי־
נע ווערטער און אָנגעהויבן צו דיקטירן האַסטיקער, שנעלער און זיכערער
ווי תמיד. אין פינף זאַצן איז דאָס בילד געווען אויפגעשטעלט. דאָס גאַנ־
צע, ביז אַהער געשילדערטע, האָט אַנטהאַלטן די קולטורעלע פאַרבאַדינ־
גונגען פון דער דראַמע, אַ געמעל פון דער תקופה, אַ געשיכטלעכער איבער־
בליק. אַצינד איז ער מיטאַמאָל צוגעטרעטן צום טעאַטער גופא, ווי אַזוי
עס הויבט אָן נאָך דעם אַרומשלעפּן זיך און אַרומוואַנדערן אויף וועגענער
ענדלעך זיך צו באַזעצן אויף אָן אָרט און אויסצובויען פאַר זיך אַ שטענדי־
קע היים, געזיכערט מיט רעכט און פּריווילעגיעס; צוערשט דאָס „ראָזע־
טעאַטער‟ און שפּעטער די „פאָרטונאַ‟, הילצערנע בודעס פון ברעטער פאַר
פונקט אַזאַ הילצערן שפּיל. שפּעטער אָבער, אין דער מאָס ווי עס וואַקסט
זיך מענלעך פונאַנדער די ברוסט פון דער דיכטונג, בויען איר די בעלי־
מלאכות אַ ניי הילצערן לבוש: אויפן ברעג פון דער טעמזע, אויף אַריינגע־
שלאָגענע פּלעקער אין דעם פייכטן, ווערטלאָזן שליימיקן באָדן, אַנטשטייט
דער אומגעלומפּערטער הילצערנער בנין מיט דעם אומגעשיקטן זעקס־קאַנ־
טיקן טורעם, דאָס גלאָב־טעאַטער, וואָס אויף זיין בינע האָט זיך באַוויזן
דער מייסטער שעקספּיר. ווי אַ משונהדיקע שיף אַרויסגעוואָרפן פון ים,
די פּיראַטיש רויטע פאָן אויפן אויבערשטן מאַסטבוים, האָט עס זיך דאָרט
פעסט פאַראַנקערט אין דעם שליימיקן באָדן. אין פּאַרטער שטופּט זיך

דער נידריקער המון טומלענדיק ווי אין א האפן, פון די גאַלעריעס שמייכלט און פּלוידערט דער פיינערער עולם גאַוהדיק אראָפּ צו די אַקטיאָרן. מען פּאָדערט אומגעדולדיק אָנצוהויבן דאָס שפּילן. זיי טופּען און קנאַקן, טראַסקען מיט די הענטלעך פון די שווערדן איבער די ברעטער, ביז די נידעריקע בינע ווערט ענדלעך צום ערשטן מאָל באַלויכטן דורך עטלעכע דאָרט אוועקגעשטעלטע אָנגעצונדענע ליכט און עס באַווייזן זיך נאַכלעסיק־פאַרקליידטע געשטאַלטן, וואָס הויבן אָן אַ בלומרשט אימפּראָוויזירטע קאָמעדיע. און דעמאָלט, איך דערמאָן מיך נאָך היינט זיינע ווערטער, „ברויזט זיך פּלוצלינג פונאַנדער אַ שטורעם פון ווערטער, אַ ים, אַן אומענדלעכער ים פון ליידנשאַפט, וואָס שטראָמט אראָפּ פון די דאָזיקע ברעטער ווי אַ בלוטכוואַליע צו די מענטשלעכע הערצער פאַר אַלע צייטן און צו אַלע ווינקלען פון דער ערד, אומדערשעפלעך, נישט דערגרינטלעך, אויסגעלייטערט און טראַגיש, פילגעשטאַלטיק און אנטהאַלטנדיק דאָס אייביקסטע בילד פון די מענטשן — דאָס טעאַטער פון ענגלאַנד, די דראַמע פון שעקספּיר“.

נאָך די דאָזיקע הויכע ווערטער האָט ער פּלוצלינג איבערגעריסן דאָס רעדן. עס איז נאָכגעקומען אַ לאַנג, שווער שטילשווייגן. איך האָב באַאומרואיקט מיך אויסגעדרייט: מיין לערער איז געשטאַנען, מיט איין האַנט קלאַמערנדיק זיך אין טיש, מיט יענעם אויסדרוק פון דערשעפּטקייט, וואָס איז מיר אין אים געוועזן גוט באַקאַנט. נאָר דאָסמאָל האָט די דאָזיקע פאַרגליווערטקייט געהאַט אין זיך עפּעס דערשרעקנדיקס. איך בין אויפגעשפּרונגען אין דער מורא, אַז עס איז אים עפּעס געשעען, און איך האָב אים דערשראָקן געפרעגט, צי איך זאָל אויפהערן. ער האָט מיך בלויז אָנגעקוקט, אָן אַ וואָרט, שאַרף און פאַרגליווערט. באַלד אָבער האָבן זיינע אויגאַפּלען אויפגעשיינט מיט אַ בלויען גלאַנץ און ער איז ווידער אַ באַרואיקטער צוגעגאַנגען נאָענט צו מיר — „נו, האָט איר גאָרנישט באַמערקט?“ — ער האָט מיך שאַרף אָנגעקוקט. „וואָס אַזוינס?“ האָב איך נישט זיכער אַרויסגעשטאַמלט. דאַן האָט ער טיף אָפּגעאָטעמט און אַ לייכטן שמייכל געטון; זינט חדשים שוין האָב איך ווידער דערפילט יענעם אַרומנעמענדיקן, ווייכן, צערטלעכן בליק: „דער ערשטער טייל איז פאַרטיק“.

איך האָב מיך געמוזט אָנשטרענגען, כדי נישט אַרויסצולאָזן אַ פרייד־אויסגעשריי, אַזאַ הייסער שטראָם איז מיר דורך איבערן לייב פון

דער דאָזיקער איבערראַשונג. ווי אַזוי האָב איך דאָס געקאָנט פאַרזעען, יאָ, דאָס איז געווען דער גאַנצער בנין, הערלעך אויפגעבויט בהדרגהדיק פון דער ווייטסטער פאַרגאַנגענהייט ביז צו דער שוועל פון אויספאָרמי־רונג: איצינד קאָנען זיי שוין קומען, מערלאָ, בען דזשאָנסאָן, שעקספּיר, כדי זיגעריש אריבערצוטרעטן די דאָזיקע שוועל. דאָס ווערק האָט געפיי־ערט זיין ערשטן געבורטסטאָג: איך בין האַסטיק צוגעלאָפן איבערצוציילן די בלעטער. הונדערט און זיבעציק געדיכט געשריבענע זייטן האָט גע־האַלטן דער דאָזיקער ערשטער טייל, דער שווערסטער; וואָרום דאָס, וואָס באַדאַרף נאָך דעם קומען, קאָן שוין פריי פאָרמירט און געשטאַל־טיקט ווערן, בעת די ביז איצטיקע שילדערונג איז געווען ענג געבונדן צו היסטאָרישער דאָקומענטאַציע. אָן שום ספק, ער וועט עס פאַרענדיקן, זיין ווערק, אונזער ווערק!

צי האָב איך געליאַרעמט, צי בין איך אַרומגעשפּרונגען פאַר שמחה, פאַר שטאָלץ, פאַר גליק — איך ווייס עס נישט. נאָר מיין באַגייסטערונג האָט געמוזט אָננעמען אומגעריכטע פאָרמען, וואָרום ער האָט מיר נאָכ־געקוקט מיט אַ שמייכלענדיקן בליק, בעת איך האָב אָט געלייענט די לעצטע ווערטער, אָט ווידער שנעל אָנגעהויבן ציילן די בלעטער, זיי גענומען אין דער האַנט אריין, געוווגן און פאַרליבט געגלעט און שוין אין פרי־צייטיקע אויסרעכענונגען פאַנטאַזירט, ווען מיר וועלן קענען האָבן פאַר־ענדיקט דאָס גאַנצע ווערק. זיין איינגעהאַלטענער, טיף פאַרבאָרגענער שטאָלץ האָט זיך געזעען אָפּגעשפּיגלט אין מיין פרייד; ער האָט אויף מיר אָנגעשטעלט אַ גערירטן, שמייכלענדיקן בליק. דערנאָך איז ער פאַמע־לעך מיט אויסגעשטרעקטע הענט צוגעקומען צו מיר גאַנץ נאָענט און אָנגענומען מיינע; ער האָט מיך אָנגעקוקט אומבאַוועגלעך. זיינע אויג־אַפּלען, אין וועלכע די קאָליר האָט תמיד געפלאַטערט ווי אַ ציטער־פיי־ערל, זענען ביסלעכווייז פול געוואָרן מיט יענער קלאָרער באַהאַרצטער בלויקייט, וואָס פון צווישן אַלע עלעמענטן זענען עס אימשטאַנד אַרויס־צוברענגען בלויז די טיפקייט פון וואַסער און די טיפקייט פונם מענטש־לעכן געפיל. און די דאָזיקע שימערירנדיקע בלויקייט איז אויפגעגאַנגען פון זיינע אויג־אַפּלען, זיך דערנענטערט און אַריינגעדרונגען אין מיר. איך האָב געפילט ווי די דאָזיקע וואַרעמע כוואַליע פון זיי איז ווייך אַריינ־

געפלאָסן טיף אין מיין וועזן, זיך אויסגעברייטערט און אָנגעפולט מיין געמיט מיט וואונדערלעכער פרייד. מיין גאַנצע ברוסט איז מיטאַמאָל פונ־אַנדערגעוואַקסן דורך דער אַרויסשטראָמענדיקער קראַפט, און איך האָב געפילט אַ גרויסע זוניקייט אין מיר אויפגיין. „איך ווייס“, האָט זיין שטים אַ שוועב געטון איבערן דאָזיקן גלאַנץ, „אַז איך וואָלט קיינמאָל נישט געווען אָנגעהויבן די דאָזיקע אַרבעט, ווען נישט איר. איך וועל דאָס אייך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. איר האָט מיין מידקייט ווידער גע־געבן שוווּנג, און דאָס, וואָס איז נאָך פאַרבליבן פון מיין צעזייט און צע־שפּרייט לעבן, האָט איר אָפּגעראַטעוועט, איר אַליין! קיינער האָט נישט געטון פאַר מיר מער, קיינער האָט מיר נישט אַזוי טריי געהאָלפן. און דעריבער זאָג איך נישט, אייך האָב איך דאָס צו פאַרדאַנקען, נאָר... דיר האָב איך דאָס צו פאַרדאַנקען. קום! לאָמיר אַצינד פאַרברענגען אַ שעה אַזוי ווי ברידער!“

ער האָט מיך ווייך צוגעצויגן צום טיש און גענומען די צוגעגרייטע פלאַש. עס זענען אויך געשטאַנען צוויי גלעזער: ער האָט פאַר מיר צו־געטראַכט דעם דאָזיקן סימבאָלישן טרונק ווי אַן אויסדרוק פון אמתן דאַנק. איך האָב געציטערט פאַר פרייד, ווארום קיין שום זאַך צעטומלט נישט אַזוי געוואַלטיק אונזערע חושים, ווי אַ פּלוצלינגע דערפילונג פון אַ היים־באַגערטן פאַרלאַנג. זיין דאַנקבאַרקייט האָט אויסגעפונען דעם שענסטן צייכן, **דעם בולטסטן סימן פון צוטרוי, דעם צייכן,** נאָך וועלכן איך האָב אומבאַוווסט געבענקט: דאָס ברידער־לעכע דו, אַריבערגעוואָרפן צו מיר דורכן תהום פון יאָרן, איז צוליבן דאָ־זיקן אומגעהויערן מרחק געוואָרן זיבנפאַך ווערטפולער. אָט האָט זיך שוין דערהערט דאָס קלינגען פון דער פלאַש, די נאָך שטומע טויפעריין, וואָס האָט געזאָלט מיין צווייפלענדיק געפיל אויף אייביק באַרואיקן מיט גלוי־בן; אָט האָט שוין אויך אין מיר לויטער אָפּגעקלונגען פונקט אַזאַ צי־טערנדיקער קלאָרער טאָן, — דאַן האָט אַ קליינע מניעה נאָך אָפּגעהאַל־טן דעם פייערלעכן מאָמענט: די פלאַש איז געווען פאַרמאַכט און עס האָט זיך נישט געפונען אונטער דער האַנט קיין פּראָפּנציער. ער האָט געוואָלט אויפשטיין און אים ברענגען. אָבער פאַרשטייענדיק זיין כוונה, האָב איך מיך שטורמיש אַ לאָז געטון אין עסצימער אַריין — איך האָב

דאָך שוין געלעכצט נאָך דער דאָזיקער רגע, וואָס זאָל ענדלעך באַרו־איקן מיין האַרץ, וואָס זאָל זיין אַ באַשיינפערלעכער באַווייז פאַר זיין צוגענייגטקייט צו מיר.

בעת איך בין אַזוי שטורמיש אַרויס פון צימער און אַריינגעפאַלן אין דעם נישט־באַלויכטענעם קאָרידאָר, האָב איך מיך אין דער פינס־טער אָנגעשטויסן אין עפּעס אַ ווייכע זאַך, וואָס איז האַסטיק אָפּגע־שפּרונגען: עס איז געווען מיין לערערס פרוי, וועלכע האָט משמעות זיך אונטערגעהערט הינטער דער טיר. אָבער מאָדנע; נישט געקוקט וואָס איך האָב איר אַ האַסטיקן שטויס געטון, האָט זי נישט אַרויסגעלאָזט קיין שום קלאַנג, זי איז בלויז שטילשווייגנדיק אָפּגעטרעטן, און אויך איך, נישט אימשטאַנד זיך אַ ריר צו טון, האָב געשוויגן דערשראָקן. דאָס האָט געדויערט אַ רגע; מיר זענען ביידע געשטאַנען שטום, איינער פאַרשעמט פאַרן אַנדערן, זי געפּאַקט ביים אונטערהערן זיך, איך פאַר־גליווערט פון דער דאָזיקער אומגעריכטער אַנטדעקונג. באַלד אָבער האָ־בן זיך דערהערט שטילע טריט אין דער פינסטער, ס'איז געוואָרן ליכ־טיק, און איך האָב זי דערזעען שטיין אַ בלאַסע און אַן אַרויספאָדערנדי־קע מיטן רוקן אָנגעשפּאַרט אָן דער שאַנק; זי האָט מיך ערנסט אָנגעמאָס־טן מיטן בליק און אין איר אומבאַוועגלעכער פּאָזע האָט געשטעקט עפּעס אַ פינסטערקייט, אַ וואָרענונג און דראָאונג. אָבער זי האָט נישט געזאָגט קיין איינציק וואָרט.

מיינע הענט האָבן געציטערט, בעת איך האָב נאָך אַ לענגערער צייט נערוועז און בלינד אַרומטאַפּן ענדלעך געפונען דעם פּראָפעסאָר. איך האָב געמוזט צוויי מאָל פאַרבייגיין פאַר איר, און יעדעס מאָל האָב איך מיך אָנגעטראָפן מיט איר פאַרגליווערטן בליק, וועלכער האָט געפונקלט מיט אַ האַרטן טונקלען גלאַנץ, ווי פּאָלירט האָלץ. זי האָט שוין לחלוטין נישט אַרויסגעוויזן קיין פאַרשעמטקייט, וואָס זי איז געכאַפּט געוואָרן ביים איינהאָרכן זיך הינטער דער טיר; פאַרקערט, אירע אויגן האָבן אַצינד האַרט און אַנטשלאָסן געפונקלט מיט אַ פאַר מיר אומפאַרשטענדלעכער דראָאונג, און פון איר עקשנותדיקער גרימאַסע איז ניכר געווען, אַז זי האָט בדעה נישט אָפּצוטרעטן פונם דאָזיקן אומכבודיקן פּלאַץ אירן און ווייטער אונטערצוהערן. און די דאָזיקע איבערגעוויכט פון ווילן האָט

מיך צעטומלט; נישט ווילנדיק האָב איך מיך געבויגן אונטער דעם דאָזיקן אַנטשלאָסענעם און וואָרענענדיקן בליק. און ווען איך האָב מיך ענדלעך מיט אומזיכערע טריט צוריק אַריינגעשלייכט אין צימער, ווו מיין לערער האָט אומגעדולדיק געוואַרט מיט דער פלאַש אין האַנט, איז די נאַר־וואָס גרענעצלאָזע פרייד מיינע שוין געווען אינגאַנצן אויסגעקילט און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ משונהדיקער שרעק.

ער אָבער, ווי זאָרגלאָז האָט ער אויף מיר געוואַרט, ווי לויטער האָט זיין בליק מיך באַגעגנט: איך האָב תמיד געחלומט צו זעען אים אַמאָל אין אַזאַ מצב, אָן דער פאַרוואָלקנטקייט אויפן מרה־שחורהדיקן שטערן! און אַצינד, בעת איך האָב אים צום ערשטן מאָל געזעען אַזאַ באַרואיקטן, בעת ער האָט מיר אַרויסגעוויזן אַזוי פיל האַרציקייט, איז מיר גאָר אָפּגענומען געוואָרן דאָס לשון; עפּעס ווי ס'וואָלט דורך אומגעזעענע הויטעפּענונגען מיר אויסגערונען די גאַנצע פרייד. אַ צעטומלטער, שעור אַ פאַרשעמטער האָב איך געהערט, ווי ער האָט מיר נאָכאַמאָל געדאַנקט, אינטים מיר זאָגנדיק דו, די גלעזער האָבן זיך אָנגעקלאַפּט מיט אַ זילבערנעם קלאַנג. ער האָט מיך פריינטלעך אַרומגענומען מיטן אָרעם, מיך צוגעפירט צום פאָטעל; מיר האָבן זיך געזעצט איינער קייגנאיבער דעם אַנדערן, זיין האַנט איז לייכט געלעגן אין מיין האַנט: צום ערשטן מאָל האָב איך געשפּירט אַ פרייקייט און אויפריכטיקייט אין זיין געפיל. אָבער איך האָב נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין איינציק וואָרט; נישט ווילנדיק האָט זיך מיין בליק כסדר געווענדט צו דער טיר, פול מיט שרעק, אַז זי שטייט נאָך דאָרט און הערט זיך צו. זי הערט, האָב איך געטראַכט אָן אויפהער, זי הערט זיך צו צו יעדן וואָרט, וואָס ער רעדט צו מיר, צו יעדן וואָרט, וואָס איך רעד: פאַרוואָס גראָד היינט, פאַרוואָס גראָד היינט? און בעת ער האָט, אַרומנעמענדיק מיך מיט אַ וואַרעמען בליק, פלוצלינג אַ זאָג געטון: „איך וויל דיר היינט פון מיר, פון מיין אייגענער יוגנט דערציילן”, בין איך מיט אַזאַ שרעק און מיט אַ בעטנדיק אָפּווערנדיקער האַנט־באַוועגונג אויפגעשפּרונגען, אַז ער האָט אויפגעהויבן אויף מיר אַ פאַרחידושטן בליק. „נישט היינט”, האָב איך געשטאַמלט, „נישט היינט.... זייט מיר מוחל”. צו מוראדיק איז פאַר מיר געווען דער געדאַנק, אַז ער קאָן זיך פאַרראַטן פאַר אַן אונטערהערער, וועמענס אַנ־

ווענהייט איך האָב געמוזט פאַרשווייגן.

מיין לערער האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ נישט זיכערן בליק: „וואָס איז דען מיט דיר?" האָט ער געפרעגט, אַביסל אַראָפּפאַלנדיק פון טאָן. „איך בין מיד.... זייט מיר מוחל.... עס איז מיך עפּעס אַזוי באַפאַלן... איך מיין", און דערביי בין איך ציטערנדיק אויפגעשטאַנען—„איך מיין, עס איז גלייכער, איך זאָל אַוועקגיין". נישט ווילנדיק האָט זיך מיין בליק ווידער אַ קער געטון צו דער טיר, הינטער וועלכער איך האָב נאָך אַלץ געשפּירט לויערן יענע פאַרבאָרגענע, אייפערזיכטיקע נייגיריקייט.

אויך ער האָט זיך שווער אויפגעהויבן פון פאָטעל. אַ שאָטן האָט זיך פאַרצויגן איבער זיין מיטאַמאָל מיד געוואָרענעם פּנים. „ווילסטו טאַקע שוין אַוועקגיין.... היינט... גראד היינט?" ער האָט געהאַלטן מיין האַנט: עפּעס אומבאַמערקטערהייט איז זי שווער געוואָרן. און פּלוצלינג האָט ער זי רוי אָפּגעלאָזט און געלאָזט פאַלן ווי אַ שטיין: „אַ שאָד", האָט ער אַנטטוישט אַ זאָג געטון, „איך האָב מיך אַזוי געפרייט, וואָס איך וועל מיט דיר אַמאָל קענען רעדן אָפנהאַרציק! אַ שאָד!" אַ טיפער זיפץ האָט אַ רגע לאַנג זיך דורכגעטראָגן איבערן צימער, ווי אַ שוואַרצער שמעטערלינג. איך בין געווען פול מיט בושה און מיט אַן אומבאַהאָלפן נישט-דערקלערלעכן פּחד; מיט נישט זיכערע טריט האָב איך פאַרלאָזט דאָס צימער און שטיל פאַרמאַכט הינטער מיר די טיר.

•

איך האָב מיך מיט גרויס מי דערשלעפּט אין מיין צימער אַריין און מיך אַ וואָרף געטון אויפן בעט. אָבער איך האָב נישט געקאָנט שלאָפן. איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געשפּירט אַזוי שטאַרק, אַז בלויז דורך אַ דינער מויער-וואַנט פאַראייניקט, געפינט זיך מיין דירה איבער זייערע, אָפּגעטיילט בלויז דורך דעם אומדורכדרינגלעכן געהילץ פון די באַלקנס, און איך האָב מאַגיש דערפילט מיט אָנגעשאַרפטע חושים, אַז אויך זיי ביידע דאָרט אונטן זענען אַצינד וואַך, איך האָב געזעען נישט זעענדיק, איך האָב געהערט נישט איינהאָרכנדיק זיך, ווי ער גייט איצט דאָרט אַרום אין זיין צימער הין און צוריק, בעת זי זיצט שטום ערגעץ-ווו, אָדער לויערט אים נאָך אונטערהאָרכנדיק. אָבער איך האָב געשפּירט, אַז זייערע ביידנס אויגן זענען אָפן, און זייער

וואכזיין האָט מיך אַרומגענומען מיט אַ שוידער: דורך אַ קאַשמאַר האָב איך פּלוצלינג דערפילט אויף מיר די משא פון דעם גאַנצן שווערן שטיל-שווייגנדיקן הויז מיט זיינע שאָטנס און פינסטערניש.

איך האָב אַראָפּגעוואָרפן פון מיר די דעקע. מיינע הענט האָבן גע-גליט. ווו בין איך? גאַנץ נאָענט האָב איך שוין געהאַט געשפּירט דעם סוד, איך האָב שוין געפילט זיין הייסן אָטעם אויף מיין פּנים, און אָט האָט ער זיך ווידער דערווייטערט, נאָר זיין שאָטן, זיין שווייגנדיקער נישט-דורכ-זיכטיקער שאָטן, האָט זיך נאָך פליסטערנדיק אַרומגעטראָגן איבערן הויז, שטיל שלייכנדיק זיך ווי אַ קאַץ אויף די שפּיץ נעגל, אָט דערנענטערנדיק זיך און אָט ווידער אָפּשפּרינגענדיק, כסדר מיך באַרירנדיק מיט זיין עלעקטריזירטער פעל און מיך צעטומלענדיק, לעבעדיק וואַרעם און גלייכ-צייטיק געשפּענסטערדיק. און כסדר האָב איך געשפּירט אין דער פינס-טערניש, אָט זיין ווייכן, אַרומנעמענדיקן בליק, און אָט ווידער יענעם אַנ-דערן, דעם שאַרפן, ברענענדיקן און דערשרעקנדיקן פון זיין פרוי. אָבער ווי קום איך צו זייער סוד, וואָס האָבן זיי מיך אוועקגעשטעלט מיט פאַר-בונדענע אויגן אינמיטן פון זייער ליידנשאַפט, וואָס האָבן זיי מיך אַ-ריינגעצויגן אין זייער אומבאַגרייפלעכער מחלוקה און וואַרפן מיר יעדער זיין ברענענדיקע קנויל פון צאָרן און שנאה אין מיינע רעיונות אַריין?

*

דער שטערן האָט מיר נאָך אַלץ געגליט. איך האָב מיך אויפגע-כאַפּט און אַן עפן געטון דאָס פענסטער. אינדרויסן האָט זיך געזעגנט די שטאָט, פרידלעך רוענדיק אונטער אַ זומערדיק פאַרוואָלקנטן הימל. טייל פענסטער זענען נאָך געווען באַלויכטן, אָבער די, וואָס זענען דאָרט הינטער זיי געזעסן, האָט פאַראייניקט אַ שטילער שמועס, האָט דער-וואַרעמט אַ בוך אָדער היימישע מוזיק. און דאָרט, ווו הינטער די ווייסע פענסטער-ראָמען איז שוין געווען פינסטער, דאָרט האָט מסתמא געאָ-טעמט אַ רואיקער שלאָף. איבער די דאָזיקע אַלע פרידלעכע דעכער האָט געשוועבט, פונקט ווי די לבנה אין איר זילבערנעם נעפּל, אַ מילדע רו-איקייט, אַ ווייכע צאַרטע שטילקייט, און די עלף קלעפּ פון דעם טורעם-זייגער זענען אָן שווערקייט אַריינגעפאַלן אין דעם צופעליק האָרכנדיקן אָדער אין חלום פאַרזונקענעם אויער. נאָר איך דאָ אין הויז בין נאָך אַלץ געווען וואַך, בייז אַרומגערינגלט מיט פרעמדע מחשבות. מיין מוח האָט

זיך פיבערהאַפטיק אָנגעשטרענגט צו באַגרייפן דעם דאָזיקן שטילן פּלאָנ־
טער.

פּלוצלינג בין איך דערשראָקן געוואָרן. צי זענען דאָס נישט געווען
קיין טריט אויף די שטיגן? איך האָב איינהאָרכנדיק זיך מיך אויפגע־
זעצט. און ווירקלעך, עס האָט זיך געהערט אַ טאַפּן ווי אין דער פינס־
טער, אַן ארויפגיין אויף שטיגן מיט פאָרזיכטיק צוריקגעהאַלטענע און
אומזיכערע טריט: איך האָב גוט געקענט דאָס דאָזיקע אָכצן און קרעכ־
צן פון אויסגעטערטן האָלץ. נאָר צו מיר קענען קומען די דאָזיקע טריט,
נאָר צו מיר, עס האָט דאָך דאָ אויבן אין דאַך־שטיבל קיינער נישט גע־
ווינט חוץ דער טויבער אַלטער פרוי, וואָס איז שוין לאַנג געשלאָפן און
פלעגט קיינעם נישט אויפנעמען. איז דאָס נישט געווען מיין לערער?
ניין, דאָס איז נישט געווען זיין טומלדיק האסטיקער גאַנג, די דאָזיקע
טריט דאָ האָבן זיך געזוימט און געשלייכט פחדנותדיק, — אָט ווידער
אַמאָל! — ביי יעדער טרעפּ: אַ גנב, אַ פאַרברעכער קאָן זיך אַזוי דער־
נענטערן, נישט קיין פריינט. איך האָב מיך איינגעהאָרכט אַזוי אָנגע־
שטרענגט, אַז עס האָט מיר געקלונגען אין די אויערן. און מיטאַמאָל איז
מיר ווי אַ פראָסט אַריבער איבערן לייב.

דאָס שלאָס האָט שטיל אַ קנאַק געטון: דער אומהיימלעכער גאַסט
האָט שוין געמוזט זיין ביי דער טיר. אַ לייכטער לופט־צוג, וואָס האָט אַ
בלאָז געטון אויף מיינע נאַקעטע פיס־פינגער, האָט געגעבן צו דערקענען,
אַז מען האָט געעפנט די דרויסנדיקע טיר. דעם שליסל אָבער האָט קיי־
נער נישט געהאַט נאָר ער, בלויז ער, מיין לערער. אָבער, אויב ס'זאָל
זיין ער — פאַרוואָס אַזוי שרעקעוודיק, אַזוי פרעמד? צי איז ער באַ־
אומרואיקט געווען, צי האָט ער געוואָלט אַ קוק טון צו מיר? און פאַרוואָס
זוימט ער זיך דאָרט איצט, דער דאָזיקער אומהיימלעכער גאַסט, איינ־
דרויסן אין פאָדערצימער, וואָרום די גנביש זיך שלייכנדיקע טריט זע־
נען מיטאַמאָל ווי פאַרגליווערט געוואָרן. און אויך איך בין פונקט אַזוי
פאַרגליווערט געבליבן פאַר שרעק. איך האָב געוואָלט שרייען, אָבער די
קעל איז מיר געווען פאַרשטאָפּט. איך האָב געוואָלט צוגיין עפענען די
טיר, נאָר די פיס זענען געווען ווי צוגעשמידט צו דער ערד. בלויז אַ דינע
וואַנט האָט זיך נאָך אַצינד געפונען צווישן אונז ביידע, צווישן מיר און
דעם אומהיימלעכן גאַסט, אָבער קיינער פון אונז האָט נישט געמאַכט

קיין טריט איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן.

דאַן האָט אַ קלונג געטון דער גלאָק אויפֿן טורעם: איין קלונג בלויז, אַ פֿערטל אויף צוועלף. דאָס האָט מיך אויפֿגעוועקט פֿון דער פֿאַרגלי־ווערטקייט. איך האָב געטון אַ ריס־אויף די טיר.

און אין דער אמתן, דאָרט איז געשטאַנען מיין לערער, מיט אַ ליכט אין דער האַנט. דער לופֿט־צוג פֿון דער האַסטיק אויפֿגעפּראַלטער טיר האָט אַ בלאָז געטון אויפֿן ליכט, אַזוי אַז דער בלויער פֿלאַם איז אונ־טערגעשפּרונגען אינדערהויך, און הינטער אים האָט זיך ווי אַ שכור אַ וואַקל געטון אַ לאַנגער שאָטן קווער איבער דער וואַנט. אָבער אויך ער האָט, דערזעענדיק מיך, געמאַכט אַ באַוועגונג; ער האָט זיך צוזאַמענגע־קורטשעט ווי אַ מענטש, וואָס כאַפּט זיך דערשראָקן אויף פֿון שלאָף דורך אַ פּלוצלינגן לופֿט־צוג און וויקלט זיך נישט ווילנדיק אַרום מיט דער דעקע. דערנאָך האָט ער זיך האַסטיק צוריקגעצויגן, דאָס ליכט האָט זיך טריפֿנדיק אַ טרייסל געטון אין זיין האַנט.

איך האָב געציטערט טויט דערשראָקן: „וואָס איז אייך?“ האָב איך בלויז געקאָנט אַרויסשטאַמלען. ער האָט מיך אָנגעקוקט שטילשוויי־גנדיק, אויך אים אַפּנים איז דאָס וואָרט געבליבן שטעקן אין דער קעל. ענדלעך האָט ער אַנידערגעשטעלט דאָס ליכט אויף דער קאָמאָדע, און דאָס פֿלעדערמויזיש אַרומפֿלאַטערנדיקע שאָטנשפּיל איבערן צימער איז באַלד איינגעשטילט געוואָרן. לסוף האָט ער אַרויסגעשטאַמלט: „איך האָב געוואָלט.... איך האָב געוואָלט.....“

דאָס קול איז אים ווידער געבליבן שטעקן אין דער קעל. ער איז געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן ווי אַ גנב, וועלכן מ'האָט געכאַפּט ביי דער האַנט. אומדערטרעגלעך איז עס געווען, דאָס דאָזיקע שטיין, איך אין העמד, ציטערנדיק פֿאַר קעלט, ער אַ צוזאַמענגעקורטשעטער, אַ צע־טומלטער פֿאַר חרפּה.

פּלוצלינג אָבער האָט זיך די שוואַכע געשטאַלט אַ טרייסל געטון. ער איז צוגעגאַנגען צו מיר: אַ שמייכל, אַ בייזער, ביטערע, אַ שמייכל, וואָס האָט בלויז אין די אויגן ווילד געפֿונקלט, בעת די ליפּן האָבן זיך פֿעסט צונויפֿגעשנירט, אַ שמייכל, ווי אַן אויסגעשטשירעטע פֿרעמדע מאַסקע, האָט פֿאַרגליווערט געגלאָצט אויף מיר אַ ווײַלע — דערנאָך האָט זיך געלאָזט הערן זיין שטים, שטעכיק ווי אַ שלאַנגענצונג: „איך

האָב אײך בלויז געוואָלט זאָגן... מיר װעלן ליבער געמאַך לאָזן מיטן דו... דאָס... דאָס... פּאַסט זיך נישט צװישן אַ שילער און זײַן לערער... איר פֿאַרשטײט? ס'מוז זײַן אַ דיסטאַנץ... דיסטאַנץ... דיסטאַנץ".

און בשעת מעשה האָט ער מיך אָנגעקוקט מיט אַזױ פֿיל שנאה, מיט אַזאַ באַלײדיקנדיקער, פּנים־שפּײַערישער רשעות, אַז זײַן האַנט האָט זיך אים נישט װילנדיק צונױפֿגעבײלט. איך בין װאַקלענדיק זיך אָפּגעטרעטן אױף צוריק. איז ער משוגע געװאָרן? איז ער געװען שכּור? ער איז געשטאַנען מיט אַ געבײלטער פֿױסט, גלײַך װי ער װאָלט זיך געװאָלט װאַרפֿן אױף מיר אָדער מיך אױספּאַטשן.

אָבער די דאָזיקע פּחדים האָבן געדױערט בלױז אַ רגע, דערנאָך האָט זיך דער װילדער בליק קרום צונױפֿגעקנױלט אין זיך. ער האָט זיך אױסגעדרײט, אַ מורמל געטון עפּעס אַ װאָרט, װאָס האָט געקלונגען װי אַן אַנטשולדיקונג, און װידער גענומען דאָס ליכט. דער אױף דער ערד אױסגעצװײגענער שאָטן האָט זיך װי אַ שװאַרצער, דינסטגרײטער טײַװל װידער אױפֿגעכאַפּט און אָנגעהױבן צו פֿלאַטערן אים פֿאַראױס צו דער טיר. און ער איז אַרױסגעגאַנגען, נאָך אײדער איך בין אימשטאַנד געװען אױסצוגעפֿינען עפּעס אַ װאָרט. די טיר האָט זיך צוריק פֿאַרהאַקט; און װידער האָבן זיך די שטיגן צעקרעכצט אונטער זײַנע שװערע טריט.

*

איך װעל די דאָזיקע נאַכט נישט פֿאַרגעסן; אַ קאַלטער צאָרן האָט זיך װילד געביטן מיט אַן אומבאַהאָלפֿענער, גליענדיקער פֿאַרצװײפֿלונג. װי ראַקעטן האָבן זיך דורכגעטראָגן אין מיר די געדאַנקען, פֿאַרפּלאָנטערנדיק זיך אײנער מיטן אַנדערן. פֿאַרװאָס פֿײַניקט ער מיך, האָט דער װײטיק אין מיר הונדערטער מאָל געפֿרעגט, פֿאַרװאָס האַסט ער מיך אַזױ, אַז ער האָט זיך אינמיטן דער נאַכט ספּעציעל אַרױפֿגעשלײַכט אױבער די שטיגן, בלױז כּדי מיר צו װאַרפֿן אַזאַ באַלײדיקונג אין פּנים אַרײַן? װאָס האָב איך אים געטון, װאָס זאָל איך טון? װי אַזױ זאָל איך אים אײַנשטילן, װיבאַלד איך װײס נישט, מיט װאָס איך האָב אים דערצערנט. איך האָב מיך גליענדיק געװאָרפֿן אױפֿן געלעגער, בין אױפֿגעשטאַנען, מיך װידער אײַנגעגראָבן אונטער דער דעקע: עס איז אָבער כּסדר מיר געשטאַנען פֿאַר די אױגן יענץ געשפּענסטיקע בילד, װי מײַן לערער שלײַכט זיך אַרױף און װערט צעטומלט מיך דערזעענדיק, און הינטער

אים דער דאָזיקער אויסטערלישער, פרעמדער ריזיקער שאָטן אַרומטאַנ־צנדיק אויף דער וואַנט.

בעת איך האָב צומאָרגנס אויפגעוואַכט פון אַ קורצן שוואַכן דרימל, האָב איך מיר תחילת געוואָלט איינרעדן, אַז דאָס איז געווען אַ חלום. אָבער אויף דער קאָמאָדע האָבן נאָך געקלעבט די קיילעכיקע און געלע סטעארין פלעקן, וואָס האָבן אַראָפּגעטריפט פונם ליכט. און ביי דער שאַרפער שיין פונם העל־באַלויכטענעם צימער האָט אין מיין זכרון כסדר אויפגעטויכט דאָס פּחדימדיקע בילד פון דעם גנביש זיך אַרויפשלייכנ־דיקן גאַסט אין דער פאַרגאַנגענער נאַכט.

איך בין דעם גאַנצן פאַרמיטאָג נישט אַרוים פון שטוב. דער גע־דאַנק, אַז איך קאָן מיך מיט אים באַגעגענען, האָט מיר צוגענומען אַלע כחות. איך האָב געפּרוווט צו שרייבן, צו לייענען; ס'האָט זיך גאָרנישט געלאָזט טון. מיינע נערוון זענען געווען אונטערמינירט, יעדע רגע האָבן זיי געקאָנט אויסברעכן אין אַ טרייסלענדיקן קראַמף, אין אַ שלוכצן, אין אַ געברום — האָב איך דאָך מיינע אייגענע פינגער געזען ציטערן, ווי פרעמדע בלעטער אויף אַ בוים און נישט אימשטאַנד געווען זיי איינצו־האַלטן, און די קניען האָבן זיך אונטערגעבראָכן, גלייך ווי זייערע אָדערן וואָלטן געווען דורכגעשניטן. וואָס טון? וואָס טון? ביז צום פאַרמאַטערט ווערן, האָב איך מיר געשטעלט די דאָזיקע פראַגע; דאָס בלוט האָט מיר שוין געזשומעט אין די שלייפן און פאַר די אויגן זענען געפלויגן בלויע פונקען. אָבער נאָר נישט אַרוים פון שטוב, נישט אַרוים, נאָר נישט באַ־געגענען אים פלוצלינג, איידער די נערוון זענען ווידער באַרואיקט. אויפס־ניי האָב איך מיך אַ וואָרף געטון אויפן בעט, הונגעריק, צעטומלט, נישט געוואַשן, פאַרחושכט, און ווידער האָבן מיינע חושים געפּרוווט דורכצו־בליקן דורך דער דינער מויער־וואַנט: ווו זיצט ער אַצינד, וואָס טוט ער, איז ער אויך נישט געשלאָפן פונקט ווי איך, איז ער אויך אַזו פאַרצווייי־פלט ווי איך?

עס איז שוין געוואָרן מיטאָגצייט און איך בין נאָך אַלץ אַ צעטומל־טער געלעגן אויף מיין הייסן געלעגער, ביז איך האָב מיטאַמאָל דער־הערט טריט אויף די טרעפּ. אַלע מיינע נערוון האָבן אָנגעהויבן צו קלינ־גען אויף אַליאַרם. די טריט דערווייל האָבן זיך דערנענטערט לייכט און פריי, שפּרייזנדיק איבער צוויי שטיגן אויף אַמאָל — אָט האָט שוין אַ

האַנט אָנגעקלאַפּט אין טיר. איך בין אויפגעשפּרונגען, אָבער נישט נע־
עפנט: „ווער איז עס?" האָב איך געפרעגט. „פאַרוואָס קומט איר נישט
צום עסן?" האָט זיך געלאָזט הערן די לייכט ברוגזע שטים פון זיין פרוי.
„זענט איר קראַנק?" — „ניין, ניין, האָב איך אַ צעטומלטער געשטאַמלט,
איך וועל באַלד קומען, איך וועל באַלד קומען". און איך האָב שוין נישט
געהאַט קיין אַנדער ברירה, ווי שנעל זיך אָנצוטון און אַראָפּצוגיין. אָבער
איך האָב מיך געמוזט אָנהאַלטן ביים אָנלען פון די שטיגן, אַזוי האָבן
זיך די פיס געוואַקלט אונטער מיר.

איך בין אַריינגעקומען אין עסצימער. פאַר איינעם פון די צוויי
צום טיש געגרייטע פּלעצער האָט געוואַרט מיין לערערס פרוי און מיך
באַגריסט מיט אַ לייכטן פאָרוואורף, וואָס איך וואַרט, ביז מען וועט מיך
רופן. דעם פּראָפעסאָרס פּלאַץ איז געווען ליידיק. איך האָב געפילט ווי
דאָס בלוט קומט מיר אין קאָפּ אַריין. וואָס זאָל באַטייטן די דאָזיקע אומ־
געריכטע אָפּוועזנהייט? צי האָט ער מורא פאַר דער באַגעגעניש מיט מיר
נאָך מער ווי איך אַליין? שעמט ער זיך, אָדער וויל ער שוין פון היינט
אָן נישט זיצן מיט מיר ביי איין טיש? ענדלעך האָב איך מיך אַנטשלאָ־
סן צו פרעגן, אויב דער פּראָפעסאָר וועט נישט קומען צום עסן.

זי האָט מיך אָנגעקוקט דערשטוינט: „ווייסט איר נישט, אַז ער
איז היינט אינדערפרי אַוועקגעפאָרן?" — „אַוועקגעפאָרן", האָב איך אַ־
רויסגעשטאַמלט, „וווהין?", איר פּנים איז באַלד געוואָרן אָנגעשפּאַנט:
„דאָס האָט מיר מיין מאַן נישט באַוויליקט צו זאָגן, מסתמא — ווידער
אויף איינעם פון זיינע געוועלנלעכע אויספלוגן". דערנאָך האָט זי זיך
פּלוצלינג שאַרף אַ קער געטון צו מיר און געזאָגט: „אָבער אַז איר זאָלט
דערפון נישט וויסן? ער איז דאָך נעכטן ביינאַכט ספּעציעל אַרויפגע־
גאַנגען צו אייך — איך האָב גערעכנט, כדי זיך צו געזעגענען.... מאָדנע,
באמת מאָדנע.... אַז ער האָט אייך אויך גאָרנישט געזאָגט".

„מיר" — האָב איך בלויז געקאָנט אויסשרייען. און דער דאָזיקער
געשריי האָט צו מיין גרויסער שאַנד מיטגעשלעפּט אַלדינג, וואָס די לעצ־
טע שעהן האָבן מיר אַזוי אומרחמנותדיק צוגעוואָרפן. פּלוצלינג האָט זיך
ביי מיר פון אינעווייניק אַרויס עפּעס אַ ריס געטון, אַ שלוכצן, אַ יאָ־
מערדיק ברומענדיקער קראַמף — פון דער קעל האָט זיך אַ שיט געטון

א מבול פון אויסגעמישטע ווערטער און געשרייען און זיך צונויפגע־שמאָלצן אין אַן איינציקער צוזאַמענגעפּלאָנטערטער מאַסע פון פאַרצווייפ־לונג; איך האָב אַרויסגעוויינט, גייון, אַרויסגעטרייסלט, אַרויסגעשווענקט מיט דעם היסטערישן שלוכצן אַלע ביז איצט אָנגעזאַמלטע יסורים. מיט די פויסטן ווילד קלאַפּנדיק אין טיש, ווי אַ צערייצט, דערצערנט קינד, דאָס פּנים באַגאָסן מיט טרערן, האָב איך אַרויסגעשריגן פון מיר אַלץ, וואָס האָט שוין וואָכנלאַנג געהאַנגען איבער מיר ווי אַ בייזער שטורעם. און הגם איך האָב דערפילט אַ דערלייכטערונג נאָכן דאָזיקן ליאַרמענדיקן אויסברוך, האָב איך אין דערזעלבער צייט אויך געשפּירט גרענעצלאָזע חרפּה, וואָס איך האָב מיך פאַר איר אַזוי פאַרראַטן.

„וואָס איז מיט אייך! אום גאָטס ווילן!" זי איז אויפגעשפּרונגען אויסער זיך. באַלד אָבער איז זי שנעל צו צו מיר און מיך אוועקגעפירט פון טיש צו דער סאָפע. „לייגט זיך אַנידער! בארואיקט אייך". זי האָט מיר געגלעט די הענט, דעם קאָפּ, בעת מיין לייב פלעגט נאָך כסדר אויפ־צאַפּלען פון אַ געהעשעריי. „פייניקט זיך נישט, ראָלאַנד, — לאָזט זיך נישט פייניקן. איך קען דאָס אַלץ, איך האָב עס פאַראויסגעזען". זי האָט נאָך אַלץ געגלעט מיינע האָר. אָבער מיטאַמאָל איז איר שטים גע־וואָרן האַרט. „איך ווייס אַליין, ווי ער קאָן צעטומלען, קיינער ווייסט עס נישט אַזוי גוט. און גלויבט מיר, איך האָב אייך תמיד געוואָלט וואָר־נען, בעת איך האָב געזען, ווי איר האַלט זיך אַזוי אָן אים, אָן אים, וואָס האָט אַליין נישט אָן וואָס זיך אָנצוהאַלטן. — איר קענט אים נישט, איר זענט בלינד, איר זענט אַ קינד —איר פילט גאָרנישט, אפילו היינט, אפילו היינט נאָך אַלץ נישט. אָדער אפשר האָט איר שוין היינט ענדלעך אָנגעהויבן עפּעס צו פאַרשטיין — דאָס וואָלט געווען בעסער פאַר אים און פאַר אייך".

זי איז געבליבן זיצן וואַרעם איינגעבויגן איבער מיר; ווי פון אַ טי־פענעש אַרויס האָב איך געפילט אירע ווערטער און דאָס ווייטיק־איינשטי־לנדיקע גלעטן פון באַרויקנדיקע הענט. עס איז געווען אַ דערלייכטערונג, ענדלעך, ענדלעך ווידער צו פילן אַ הויך פון מיטלייד, און חוץ דעם ענד־לעך אויך ווידער צו שפּירן נאָענט נעבן זיך אַ צערטלעכע, כמעט מוטער־לעכע פרויען־האַנט. אפשר האָט מיר אויך דאָס געפעלט אַ צו לאַנגע צייט, און בעת איך האָב אַצינד דורכן שלייער פון צער אויפגענומען דאָס מיט־

געפיל פון אַ צערטלענדיקער פרוי, האָט מיך אַרומגענומען אַ ליב געפיל אינמיטן דעם ווייטיק. אָבער ווי האָב איך מיך געשעמט, ווי האָב איך מיך געשעמט מיטן דאָזיקן פאַררעטערישן אויסברוך, מיטן דאָזיקן אונטערגעבן זיך דער פאַרצווייפלונג! און נעגן מיין ווילן האָב איך ווידער אָנגעהויבן יאָמערנדיק אַרויסצושרייען פון מיר, וואָס ער האָט מיר אַלץ געטון — ווי ער האָט מיך אָפּגעשטויסן פון זיך און פאַרפאָלגט און ווידער צוגעצויגן צו זיך, ווי ער איז שלעכט געווען צו מיר אָן אַ סיבה — אַ פּייניקער, צו וועלכן איך בין דאָך געווען צוגעבונדן מיט ליבשאַפט, וועלכן איך האָב ליבנדיק געהאַסט און האַסנדיק ליב געהאַט. איך האָב מיך ווידער אָנגעהויבן אַזוי צו צעהיצן, אַז זי האָט אויפסניי מיך געמוזט באַרואיקן. און ווידער האָבן מיך ווייכע הענט געלאַסן צוגעפירט צו דער סאָפע, פונוואַנען איך בין אַ צעקאָכטער צוריק אויפגעשפּרונגען. ענדלעך האָב איך מיך באַרואיקט. זי האָט געשוויגן מאָדנע פאַרטראַכט: איך האָב געשפּירט, אַז זי האָט אַלדינג פאַרשטאַנען און אפשר נאָך מער ווי איך אַליין.... עטלעכע מינוט האָט געדויערט דאָס דאָזיקע שטילשווייגן. דאַן איז די פרוי אויפגעשטאַנען. „נו — גענוג זיך געמאַכט קינדיש, אַצינד זייט ווידער אַ מאַן. זעצט זיך אַהער צום טיש און עסט. עס איז קיין אומגליק נישט געשען — בלויז אַ מיספאַרשטענדעניש, וואָס וועט זיך אויפקלערן“, און אַז איך האָב מיך נאָך אַלץ אַנטקייגנגעשטעלט, האָט זי שאַרף צוגעגעבן: „עס וועט זיך אויפקלערן, וואָרום איך וועל שוין נישט לענגער דערלאָזן, מען זאָל אייך אַזוי אַרומפירן און צעטומלען. דערצו מוז אַ סוף נעמען, ער מוז זיך ענדלעך אויסלערנען אַביסל זיך צו באַהערשן. איר זענט צו גוט פאַר זיינע אַוואַנטוריסטישע שפּילן. איך וועל מיט אים רעדן, פאַרלאָזט זיך אויף מיר. אַצינד אָבער קומט צום טיש“.

אַ פאַרשעמטער און אָן ווילן האָב איך מיך געלאָזט צוריקפירן צום טיש. זי האָט גערעדט מיט אַ בכיוונדיקער האַסטיקייט און לייכטקייט וועגן גלייכגילטיקע זאַכן, און איך בין איר דאַנקבאַר געווען, וואָס זי האָט נעמאַכט דעם אָנשטעל, גלייך ווי זי וואָלט מיין אומבאַהערשטן אויסברוך פאַרהערט און שוין פאַרגעסן. מאָרגן איז זונטיק, האָט זי מיך צוגערעדט, מאַכט זי צוזאַמען מיטן דאָצענט וו. און זיין כלה אַן אויספלוג צו אַ שכנותדיקער אָזערע, איך זאָל אויך קומען, מיך אַביסל

אויפהייטערן, פון די ביכער זיך באפרייען. מיין גאנצע שלעכטע שטימונג ווייזט נאר אויף אן איבערגעארבעטקייט און אנגעשטרענגטקייט פון די נערוון; וויבאלד איך וועל מיך נאר אביסל אויסבאדן אדער א שפאציר מאכן, וועט דער קערפער גלייך צוריקגעווינען זיין גלייכגעוויכט.

איך האב צוגעזאגט צו קומען. אלץ טון, נאר נישט קיין איינזאמקייט, נאר נישט זיין אליין אין מיין צימער, נאר פריי ווערן פון די דאזיקע פינסטער ארומפויזענדיקע מחשבות. „און היינט נאכמיטאג בלייבט אויך נישט אינדערהיים! גייט שפאצירן, לופטערט זיך דורך, ווילט זיך אביסל!" האט זי מיך צוגערעדט. „מאדנע", האב איך מיר געטראכט, „ווי זי טרעפט אזוי מיינע אינערלעכסטע געפילן, ווי זי, וועלכע איז מיר סוף כל סוף א פרעמדע, ווייסט, וואס מיך קוועלט און וואס איך באדארף, בעת ער, דער מיר נענטערער, פארשטייט מיך נישט און פייניקט מיך."

איך האב איר דאס אויך צוגעזאגט. און אויפהויבנדיק צו איר מיין דאנקבארן בליק, האב איך דערזעען א ניי פנים: דאס תמיד שפאטישע און שטיפערישע, וואס פלעגט זי ענלעך מאכן צו א חוצפהדיק, פארשייט יינגל, איז אצינד צעשמאלצן געווארן אין א ווייכן מיטפילנדיקן בליק. איך האב זי נאך קיינמאל נישט געזעען אזא ערנסטע. „פארוואס קוקט ער קיינמאל נישט אויף מיר מיט אזא גוטסקייט?" האב איך געטראכט מיט בענקשאפט, „פארוואס פילט ער נישט קיינמאל, אז ער פארשאפט מיר ווייטיק? פארוואס האט ער קיינמאל נישט באריהרט מיט אזא צערטלעכקייט מיינע האר, מיינע הענט?" מיט דאנקבארקייט האב איך געקושט אירע הענט, וועלכע זי האט אומרואיק כמעט מיט כוח צוריקגעצויגן. „פייניקט זיך נישט", האט זי נאכאמאל איבערגעחזרט מיט א פארטרוילעכער שטים.

באלד אבער האבן אירע ליפן ווידער באקומען א הארטן אויסדרוק; שטרענג אויסגלייכנדיק זיך, האט זי שטיל א זאג געטון: „גלויבט מיר, ער פארדינט עס גארנישט".

און דאס דאזיקע ווארט, וואס איז קוים הערבאר ארויסגעפליסטערט געווארן, האט ווידער דערוועקט א ווייטיק אין דעם כמעט שוין בארויקטן הארץ.

*

דאס, וואס איך האב אין יענעם נאכמיטאג און אין אוונט אפגעטון,

זעט אויס אזוי לעבערלעך און קינדיש, אז איך האָב מיך יאָרנלאַנג גע־שעמט צו טראַכטן דערפון — עפּעס ווי אַן אינערלעכע צענזור וואָלט נישט דערלאָזט קיין שום דעראינערונג וועגן דעם. היינט אָבער שעם איך מיך שוין נישט מיט יענע אומגעשיקטע שטותים — פאַרקערט, איך פאַרשטיי אַצינד זייער גוט דעם אומגעצוימטן, צעטומלטן ליידנשאַפט־לעכן בחור, וואָס האָט מיט אַלע כחות געוואָלט פאַרטויבן אין זיך די איינענע אומזיכערקייט פון זיין געפיל.

איך זע מיך אַליין ווי ביים סוף פון אַן אומגעהויער לאַנגן קאָרידאָר, ווי דורך אַ טעלעסקאָפּ: דעם צעטראָגענעם, פאַרצווייפלטן יונגנמאַן, וואָס קומט אַרויף אין זיין צימער און ווייסט נישט, וואָס ער זאָל מיט זיך מאַכן. ווי ער טוט זיך פלוצלינג אָן דעם מאַנטל, באַמיט זיך אַרויס־צוברענגען פעסטע, אַנטשלאָסענע באַוועגונגען און לאָזט זיך ענדלעך מיט האַסטיקע, ענערגישע טריט אויף דער גאַס אַרויס. יאָ, דאָס בין איך, איך דערקען מיך, איך געדענק יעדן געדאַנק פון דעם דאָזיקן נאַרישן, צעווייטיקטן יונגנמאַן פון דעמאָלט, איך געדענק: איך האָב מיך פּלוצ־לינג געטון אַ גלייך אויס, זיך געשטעלט אַפילו פאַרן שפּיגל, און גע־זאָגט: „איך פייף אויף איר! כאַפּט איר דער טייוול! וואָס פייניק איך מיך צוליב דעם אַלטן נאַר! זי איז גערעכט: לוסטיק זיין, זיך פאַרווייַ־לן! געגאַנגען!"

אָט אַזוי בין איך דעמאָלט אַרויס אויף דער גאַס. דאָס איז געווען אַ האַסטיקער שטויס, כדי מיך צו באַפרייען — און אויך אַ לויפן, אַ פּחדניש אַנטלויפן פאַרן באַוווּסטזיין, אַז די דאָזיקע פרייִלעכע אַנטשלאָסנ־קייט איז גאָרנישט אַזוי פרייִלעך און אַז דאָס שווערע שטיק אייז דריקט מיר נאָך דאָס האַרץ פּונקט אַזוי ווי פריער. איך געדענק נאָך ווי אַזוי איך בין געגאַנגען, דעם שווערן שטעקן פעסט האַלטנדיק אין דער האַנט, שאַרף אָנקוקנדיק יעדן פאַרבייגייענדיקן סטודענט. עס האָט אין מיר גע־בושעוועט אַ געפערלעכער חשק אָנצוהויבן מיט עמעצן אַ מחלוקה, אויס־צולאָזן צום ערשטן בעסטן, וואָס וועט מיר קומען אין וועג אַריין, דעם כעס, וואָס האָט אין מיר אַרומגעברויזט אָן אַן אויסגאַנג. אָבער צום גליק האָט זיך קיינער נישט אומגעקוקט אויף מיר. האָב איך מיך דעריבער גע־לאָזט גיין צום קאַפע־הויז, וו עס פלעגן על פּי רוב זיצן מיינע חברים פון סעמינאַר, מיט דער כוונה זיך אָנידערצוזעצן אומגעבעטענערהייט ביי־

זייער טיש און דאָס מינדסטע שטאָכוואָרט אָננעמען פאַר אַן אויסרייד
צו אַ פּראָוואָקאַציע. נאָר ווידער האָבן זיך מיינע קריגערישע פּלענער
אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט — צוליבן שיינעם וועטער האָבן זיך ס׳רוב
חברים אוועקגעלאָזט אויף אויספלוגן, און די צוויי אָדער דריי, וואָס זע־
נען געזעסן צוזאַמען, האָבן מיך העפלעך באַגריסט און נישט געגעבן מיין
פיבערהאַפטיקער צערייצטקייט קיין מינדסטע סיבה צו אַ קריגעריי. אַן
אומצופרידענער בין איך באַלד אויפגעשטאַנען און אַוועק אין אַן אומ־
צווייידייטיקן לאָקאַל אין דער פאָרשטאָט, וווּ עס איז געווען אַן אָנגעלויף
פון דעם קליינשטעטלדיקן פעבל, וואָס האָט זיך געווילט ביי דער שריי־
ענדיקער מוזיק פון אַ דאַמען־אָרקעסטער, צווישן ביר און רויך. איך האָב
האַסטיק אויסגעטרונקען אַ צוויי, דריי גלעזער, איינגעלאַדן צו מיין
טיש אַ פרויענצימער פון לייכטער אויפפירונג און איר פריינדין, אויך אַ
געשמינקטע און אויסגעדאַרטע קאָקאָטע, און האָב געהאַט אַ קרענקלע־
כע הנאה, וואָס איך וואָרף מיך אַזוי אין די אויגן מיט מיין משונהדיקער
אויפפירונג. יעדער אין דער דאָזיקער קליינער שטאָט האָט מיך געקענט,
יעדער האָט געוווּסט, אַז איך בין דעם פּראָפעסאָרס תלמיד; יענע פרוי־
ען ווידער האָבן מיט זייער פאַרשייטער קליידונג און אויפפירונג נישט
איבערגעלאָזט וועגן זיך קיין צווייפל — האָב איך מיך אַלזאָ געקוויקט
מיט דער נאַרישער און פאַלשער הנאה, וואָס איך קאָמפּראָמעטיר מיך
און דערמיט אויך (ווי איך האָב אין מיין שטות געמיינט) אים; זאָל מען
זעען, האָב איך מיר געטראַכט, אַז איך פייף אויף אים, אַז איך מאַך מיר
גאָרנישט פון אים — און פאַר אַלעמען אין די אויגן האָב איך מיך גע־
חנדלט צו דער דיק־ביוסטיקער פרויענצימער אויפן טאַקטלאָזסטן, אומ־
פאַרשעמטסטן אופן. עס איז געווען אַ מין שכרות פון ווילדן כעס און
באַלד טאַקע אַן אמתע שכרות, וואָרום מיר האָבן ווילד געטרונקען אַלץ
אויסגעמישט מיטאַנאַנדער, ווײַן, שנאַפּס, ביר און מיר האָבן אַזוי צע־
לאָזן אַרומגעצאַפּלט, אַז די שטולן האָבן זיך איבערגעקערט און די
שכנים האָבן זיך פאָרזיכטיק אָפּגערוקט. אָבער איך האָב מיך גאָרנישט
געשעמט, פאַרקערט: זאָל ער זיך דערוויסן, האָב איך נאָר געטראַכט מיט
כעס, זאָל ער זעען, אַז ער גייט מיך גאָרנישט אָן, הע, איך בין גאָרנישט
טרויעריק, נישט צעווייטיקט — פאַרקערט: „ווייַן אַהער, ווייַן!‟ האָב
איך אַ זעץ געטון מיט דער פויסט איבערן טיש, אַז די גלעזער האָבן גע־

ציטערט. דערנאָך האָב איך מיך געלאָזט גיין מיט ביידע, איינע ביי דער רעכטער זייט, די אַנדערע ביי דער לינקער, קווער דורך דער הויפּט־גאַס, וווּ עס פלעגן זיך אַלעמאָל אַרום ניין אַזייגער אַרויסלאָזן סטודענטן מיט מיידלעך, בירגער און מיליטערלייט אויף אַ שטילן שפּאַצירגאַנג. אַ זיך וואַקלענדיק, פאַרשמוציקט טריא האָבן מיר אַזוי הויך געליאַרעמט אויפן סאַמע מיטן פאָרוועג, אַז אַ דערבייזערטער פּאָליציימאַן איז ענדלעך צוגעקומען און ענערגיש געפאָדערט, מיר זאָלן זיך פאַרהאַלטן רואיק. וואָס עס איז דערנאָך געשען, בין איך שוין נישט אימשטאַנד גענוי צו שילדערן — אַ שאַרפער טשאַד פאַרנעפּלט מיר די ווייטערדיקע דערינערונג, איך געדענק בלויז, אַז דערפילנדיק ענדלעך אַן עקל צו די ביידע שכורע פרויענצימער און קוים ווייסנדיק, וואָס מיט מיר טוט זיך, האָב איך מיך פון זיי אויסגעקויפט. דערנאָך האָב איך נאָך געטרונקען ערגעץ קאַווע מיט קאָניאַק און געהאַלטן פאַר דעם אוניווערזיטעט־בנין אַ פייערדיקע דרשה געגן די פּראָפעסאָרן צו דער גרויסער שמחה פון די פון אַלע זייטן אָנגעלאָפענע יונגעלייט. דערנאָך, געפירט פון אַ טעמפּן אינסטינקט מיך נאָך מער צו באַשמוצן און אים — אַן אומזיניקער געדאַנק פון אַ ווילד ליידנשאַפטלעכן צאָרן! — אָנצוטון אַ צולהכעיס, האָב איך געוואָלט גיין אין אַן עפנטלעך הויז, אָבער איך האָב שוין נישט געקאָנט טרעפן דעם וועג און בין ענדלעך וואַקלענדיק זיך אַהיימגעגאַנגען אַן אומצופרידענער. דאָס טויער אויפצושליסן איז פאַר מיינע ציטערנדיקע הענט געווען אַ זייער שווערע אַרבעט, מיט גרויס מי האָב איך מיך אַרויפגעשלעפּט אויף די ערשטע טרעפּ.

אָבער פאַרבייגייענדיק פאַר זיין טיר, האָט זיך פון מיר מיטאַמאָל אָפּגעטון די גאַנצע שכרות, גלייך ווי איך וואָלט פלוצלינג אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ אין אייז־קאַלטן וואַסער. מיטאַמאָל אויסגעניכטערט, האָב איך מיין אייגענער אָנמעכטיק צעווילדעוועטער שטותעריי אַריינגעקוקט אינם אויסגעקרימטן פּנים אַריין. איך האָב מיך צוזאַמענגעקורטשעט פאַר חרפּה. און שטיל, קריכעריש ווי אַ געשלאָגענער הונט, אַזוי אַז עס זאָל מיך קיינער נישט דערהערן, האָב איך מיך אַרויפגעשאַרט צו מיר אין צימער אַריין.

*

איך בין געשלאָפן ווי אַ דערהרגעטער; ווען איך בין אויפגעקומען,

האָבן די זון־שטראַלן שוין געהאַט פאַרגאָסן דעם גאַנצן באָדן אין צימער און זיך פאַמעלעך אויפגעהויבן ביז צום בעט־ראַנד. איך בין האַסטיק אַראָפּגעשפּרונגען פון געלעגער. אינם ווייטיקדיקן קאָפּ איז ביסלעכווייז אויפגעשווומען אַ דעראינערונג וועגן דעם נעכטיקן אָוונט; אָבער איך האָב פאַריאָגט די בושה, איך האָב מיך נישט געוואָלט שעמען. דאָס איז ער דאָך שולדיק געווען, האָב איך מיר באַמיט איינצורעדן, נאָר ער אַליין איז דערין שולדיק, וואָס איך האָב מיך אַזוי צעהוליעט. איך האָב מיך באַרואיקט, אַז דאָס, וואָס איך האָב נעכטן אָפּגעטון, איז בלויז אַ מין סטודענטישער שפּאַס, אויף וועלכן עס מעג זיך דערלויבן איינער, וואָס האָט וואָכנלאַנג נישט געוווּסט פון קיין אַנדערער זאַך, אויסער אַרבעט און אַרבעט; אָבער עס איז מיר גאָרנישט לייכטער געוואָרן פונם דאָזיקן פאַרענטפערן זיך פאַר מיר אַליין, און שטאַרק נידערשלאָגן בין איך אַראָפּגעגאַנגען צו מיין לערערס פרוי, האַלטנדיק דעם געגעבענעם צוזאָג אַנטייל צו נעמען אין דעם אויספלוג.

מאָדנע: ווי נאָר איך האָב באַרירט די קליאַמקע פון זיין טיר, איז ווידער אויפגעשווומען פאַר מיר זיין נעכטנוואָרט, און צוזאַמען דערמיט אויך יענער ברענענדיקער, אומזיניק בויערנדיקער ווייטיק, יענע ווילדע פאַרצווייפלונג. איך האָב שטיל אָנגעקלאַפּט, זיין פרוי איז מיר אַנטקעגנגעקומען מיט אַ מערקווירדיק ווייכן בליק: „וואָס טוט איר עס אָפּ פאַר אַ נאַרישקייטן, ראָלאַנד?" האָט זי געזאָגט, אָבער גיכער מיט מיטלייד ווי מיט אַ פאָרוואורף. „פאַרוואָס פּייניקט איר זיך אַזוי!" איך בין געבליבן שטיין פאַרבליפט: הייסט עס, זי האָט שוין אויך געהערט פון מיינע שטותערייען. נאָר זי האָט מיך באַלד אַרויסגעפירט פון דער פאַרלעגנהייט: „נו, היינט וועלן מיר זיך שוין אויפפירן אָרנטלעך. צען אַזייגער קומט דער דאַצענט וו. מיט זיין כלה, וועלן מיר אַרויספאָרן און זיך שיפן און שווימען און זיך אַרויסשלאָגן די נאַרישקייטן פון קאָפּ". איך האָב מיך נאָך איינגעשטעלט אומדרייסט צו פרעגן די נישט נויטיקע שאלה, צי דער פּראָפעסאָר איז שוין צוריקגעקומען. זי האָט מיך אָנגעקוקט און גאָרנישט געענטפערט, איך האָב דאָך אַליין געוווּסט, אַז די פראַגע איז אַן אומזיסטע.

פּינקטלעך צען אַזייגער איז אָנגעקומען דער דאָצענט, אַ יונגער פּיזיקער, אַ ייד, וועלכע איז צוליב זיין יידישקייט אינגאַנצן געווען אי־

זאַלירט פון דער אַקאַדעמישער געזעלשאַפט, איינגנטלעך דער איינציקער, וואָס פלעגט מיט אונז אָפּגעזונדערטע פאַרקערן; מיט אים איז מיטגעקומען זיין כלה, אַדער גיכער אַפּנים זיין געליבטע, אַ יונג מיידל, וואָס האָט נישט צוגעמאַכט דאָס מויל פון לאַכן, תמימותדיק און אַביסל נישט איבערגעשפּיצט, און דעריבער טאַקע די בעסטע געזעלשאַפט פאַר אַזעלכע אימפּראָוויזירטע עקסקורסיעס. מיר זענען, כסדר עסנדיק, פּלוידערנדיק און לאַכנדיק, געפאָרן צוערשט מיט דער באַן צו אַ נאָענטער נישט גרויסער אָזערע, און די וואָכנלאַנגע אָנגעשטרענגטע ערנסטקייט האָט מיך אַזוי געהאַט אָפּגעוווינט פון פריילעכער באַרעדעוודיקייט, אַז שוין די דאָזיקע איינע שעה האָט מיך פאַרשכורט ווי אַ לייכטער רייצנדיקער וויין. באמת, דורך זייער קינדיש־שטיפעריש פאַרהאַלטן זיך איז זיי געלונגען צו פאַרטרייבן מיינע מחשבות פון דער פינסטער זיך ראָיענדיקער נעסט, ארום וועלכער זיי פלעגן זשומענדיק תמיד זיך אַרומדרייען. און ווי נאָר איך האָב, אַרויסקומענדיק הינטער דער שטאָט, ביי אַ צופעליקן וועט־לויף מיט דעם יונגן מיידל ווידער דערשפּירט מיינע מוסקולן, בין איך ווידער געוואָרן דער פלינקער, זאָרגלאָזער בחור ווי פריער.

ביי דער אָזערע האָבן מיר גענומען צוויי רודער־שיפלעך, מיין לערערס פרוי האָט געשטייערט מיין שיפל, אין דעם אַנדערן איז דער דאָצענט מיט זיין פריינדין געזעסן ביים רודער. און ווי נאָר מיר זענען אָפּגעשוווּמען פון ברעג, איז אונז באַפאַלן דער חשק אַריבערצוויאָגן איינער דעם אַנדערן, וואָס דאָס איז גראַד אויסגעפאַלן נישט גינסטיק פאַר מיר, ווייל בעת יענע האָבן גערודערט זאַלבע צווייט, האָב איך געמוזט איינער אַליין קעמפן געגן זיי ביידע; אָבער אַראָפּוואַרפנדיק פון מיר דאָס רעקל, האָב איך, אַ געלערנטער אַטלעט אינם דאָזיקן ספּאָרט, מיט אַזאַ כוח מיך אַ נעם געטון צו די רודערס, אַז איך האָב דורך שטאַרקע קלעפּ כסדר זיך געגליטשט פאָראויס פאַרן שכנישן שיפל. עס האָט אָן אויפהער געהאַגלט הין און צוריק מיט אויפהיצנדיקע שפּאַט־ווערטלעך, איינער האָט זיך גערייצט מיטן אַנדערן, און נישט קוקנדיק אויף דער גליענדיקער יוליהיץ, גלייכגילטיק צו דעם שוויים, וואָס האָט זיך פון אונז שרעקלעך געגאָסן, האָבן מיר געהאָרעוועט, ווי קאַטאָרגע־פאַרברעכער, וועלנדיק אַריבעריאָגן איינער דעם אַנדערן. ענדלעך האָבן מיר זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צום ציל, אַ קליינער וואַלדיקער ערד־פּאַס ביי דער אָזערע: מיר

האָבן זיך נאָך מיט מער ברען אַ נעם געטון צו דער אַרבעט, און צו דער גרויסער שמחה פון מיין מיטפּאַרטיין, וועלכע איז אַליין אויך מיטגע־ריסן געוואָרן פונם וועט־שפּיל, האָט אונזער שיפל צוערשט זיך אָנגע־שלאָגן אָן ברעג.

איך בין אַרויס פון שיפל, אַ דערהיצטער, באַגאָסן מיט שווייס, פאַר־שכורט פון דער זון, פון דעם צעברויזטן בלוט, פון דער שמחה צוליבן דערפאָלג: דאָס האַרץ האָט מיר געקלאַפּט ווי מיט האַמערס, די מלבושים האָבן פאַרשוויצט געקלעבט צום לייב. דער דאָצענט האָט אויך נישט אויס־געזען בעסער, און אנשטאָט מען זאָל אונז פאַרביסענע קעמפער, לויבן, האָבן די שטיפערישע פרויען חוזק געמאַכט פון אונז צוליב אונזער סאָפּען און צעיאַכמערטן אויסזען. ענדלעך האָבן זיי אונז געגעבן צייט זיך אָפּ־צוקילן; מיט שפּאַסיקע ווערטלעך זענען אימפּראָוויזירט געוואָרן צוויי אָפּטיילונגען, אַ מענער־ און אַ דאַמענבאָד — רעכטס און לינקס פונם געשטרייך. מיר האָבן שנעל אָנגעטון די שווים־קליידער, הינטערן גע־שטרייך האָבן אַ פינקל געטון ווייסע וועש און נאַקעטע אָרעמס, און בעת מיר האָבן זיך אַלץ געגרייט, זענען שוין דיביידע פרויען געווען אין וואַסער און זיך הנאהדיק געפּליעסקעט. דער דאָצענט, וואָס איז געווען ווייניקער פאַרמאַטערט פאַר מיר, איז זיי באַלד נאָכגעשפּרונגען, ביי מיר אָבער האָט נאָך דאָס האַרץ האַסטיק געקלאַפּט, האָב איך מיך דעריבער באַקוועם אויסגעצויגן אין שאָטן און מיט הנאה אַרויפגעקוקט צו די פאַר־בייציענדיקע וואָלקנס, קווייקנדיק זיך מיטן זיסן זשומען פון מידקייט אינם אַרומברויזנדיקן בלוט.

אָבער אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זיך דערהערט אַ שטורמיש רופן פון וואַסער אַרויס: „ראָלאַנד, אַהער! אַ שווים־געוועט! אַ שווים־פּרעמיע! אַ טויכער־פּרעמיע!” איך האָב מיך נישט גערירט פון אָרט: איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז איך וואָלט אימשטאַנד געווען אַזוי אָפּצו־ליגן טויזנט יאָר, די הויט אָנגענעם בראָטנדיק אונטער די אַראָפּטריפנדי־קע זון־שטראַלן און גלייכצייטיק געקילט דורך דער צאַרט־גלעטנדיקער לופט. אָבער עס האָט זיך ווידער דערטראָגן אַהער מיט אַ געלעכטער די שטים פונם דאָצענט: „ער שטרייקט! מיר האָבן אים אינגאַנצן געפּטרט! ברענגט אים דאָ אַהער דעם פוילענצער!” און ווירקלעך, איך האָב באַלד דערהערט אַ דערנענטערנדיק זיך פּליעסקען און דערנאָך גאַנץ נאָענט איר

שטים: „ראָלאַנד“ אַהער! אַ שווים־געוועט! מיר מוזן זיי ביידע ווייזן!“ איך האָב נישט געענטפערט, עס האָט מיר הנאה געטון מיך צו לאָזן זוכן. „וווּ זענט איר ערגעץ?“ באַלד האָבן די זאַמד־שטיינדלעך אָנגעהויבן צו קריצן, איך האָב געהערט נאָענטע טריט זוכנדיק אַרומלויפן איבערן ברעג, און פּלוצלינג איז זי געבליבן שטיין פאַר מיר, דאָס נאַסע שווים־קלייד שטייף אָנגעצויגן אַרום דעם יינגליש־שלאַנקן קערפּער. „ דאָ זענט איר. אַך, ווי פויל! אָבער אַצינד — געגאַנגען, פוילענצער, יענע דאָרט זענען שוין כמעט אויף דער צווייטער זייט ביי דער אינזל.“ איך בין הנאהדיק געלעגן אויפן רוקן און פויל מיך אויסגעצויגן: „דאָ איז אַ סך בעסער. איך וועל שפּעטער צוקומען.“

„ער וויל נישט“, האָט זי לאַכנדיק טראָמייטערט דורך דער אויסגעהוילטער האַנט אין דער ריכטונג צום וואַסער. „אַהער דאָ מיט דעם באַרימער!“ האָט צוריק געהילכט פונדערווייטנס דעם דאָצענטס שטים. „אַלזאָ קומט“, איז זי צו מיר צוגעשטאַנען אומגעדולדיק, „בלאָמירט מיך נישט.“ אָבער איך האָב בלויז פויל אַ געגעץ געטון. דאָ האָט זי שפּאַסנדיק און צוגלייכער צייט דערבייזערט אָפּגעריסן אַ רוט פונם געשטרייך. „געגאַנגען!“ האָט זי ענערגיש איבערגעחזרט און מיר אַ שמיץ געטון איבערן אָרעם. איך בין אויפגעשפּרונגען: דער שמיץ איז געווען שאַרף, אַ דינער צייכן ווי פון בלוט איז רויט אויפגעלאָפן איבער מיין אָרעם. „אַצינד ערשט דווקא נישט“, האָב איך אַ זאָג געטון, אויך אין שפּאַס און גלייכצייטיק אַביסל דערבייזערט. אָבער זי האָט שוין אויף אַן אמת אין כעס באַפוילן: „קומט! די מינוט!“ און אַז איך האָב אויס עקשנות מיך נישט גערירט פון אָרט, האָט זי נאָכאַמאָל אַ שמיץ געטון און אַצינד שוין שאַרפער און ברענענדיקער. איך בין האַסטיק אויפגעשפּרונגען אַ דערצאָרנטער, כדי איר די רוט אַרויסצורייסן, זי האָט זיך צוריקגעצויגן, איך האָב זי אָנגעכאַפּט ביים אָרעם. נישט ווילנדיק האָבן זיך בשעתן געראַנגל איבער דער רוט אונזערע האַלב נאַקעטע קערפּערס נאָענט אָנגערירט איינער אָן אַנדערן. און בעת איך האָב אַ כאַפּ געטון איר אָרעם און אַרונטערגעדרייט דאָס געלענק, כדי זי צו צווינגען אַרויסצולאָזן די רוט, און זי האָט אין אָפּוועך וויט זיך צוריקגעבויגן, האָט עפּעס פּלוצלינג אַ קנאַק געטון — דער אַקסל־באַנד פון איר שווים־קלייד האָט זיך איבערגעריסן, דער לינקער צודעק האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון איר אַנטבלויזטן בו־

זעם, פארשטייפט און רויט האָט מיר אַ שימער געטון פאַר די אויגן דער ווורצל פון איר ברוסט. נישט ווילנדיק האָב איך געוואָרפן אַהין אַ בליק, איין רגע בלויז, אָבער איך בין צעטומלט געוואָרן: ציטערנדיק און פאַר־שעמט האָב איך אָפּגעלאָזט איר ארומגעקלעמטע האַנט. זי האָט אַ פאַר־רויטלטע זיך אויסגעדרייט, כדי מיט אַ האָרנאָדל צו פאַרריכטן אויף דערהוייל די צעריסענע אקסל־באַנד. איך בין געבליבן שטיין און נישט געוווסט, וואָס צו זאָגן. זי האָט אויך געשוויגן. און פון דער דאָזיקער רגע אָן איז אַנטשטאַנען אַ שווערע, שטיקנדיקע אומרואיקייט צווישן אונז ביידע.

*

„האלאָ... האלאָ... ווו זענט איר?" — שוין פון גאָר נאָענט ביי דער קליינער אינזל האָבן אריבערגעהילכט אַהער די קולות. „איך קום באַלד", האָב איך האַסטיק אָפּגעענטפערט, און צופרידן מיט דער גע־לעגנהייט אויסצומיידן אַ נייַ צעטומלעניש, האָב איך מיך מיט איין שפרונג אַ וואַרף געטון אין וואַסער אריין. אַ פאַר מאָל זיך אונטערטיקן, דאָס הנאהדיקע געפיל פון זיך־אליין־פאַראויס באַוועגן, די לויטערקייט און קילקייט פון דעם עלעמענט איז גענוג געווען, אַז דאָס געפערלעכע ברויזן און צישן אין מיין בלוט זאָל האַסטיק אַוועקגעשווענקט ווערן דורך אַ שטאַרקערער, לויטערער הנאה. איך האָב יענע ביידע באַלד דעריאָגט און ארויסגערופן דעם שוואַכלעכן דאַצענט אויף אַ געוועט, אין וועלכן איך האָב ווידער געזיגט. מיר זענען צוריקגעשווומען צום שמאָלן ערד־פאַס, ווו דעם פּראָפעסאָרס פרוי האָט אויף אונז געוואַרט שוין אָן אָנגע־טוענע און מיר האָבן לוסטיק זיך אַ נעם געטון ארויסצוליייגן דאָס מיט־געבראַכטע עסנוואַרג פון די קערבלעך און איינצואָרדנען אַ פיקניק אויף דער פרייער לופט. נאָר הגם דער שמועס צווישן אונז פיר איז געווען שטיפעריש דורכגעפלאָכטן מיט הלצהלעך, האָבן מיר ביידע נישט ווילנ־דיק דאָך אויסגעמיטן דירעקט זיך צו ווענדן איינער צום אַנדערן מיט אַ וואָרט: מיר האָבן גערעדט, מיר האָבן געלאַכט עפעס אַזוי ווי מן הצד. און אַז אונזערע בליקן פלעגן זיך באַגעגענען, האָבן זיי זיך, ווי גלייכצייַ־טיק באַפאַלן פונם זעלבן געפיל, האַסטיק אויסגעמיטן: די פיינלעכקייט פון יענער פאַסירונג איז נאָך נישט געווען פאַרביי, און יעדער פון אונז

האָט געשפּירט דעם אַנדערנס דעראינערונג מיט אַ פאַרשעמטער אומרו־איקייט.

דער נאָכמיטאָג איז דערנאָך שנעל אַריבער מיט אַ נייעם אַרויספאָר אויף די שיפלעך. אָבער די היציקייט פון דער ספּאָרטלעכער ליידנשאַפט האָט וואָס אַמאָל מער זיך אונטערגעגעבן אַן אַנגענעמער מידקייט: דער ווינט, די היץ, די איינגעזויגענע זון־שטראַלן האָבן זיך וואָס אַמאָל טיפער אַריינגעפילטערט אין בלוט און אים צוגעגעבן אַ האַסטיקערן לויף. דער דאָצענט און זיין פריינדין האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צו דערלויבן קליינע אינטימלעכקייטן, וואָס האָבן ביי אונז אַרויסגערופן אַ געוויסע פיינלעכ־קייט, זיי האָבן זיך צוגערוקט וואָס אַמאָל נענטער צואַנאַנדער, בעת מיר האָבן וואָס אַמאָל שרעקעוודיקער אָפּגעהיטן די דיסטאַנץ צווישן אונז; אָבער דער פּאָרלעך־כאַראַקטער האָט זיך נאָך בולטער אויסגעפּאָרעמט דורך דעם, וואָס יענע צוויי האָפערדיקע יונגע מענטשן האָבן זיך באַ־מיט צו בלייבן הינטערשטעליק אויפן וואַלד־וועג, משמעות כדי זיך אומ־געשטערט צו קושן, און בעת מיר זענען געבליבן אַליין, האָט ווידער עפּעס אַ זשעניר־טקייט כסדר פאַרהאַלטן אונזער שמועס. ענדלעך זענען מיר אַלע פיר געווען צופרידן, וואָס מיר געפינען זיך ווידער אין צוג, יע־נע אין פאָרגעפיל פונם חתן־כלה אָוונט, מיר, כדי פּטור צו ווערן פון דער פיינלעכער סיטואַציע.

דער דאָצענט און זיין פריינדין האָבן אונז באַגלייט אַהיים. איבער די שטיגן זענען מיר אַרויף אַליין; ווי נאָר איך בין אַריין אין הויז, האָב איך ווידער באַלד דערשפּירט אַ פיינלעכן, בענקשאַפטלעכן באַגער נאָך זיין געגנוואָרט. „הלוואי זאָל ער שוין זיין צוריק!“ איז מיר דורך אַן אומ־געדולדיקער געדאַנק. און פּונקט ווי זי וואָלט דעם דאָזיקן שטומען זיפץ מיר אַראָפּגעלייענט פון די ליפּן, האָט זי אַ זאָג געטון: „לאָמיר נאָר זעען, צי ער איז שוין צוריקגעקומען.“

מיר זענען אַריין אין שטוב. אין דער וווינונג האָט געהערשט אַ שטילקייט. אין זיין צימער איז אַלץ געשטאַנען ווי פאַריתומט: נישט ווילנדיק האָט מיר מיין צעברויזט געפיל אויסגעמאָלט אין דער ליידיקער שטול זיין איינגעבויגענע, טראַגישע געשטאַלט. אָבער די בלעטער זענען געלעגן נישט באַרירטע, וואַרטנדיק פּונקט ווי איך. און דאָן איז מיך ווי־דער באַפאַלן אַ כעס: פאַרוואָס איז ער אַנטלאָפן, פאַרוואָס האָט ער מיך

איבערגעלאָזט אַליין? וואָס אַמאָל שאַרפער האָט דער אייפערזיכטיקער צאָרן מיר צונויפגעפּרעסט די קעל, ווידער האָט מטושטשדיק געברויזט אין מיר יענער נאַריש פאַרפלאָנטערטער חשק אים אָפּצוטון עפּעס אַ בייזע, פּיינטלעכע זאַך.

די פרוי איז מיר נאָכגעגאַנגען. „איר וועט דאָך דאָ פאַרבלייבן צום אָוונט־עסן? איר דאַרפט היינט נישט זיין אַליין.“ פונוואַנען האָט זי געוווּסט, אַז איך שרעק מיך פאַר מיין לײדיקן צימער, פאַר דעם סקריפּען פון די שטיגן, פאַר דעם גריבלערישן נאָכטראַכטן: זי האָט תמיד אַלץ משער געווען אין מיר, יעדן נישט אַרויסגעזאָגטן געדאַנק, יעדע בייזע תאווה.

מיך איז באַפאַלן עפּעס אַ מורא, אַ מורא פאַר מיר אַליין און פאַר דעם פאַרנעפּלט אַרומברויזנדיקן האַס אין מיר. איך האָב געוואָלט אָפּזאָגן. אָבער מיר האָט פאַרפעלט מוט צו זאָגן: ניין.

*

איך האָב פון תמיד אָן געפילט אַן עקל צו פאַרראַט צווישן מאַן און ווייב, אָבער נישט איבער די טעמים פון אַ פאַרעקשנטער מאָראַל, נישט צוליב דער כלומרשטער צניעות און גוטע מידות, נישט אַזוי דערפאַר, ווייל דאָס איז ווי אַ גנבה אין דער פינסטער, אַן אַוועקרויבן אַ פרעמדן קערפּער, נאָר ווייל כמעט יעדע פרוי פאַרראַט אין אַזעלכע מאָמענטן די פאַרבאָרגנסטע זאַכן פון איר מאַן — יעדע איינע איז דעמאָלט אַ דלילה, וואָס גנבעט אַוועק ביים אָפּגענאַרטן דאָס פאַרבאָרגנסטע אין אים און וואַרפט עס צו אַ פרעמדן, דעם סוד פון זיין גבורה אָדער פון זיין שוואַכ־קייט. נישט וואָס פרויען גיבן זיך אַליין אָפּ, האַלט איך פאַר פאַרראַט, נאָר וואָס זיי, כדי זיך צו רעכטפאַרטיקן, הויבן כמעט תמיד אויף אין אַזעל־כע פאַלן דעם שלייער פון זייער מאַנס חרפה און שטעלן אים אויס אָן זיין וויסן, גלייך ווי אין שלאָף, פאַר אַ פרעמדער נייגיריקייט, פאַר אַ פרעמדנס הנאהדיק חוזק־געלעכטער.

אַלזאָ נישט דאָס, וואָס איך האָב דעמאָלט, צעטומלט פון אַ בלינד־צאָרנדיקער פאַרצווייפלונג, געזוכט אַ באַהעלטעניש אין דער תחילת בלויז מיטלײדיקער און שפּעטער שוין צערטלעכער אומאַרמונג פון זיין פרוי — מיט אַ פאַטאַלער שנעלקייט איז איין געפיל איבערגעגאַנגען אין אַנ־דערן —, נישט דאָס דאַזיקע פיל איך נאָך היינט ווי די נעבעכדיקסטע

נידריקייט אין מיין לעבן (וואָרום דאָס איז געשען נישט ווילנדיק, האַלב באַוווסטזיניק זענען מיר ביידע אַריינגעפאַלן אינם דאָזיקן ברענענדיקן תהום), נאָר דאָס, וואָס איך האָב אויפֿן הייסן קישן מיר נאָך געלאָזט דערציילן אינטימלעכקייטן וועגן אים, וואָס איך האָב דער צערייצטער פרוי דערלויבט צו פאַרראַטן סודותפולע זאַכן פון זייער צוזאַמענלעבן. פאַרוואָס האָב איך זי נישט אָפּגעשטויסן, נאָר טאָלערירט, זי זאָל מיר דערציילן, אַז שוין פון יאָרן אָן מיידט ער זי אויס קערפּערלעך, פאַרוואָס האָב איך איר געלאָזט זיך פונאַנדעררעדן מיט טונקעלע רמזים, פאַרוואָס האָב איך איר נישט באַפוילן געביטעריש צו שווייגן וועגן דעם דאָזיקן פאַרבאָרגנסטן סוד פון זיין געשלעכט? אָבער איך האָב אַזוי גע־ברענט פאַר נייגיריקייט צו דערגיין זיין סוד, איך האָב אַזוי שטאַרק געלעכצט, צו פילן אים אַ שולדיקן לגבי מיר, לגבי איר, לגבי אַלעמען, אַז איך האָב פאַרשכורט אויפגענומען די דאָזיקע צאַרנדיקע ווידוי פון איר פאַרלאָזנקייט — עס איז דאָך אַזוי ענלעך געווען צו מיין אייגן געפיל פון אָפּגעשטויסן זיין! און אַזוי האָט פּאַסירט, אַז מיר ביידע האָבן אין ווילדער, געמיינזאַמער שנאה זיך פאַרהאַלטן אַזוי, גלייך ווי דאָס וואָלט אַרויסגעשטראָמט פון ליבע: אָבער אין דער צייט, וואָס אונזערע קערפּער האָבן זיך געזוכט און זיך איינגעקלאַמערט איינער אין אַנדערן, האָבן מיר ביידע געטראַכט, האָבן מיר ביידע גערעדט כסדר בלויז וועגן אים. טיילמאָל האָבן אירע ווערטער מיר פאַרשאַפט אַ ווייטיק, און איך האָב מיך געשעמט, וואָס איך בין אַריינגעפּלאָנטערט געוואָרן אין אַ זאַך, וואָס האָט ביי מיר אַרויסגערופן פאַראַכטונג. אָבער דער קערפּער אין מיר איז שוין נישט אונטערטעניק געווען דעם ווילן, ער האָט ווילד געצאַפּלט אין זיין אייגענער תאווה. און איך האָב מיט שוידער געקושט די ליפּן, וואָס האָבן מיין ליבסטן מענטש פאַרראַטן.

*

צומאָרגנס אינדערפרי האָב איך מיך מיט אַן אום־טעם פון עקל און בושה אַרויסגעשליכט צו מיר אין צימער אַריין. מיט דעם מאָמענט, וואָס די וואַרעמקייט פון איר לייב האָט שוין נישט מער פאַרטונקלט מיינע חושים, האָב איך דערפילט די שאַרפע ווירקלעכקייט און די גאַנצע מאוסקייט פון מיין פאַרראַט. קיינמאָל אין לעבן, האָב איך באַלד דער־

פילט, וועל איך שוין נישט אימשטאנד זיין אים צו קומען פאר די אויגן, זיין האנט אָנצונעמען: נישט אים, נאָר מיר אַליין האָב איך אוועקגע־גנבעט דאָס טייערסטע.

אצינד איז געווען בלויז איין אויסוועג: אנטלויפן. איך האָב פיבער־דיק איינגעפּאַקט מיינע זאַכן, צונויפגעלייגט די ביכער און באַצאָלט דער ווירטין: ער טאָר מיך שוין נישט מער טרעפן, אויך איך באַדאַרף פון אים פאַרשווונדן ווערן אין א סיבה און סודותפול, פונקט אזוי ווי ער פון מיר.

אָבער אינמיטן דער פאַרהאַוועטקייט איז מיר די האנט פּלוצלינג פאַרגליווערט געוואָרן. איך האָב דערהערט דאָס סקריפּען פון די טרעפּ, האסטיקע טריט האָבן זיך דערנענטערט אויף די שטיגן — זיינע טריט.

איך האָב געמוזט ווערן טויט־בלאַס. ווארום ווי נאָר ער איז אַריין, האָט ער דערשראָקן אויפגעציטערט. „וואָס איז דיר, יינגל? ביסטו קראַנק?"

איך האָב מיך א וואַרף געטון אויף צוריק. איך האָב אים אויסגע־מיטן, בעת ער האָט זיך געוואָלט דערנענטערן און מיך העלפנדיק אונ־טערהאַלטן.

„וואָס איז מיט דיר?" האָט ער געפרעגט מיט שרעק. „האָט מיט דיר עפּעס געטראָפן? אָדער... אָדער... דו ביסט נאָך אפשר אין כעס אויף מיר?"

איך האָב מיך קראַמפּהאַפּטיק צוגעשאַרט צום פענסטער. איך האָב אים נישט געקאָנט קוקן אין פּנים אַריין. זיין מיטפילנדיקע וואַרעמע שטים האָט אויפגעריסן אין מיר עפּעס ווי א ווונד: נאָענט צו חלשן, האָב איך געפילט אויפזידן אין מיר, הייס, גאַנץ הייס, ברענענדיק און פאַרברענענדיק, א גליענדיקן שטראָם פון חרפּה.

אָבער אויך ער איז געשטאַנען פאַרוואונדערט, צעטומלט. און פּלוצ־לונג — מיט א נידעריקער, נידערגעשלאָגענער שטים — האָט ער אַרויס־געפּליסטערט א מאָדנע פראַגע: „צי האָט דיר... האָט דיר עמעצער... עפּעס דערציילט וועגן מיר?"

נישט אויסדרייענדיק זיך צו אים, האָב איך געמאַכט אַן אַפּלענענ־דיקן זשעסט, אָבער ער איז אַפּנים געווען באַהערשט פון עפּעס א פּחדים־דיקן געדאַנק, ער האָט עקשנותדיק איבערגעחזרט:

„זאָג מיר.... זיי עס מיר מודה.... האָט עמעצער עפּעס דערציילט וועגן מיר.... עמעצער, איך פרעג נישט ווער".

איך האָב ווידער אָפּגעלענט. ער איז געשטאַנען אומבאַהאָלפן. אָבער מיטאַמאָל האָט ער באַמערקט, אַז מיינע קופערס זענען פאַרפּאַקט, די ביכער צונויפגערוימט און אַז זיין אָנקומען האָט גראַד איבערגעריסן מיינע לעצטע רייזע־הכנות. אַ צעטראָגענער איז ער צוגעגאַנגען נענטער: „דו ווילסט אַוועק, ראָלאַנד, איך זע עס... זאָג מיר דעם אמת".

דאָ האָב איך מיך צונויפגענומען. „איך מוז אַוועק.... זייט מיר מוחל.... אָבער איך קאָן וועגן דעם נישט רעדן.... איך וועל אייך שרייבן". מער האָב איך נישט געקאָנט ארויסבאַקומען פון דער פאַרקלעמטער קעל, און ביי יעדן וואָרט האָט זיך מיר אָפּגעריסן אַ שטיק האַרץ.

ער איז געבליבן ווי פאַרגליווערט. דערנאָך איז אים ווידער באַפאַלן יענער מין מידקייט. „עס איז אפשר בעסער אַזוי, ראָלאַנד.... יאָ, אוודאי, עס איז בעסער אַזוי.... פאַר דיר און פאַר אַלע. אָבער איידער דו פאָרסט אַוועק, וואָלט איך נאָך געוואָלט מיט דיר איין מאָל רעדן. קום זיבן אַזייגער, אַזוי ווי תמיד.... וועלן מיר זיך געזעגענען, אַזוי ווי אַ מאַן מיט אַ מאַן.... נאָר נישט אַנטלויפן פון זיך אַליין, נאָר נישט קיין בריוו.... דאָס וואָלט געווען קינדיש און נישט פּאַסיק פאַר אונז.... און חוץ דעם, דאָס, וואָס איך וואָלט דיר וועלן זאָגן, לאָזט זיך נישט אַרויס־ברענגען מיט קיין פעדער... אַלזאָ, דו וועסט קומען, נישט אמת?"

איך האָב בלויז צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. איך האָב מיך נאָך אַלץ נישט דערוועגט אַוועקצונעמען דעם בליק פון פענסטער. אָבער איך האָב שוין נישט געזען מער די העלע שיין פונם פרימאָרגן, אַ געדיכטער, טונקעלער שלייער האָט זיך אויסגעשפּרייט צווישן מיר און דער וועלט.

*

זיבן אַזייגער האָב איך צום לעצטן מאָל באַטרעטן דאָס געליבטע צימער: אַ פריצייטיקע בין השמשותדיקע טונקלקייט איז אריינגעדרונגען דורך די פאָרטיערן, אין הינטערגרונט האָט זיך קוים געזען דער שטיי־נערנער גלאַנץ פון די מאַרמאָרנע געשטאַלטן, און די ביכער זענען ווי שלאָפנדיקע געשטאַנען שוואַרץ הינטער זייערע פּערלמוטערדיק פינק־לענדיקע שויבן. אַ סודותפולע אַרט פון מיינע זכרונות, וווּ איך האָב דערפילט דעם כשוף פון וואָרט און ווו איך האָב איבערגעלעבט ריחניות־

דיקע שכרות און באַגייסטערונג, ווי אין קיין שום אָרט נישט — תמיד זע איך דיך אין דער דאָזיקער גענעגענונגס־שעה און תמיד אויך די פאַר־ערטע געשטאַלט, ווי זי הויבט זיך פּאַמעלעך, פּאַמעלעך אויף פון דעם שטול־אַנלען און גייט שאָטנהאַפטיק מיר אַנטקעגן: בלויז דער שטערן גלאַנצט רונדיק, ווי אַן אַלאַבאַסטענער לאָמפּ אין דער פינסטער, און איבער אים פלאַטערן, ווי אַ שוועבנדיקער רויך, דעם אַלטן מאַנס ווייסע האָר. אָט דערהויבט זיך שווער פון אונטן אַ האַנט, זי זוכט מיינע, איך דערקען איצט די אויגן, וואָס קוקן מיך אָן ערנסט, און באַלד דערפיל איך ווי מיין אָרעם ווערט ווייך אַרומגענומען און איך ווער אַראָפּגעזעצט אויף אַ שטול.

„זעץ דיך אַנידער, ראָלאַנד, און לאָמיר רעדן קלאָר. מיר זענען מע־נער און מיר מוזן זיין אויפריכטיק. איך וויל נישט זיין צודרינגלעך — אָבער וואָלט נישט בעסער געווען, אַז די לעצטע שעה זאָל אַריינברענגען פולשטענדיקע קלאָרקייט צווישן אונז? אַלזאָ זאָג, פאַרוואָס ווילסטו אַוועק? ביסטו בייז אויף מיר צוליב יענער אומזיניקער באַליידיקונג?"

איך האָב געמאַכט אַ באַוועגונג אויף ניין. שרעקלעך אַ טראַכט צו טון, אַז ער, דער אָפּגענאַרטער, דער פאַרראַטענער, וויל נאָך נעמען אויף זיך די שולד!

„האָב איך דיר אפשר באַוווסטזיניק אָדער אומבאַוווסטזיניק פאַר־שאַפט עפּעס אַן עגמת נפש? איך בין טיילמאָל אַ מאָדנער, איך ווייס עס. און איך האָב דיך געררייצט, געקוועלט נעגן מיין אייגענעם ווילן. איך האָב דיר קיינמאָל נישט געגוג אָפּגעדאַנקט פאַר דיין אינטערעסירן זיך מיט מיר — איך ווייס עס, איך ווייס עס, איך האָב עס תמיד געוווסט, אפילו אין די מינוטן, ווען איך האָב דיר ווי געטון. איז דאָס די סבה — זאָג מיר, ראָלאַנד, — ווארום איך וואָלט וועלן, אַז מיר זאָלן זיך ערלעך געזעגענען איינער מיטן אַנדערן".

איך האָב ווידער געשאָקלט מיטן קאָפּ: איך האָב נישט געקאָנט רעדן. זיין קול האָט נאָך ביז אַהער געקלונגען פעסט; איצינד אָבער האָט עס זיך אָנגעהויבן אביסל צו וואַקלען.

„אָבער... איך פרעג דיך נאָך אַ מאָל... האָט דיר עמעצער עפּעס דערציילט וועגן מיר.... עפּעס אַזעלכעס, וואָס דו באַטראַכסט פאַר ניד־ריק, פאַר... אָפּשטויסנדיק... עפּעס אַזעלכעס, וואָס צווינגט דיך, מיך צו פאַראַכטן?"

„ניין! ניין!... ניין!...“ ווי א שלוכץ האט זיך מיר ארויסגעריסן דער פראטעסט: איך אים פאראכטן! איך אים!

זיין קול איז אצינד געווארן אומגעדולדיק. „וואסזשע איז עס, אויב אזוי?.... וואס קאן עס דען זיין?.... ביסטו מיד פון דער ארבעט?... אדער ציט דיך אפשר עפעס אוועק פונדאנען?... א פרוי... איז עס א פרוי?“

איך האב געשוויגן. און דאס דאזיקע שוויינן איז געווען אויף עפעס א מין אופן אנדערש, אז ער האט ארויסגעפילט די באשטעטיקונג. ער האט זיך צוגעבויגן נענטער און געפליסטערט גאנץ שטיל, אבער אן צע־רייצטקייט, לחלוטין אן צערייצטקייט און צארן:

„איז עס מיין פרוי?.... מיין פרוי?“

איך האב נאך אלץ געשוויגן. און ער האט פארשטאנען. א ציטער איז מיר דורך איבערן לייב: אצינד, אצינד, אצינד וועט ער זיך אויפ־קאכן, אנפאלן אויף מיר, מיך שלאגן, מיך ממיתן.... און... איך האב כמעט באגערט, אז ער זאל מיך שלאגן, מיך, דעם גנב, דעם פאררעטער, אז ער זאל מיך ווי א קרעציקן הונט פאריאגן פון זיין פארשוועכט הויז.

אבער מאדנע.... ער איז געבליבן פולשטענדיק שטיל... און ס׳האט געקלונגען ביי אים כמעט ווי א דערלייכטערונג, בעת ער האט פאר־טראכטערהייט געמורמלט ווי צו זיך אליין: „דאס האט מיר אייגנטלעך באדארפט אליין איינפאלן“. צוויי מאל איז ער דורכגעגאנגען איבערן צימער הין און צוריק. דערנאך איז ער שטיין געבליבן פאר מיר און גע־זאגט, מיר האט זיך כמעט אויסגעוויזן, מיט פאראכטונג:

„און דאס... האלטסטו פאר אזוי שרעקלעך? האט זי דען נישט גע־זאגט, אז זי מעג טון, אז זי מעג נעמען, וואס איר געפעלט, אז איך האב נישט איבער איר קיין שום רעכט?.... קיין שום רעכט, איר עפעס צו פארווערן, און אויך נישט דעם מינדסטן חשק דערצו.... און צו וואס האט זי זיך דען געזאלט באהערשן, צוליב וועמען און גראד בנוגע דיר... דו ביסט יונג, דו ביסט לויטער און שיין... דו ביסט אונז געווען נאענט... ווי אזוי האט זי דיך געזאלט נישט ליב האבן... איך....“ זיין קול האט פלוצלינג אנגעהויבן צו ציטערן. און ער האט זיך צוגעבויגן נאענט, אזוי נאענט, אז איך האב געשפירט זיין אטעם. איך האב ווידער דערפילט די ווארעמקייט פון זיין ארומנעמענדיקן בליק, ווידער דעם דאזיקן מאדנעם גלאנץ, אזוי.... אזוי ווי אין יענע זעלטענע מאדנע סעקונדעס צווישן אים

און מיר. ער האָט זיך צוגעבויגן וואָס אַמאָל נענטער.

און דאַן האָט ער אַרויסגעפּליסטערט שטיל, קוים וואָס די ליפּן האָבן זיך באַוועגט. „איך.... אויך איך האָב דאָך דיך ליב".

*

בין איך אויפגעשפּרונגען? האָב איך מיך נישט ווילנדיק צוריקגע־צויגן אין שרעק? עפּעס אַ באַוועגונג פון איבעראַשונג האָט זיך געמוזט האָבן אַרויסגעריסן פון מיין קערפּער, ווארום ער האָט זיך אַ וואַקל גע־טון, ווי אַ צוריקגעשטויסענער. אַ שאָטן האָט זיך פאַרשפּרייט איבער זיין פּנים. „פאַראַכטסטו מיך אַצינד?" האָט ער געפרעגט גאַנץ שטיל. „בין איך דיר אַצינד אָפּשטויסנדיק?"

פאַרוואָס האָב איך דעמאָלט נישט געפונען קיין וואָרט? פאַרוואָס בין איך געבליבן זיצן שטום, אָנגעכמורעט, פאַרלעגן און צעטומלט, אָנשטאָט צוצוגיין צו דעם ליבנדיקן און אים באַפרייען פון זיין עגמת נפש. אָבער אין מיר האָבן ווילד געברויזט אַלע דעראַינערונגען; גלייך ווי עס וואָלטן מיטאַמאָל דעשיפרירט און אויפגעקלערט געוואָרן אַלע יענע אומבאַגרייפלעכע זאַכן, אַזוי איז מיר אַצינד אַלץ געוואָרן מוראדיק קלאָר, זיין צערטלעך קומען און זיין ברוטאַל פאַרטיידיקן זיך, איך האָב אַ דערשיטערטער פאַרשטאַנען יענעם באַזוך אינמיטן דער נאַכט און די פאַרביסענע צוריקגעהאַלטנקייט פאַר מיין צודרינגלעכער ליידנשאַפט. לי־בע, איך האָב זי דאָך תמיד ביי אים געפילט, צערטלעך און שרעקעוו־דיק, אָט אויפברויזנדיק, אָט ווידער געוואַלטיק איינגעצוימט, איך האָב זי געפילט און הנאה געהאַט פון איר יעדן מיר צוגעוואָרפענעם שטראַל — דאָך אָבער, פון דער ליבע, אויף דעם אופן, ווי די מענערישע ליפּן האָבן אַרויסגעברענגט דאָס דאָזיקע וואָרט, מיט אַ זינלעך־צערטלעכן קלאַנג, האָט מיר אַ האַמער געטון אַ זיסער און צוגלייכער צייט פּחדימדיקער גרויל אין די שלייפן. און הגם איך האָב געברענט אין הכנעהדיקער מיט־לייד צו אים, האָב איך דאָך אַ צעטומלטער, אַ ציטערנדיקער, אַן איבער־ראַשטער, נישט געקאָנט געפינען קיין איינציק וואָרט פאַר זיין אומגע־ריכט מיר אַנטפּלעקטער ליידנשאַפט.

ער איז געזעסן אַ דערשלאָגענער און געגלאָצט אויף מיין שטיל־שווייגן. „אַזוי מוראדיק איז עס אַלזאָ פאַר דיר, אַזוי מוראדיק", האָט ער געמורמלט, „אויך דו... אויך דו, הייסט עס, ביסט עס מיר נישט

מוחל, אויך דו, פאַר וועלכן איך האָב פאַרשלאָסן מיין מויל שיעור נישט צום דערשטיקט ווערן... פאַר וועלכן איך האָב מיך פאַרבאָרגן, אַזוי ווי איך האָב מיך נאָך פאַר קיינעם נישט פאַרבאָרגן... אָבער עס איז בעסער, וואָס דו ווייסט עס שוין, אַצינד וועט עס מיך שוין נישט שטיקן.... וואָרום דאָס איז שוין געווען פאַר מיר צופיל.... אָ, מוראדיק צופיל.... בעסער, בעסער אַ סוף, איידער דאָס דאָזיקע שווייגן און פאַרשווייגן“....

וויפיל טרויער ס'האָט דערין געשטעקט, וויפיל צערטלעכקייט און בושה; ביז טיף אינעווייניק איז מיר אַריינגעדרונגען דער ציטערנדיקער טאָן. איך האָב מיך געשעמט, וואָס איך שווייג אַזוי קאַלט, אַזוי געפיללאָז פּראַקטיק פאַר דעם דאָזיקן מאַן, פון וועלכן איך האָב באַקומען מער, ווי פון וועלכן ס'איז מענטש און וועלכער האָט זיך פאַר מיר אַזוי אומזיניק דערנידריקט. דאָס האַרץ איז מיר שיעור אַרויסגעפאַלן, אים צו זאָגן עפּעס אַ טרייסט־וואָרט, אָבער די ליפּן, די ציטערנדיקע ליפּן, האָבן נישט געפאָלגט. און אַזוי פאַרלעגן, אַזוי נעבעכדיק קליין בין איך געבליבן שטעקן אין דער שטול און זיך געדרייט אין אַלע זייטן, אַז ער האָט, כמעט נישט ווילנדיק, מיך אָנגעהויבן אויפצומונטערן.

„זייַ דאָך נישט אַזוי, ראָלאַנד, אַזוי מוראדיק שטום... קום צו זיך... איז עס דיר באמת אַזוי שרעקלעך? שעמסטו דיך פאַר מיר אַזוי שטאַרק?... איצט איז דאָך שוין אַלץ געענדיקט, איך האָב דיר אַלץ געזאָגט... לאָמיר לכל הפחות זיך אָנשטענדיק געזעגענען, ווי עס פּאַסט פאַר צוויי מענער, פאַר צוויי גוטע פריינט“.

אָבער איך האָב נאָך אַלץ נישט געהאַט קיין שליטה איבער מיר. האָט ער אָנגערירט מיין אָרעם: „קום, ראָלאַנד, זעץ זיך צו מיר!... עס איז מיר לייכטער, זינט דו ווייסט עס, זינט עס איז ענדלעך אַריינגעטרעטן קלאָרקייט צווישן אונז.... פריער האָב איך תמיד מורא געהאַט, אַז דו קאָנסט געוווּיר ווערן, ווי ליב דו ביסט מיר... דערנאָך האָב איך ווידער געהאָפט, אַז דו אַליין וועסט עס דערשפּירן און איך וועל מיר איינשפּאָרן זיך מודה צו זיין פאַר דיר... אָבער אָט איז עס געשען, אַצינד בין איך פריי.... אַצינד קאָן איך צו דיר רעדן, ווי איך האָב נאָך קיינמאָל נישט גערעדט צו וועלכן ס'איז מענטש. וואָרום דו ביסט מיר געווען נענטער, ווי קיין שום מענטש אין פאַרלויף פון אַלע יאָרן... איך האָב דיך געליבט, ווי נאָך קיינעם נישט... קיינער האָט נישט אַזוי ווי

דו, קינד, דערוועקט אין מיר דאָס טיפסטע פון מיין וועזן... זאָלסטו דע־ריבער צום געזעגענען אויך געוויר ווערן מער, ווי ווער ס'איז אַנדערער, איך האָב דאָך דורך דער גאַנצער צייט דייטלעך געשפּירט דיין שטום פרעגן... דו אַליין זאָלסט קענען מיין גאַנץ לעבן. ווילסטו, איך זאָל עס דיר דערציילן?״

אין מיין בליק, אין מיין צעטומלטן און דערשיטערטן בליק האָט ער דערקענט מיין צושטימונג.

„טאָ קום אהער נענטער... אהער צו מיר.... איך קאָן נישט די דאָ־זיקע זאַכן רעדן הויך אויפן קול״. איך האָב מיך צוגעבויגן — פרום, מוז איך עס אָנרופן. אָבער בעת איך האָב מיך געפונען אַנטקעגן אים וואַר־טנדיק און איינהאָרכנדיק זיך, איז ער ווידער אויפגעשטאַנען. „ניין, אַזוי לאָזט עס זיך נישט.... דו באַדאַרפסט מיך נישט אָנקוקן דערביי... אַז נישט..... אַז נישט וועל איך נישט קאָנען רעדן״.

אַ פינסטערניש האָט אונז אַרומגענומען. איך האָב געפילט, אַז ער געפינט זיך נאָענט פון מיר, איך האָב עס געפילט אָנזיין אָטעם, וועלכער האָט שווער און ווי כאָרכלענדיק זיך געהויבן אינם אומזעבאַרן חלל. און פּלוצלינג איז אויסגעוואַקסן צווישן אונז אַ קול און מיר דערציילט זיין גאַנץ לעבן.

*

פון יענעם אָוונט אָן, זינט דער דאָזיקער צום מיינסטן פאַרערטער מאַן האָט פאַר מיר אויפגעעפנט ווי אַ האַרטע מושלע דעם גורל פון זיין לעבן, זינט יענעם אָוונט מיט פּעריציק יאָר צוריק, ווייזט זיך מיר נאָך עד היום אויס אָן באַדייטונג אַלץ, וואָס אונזערע שריפטשטעלער און דיכטער גיבן אָן אין זייערע ביכער פאַר אויסערגעוועגלעך, וואָס פאַר־שטעלונגען אויף די בינעס שילדערן פאַר טראַגיש. צי איז עס צוליב באַ־קוועמלעכקייט, צוליב פּחדנות אָדער צוליב קורצזיכטיקייט, וואָס אַלע צייכענען זיי תמיד נאָר די אויבערשטע, העל־באַשטראַלטע זייט פונם לעבן, ווו די חושים האַנדלען אָפן און געזעצמעסיק, בשעת אונטן אין די קעלערס, אין די היילן און מיסט־גריבער פון דער נשמה בושעווען אַרום פאָספאָריש בליצנדיק די אמתע, די געפערלעכע בעסטיעס פון דער לייַ־דנשאַפט, באַהאַלטענערהייט זיך צונויפפּאָרנדיק און צערייסנדיק זיך אויף שטיקער דורך כלערליי פאַנטאַסטישע פאָרמען פון פאַרפירונג? שרעקט

זיי דער הייסער און פֿאַרצערנדיקער אָטעם פֿון דעמאָנישע נייגונגען, ד״ער ריח פֿון גליענדיק בלוט, האָבן זיי מורא איינצוריכטן די צופֿיל צאַרטע הענט אין די געשווירן פֿון דער מענטשהייט, אָדער קאָן אפֿשר זייער בליק, צוגעוווינט צו העלער שיין, נישט אַראָפּנידערן דורך די דאָזיקע גליטשיקע סכנותדיקע, פֿון פֿוילעניש אַרומגענומענע שטאַפּלען? און דאָך איז פֿאַר דעם ווייסנדיקן קיין שום תענוג נישט גלייך צו יענעם, וואָס געפֿינט זיך אין דעם פֿאַרבאָרגענעם, קיין שום אויפֿציטערן נישט אַזוי געוואַלטיק שטאַרק, ווי דער פּראָסטיקער ציטער פֿון סכנות, און קיין שום יסורים נישט הייליקער, ווי יענע, וועלכע מען איז פֿאַר בושה נישט אימשטאַנד אויפֿצודעקן.

דאָ אָבער האָט אַ מענטש זיך אַנטפּלעקט פֿאַר מיר אין זיין גאַנצער נאַקעטקייט, דאָ האָט זיך איינער אויפֿגעריסן די ברוסט, כּדי דאָס צעשלאָגענע, פֿאַרסמטע, פֿאַרברענטע, פֿאַראייטערטע האַרץ צו אַנטבלויזן. דאָ האָט אַ זינט יאָרן פֿאַרשטיקטע ווידוי מיט אַ ווילדער תּאווה זיך אַליין מלקות געשלאָגן. נאָר אַזעלכער, וואָס האָט דאָס גאַנצע לעבן זיך געשעמט, זיך געבויגן און באַהאַלטן, קאָן אַזוי שטורעמדיק אויסברעכן אין אַזאַ אומרחמנותדיקער ווידוי. שטיקערווייז האָט זיך דאָ אַ מענטש אַרויסגעריסן זיין לעבן פֿון דער ברוסט, און אין יענער שעה האָב איך יונגער בחור צום ערשטן מאָל אַריינגעבליקט אין די אומבאַגרייפֿלעכע תּהומות פֿונם מענטשלעכן געפֿיל.

תּחילת האָט זיך זיין שטים ווי קערפּערלאָז געוויגט אין חלל, מיט אַן אומקלאָרער, נעפּלהאַפֿטיקער גערייצטקייט, מיט אומזיכערע רמזים וועגן סודותדיקע פּאַסירונגען, און דאָך האָט זיך גראָד אין דעם דאָזיקן אָנגעשטרענגטן באַהערשן די ליידנשאַפֿט געפֿילט דער נאָכקומענדיקער אויסברוך, פּונקט ווי אין געוויסע מיט מי פֿאַרפּאַמעלעכטע טאַקטן, וואָס קומען פֿאַר אַ שנעלן ריטם, שפּירט מען שוין טיילמאָל פֿאָראויס אין די נערוון דעם נאָכקומענדיקן אויפֿברויז. און דערנאָך האָבן אָנגעהויבן אויפֿצופֿלאַקערן בילדער, צוערשט צאַפּלענדיקע פֿון אינערלעכן ליידנשאַפֿטשטורעם און דערנאָך ביסלעכווייז זיך אויסלייטערנדיק. צוערשט האָב איך געזען אַ יינגל, אַ שרעקעוודיק, אין זיך באַהאַלטן יינגל, וואָס וואַגט נישט זיך צו ווענדן מיט אַ וואָרט צו די חברים, אָבער אַ מטושטשדיקער קערפּערלעך־רייצנדיקער באַגער ציט אים ליידנשאַפֿטלעך גראָד צו די

שענסטע אין דער שול. אָבער ביי אַ צופיל צערטלעכער דערנענטערונג פאַרטרייבט אים איינער פון זיך מיט אַ פאַרביטערטן צוריקשטויס, אַ צווייטער לאַכט אים אויס מיט עקלדיק דייטלעכע ווערטער, און נאָך ערגער: ביידע האָבן אים פאַרשעמט פאַר אַנדערע מיט זיין פאַרקערטער תאווה. און באַלד האָט אַן איינשטימיקער משפט פון חוזק און דערנידער־רונג אויסגעשלאָסן דעם צעטומלטן ווי אַ מצורע פון זייער פריילעכער סביבה. דער וועג אין דער שול אַריין ווערט פאַר אים ווי אַ טאָג־טעגלעך גיין צום קרייץ, און די נעכט ווערן אים מיט זעלבסט־עקל פאַרשטערט: דער פאַרשטויסענער דערפילט זיין פאַרקערטע און ערשט דורך חלומות קלאָר געוואָרענע תאווה ווי אַן אומזיניקע און שענדלעכע מידה.

די דערציילנדיקע שטים האָט געקלונגען נישט זיכער: אַ רגע האָט זיך אויסגעדאַכט, ווי זי וואָלט געהאַלטן ביים צערונען ווערן אין דער פינסטערניש. אָבער אַ זיפץ האָט זי ווידער אָנגעצונדן, און פון דעם טרי־בן נעפל האָבן אויפגעפלאַקערט נייע בילדער, שאָטנהאַפטיק און געשר־פענסטערדיק געסדרט. דאָס יינגל איז געוואָרן סטודענט אין בערלין, צום ערשטן מאָל דערלויבט אים די אונטערערדישע שטאָט צו דערפילן די לאַנג־באַהערשטע נייגונג, אָבער ווי באַשמוצט פון עקל, ווי פאַרסמט דורך מורא זענען עס געווען די דאָזיקע גנביש ווינקעלדיקע באַגעגעני־שן אויף פינסטערע גאַס־עקן, אין שאָטן פון באַנהויפן און בריקן, ווי אַרים אין תענוגים און ווי שווידערהאַפט דורך סכנות, על פי רוב נעבעכ־דיק זיך ענדיקנדיק מיט אַרויספרעסונגען און איבערלאָזנדיק הינטער זיך אויף לאַנגע וואָכן אַרוים שליימיק קלעפּיקע שפּורן פון קאַלטן פּחד! גיהנום־שטעגן צווישן שאָטן און ליכט: בעת דער קריסטאַלענער עלע־מענט פון רוחניות פלעגט ביי־טאָג דעם פאַרשנדיקן דורכלייטערן, האָט דער אָוונט דעם ליידנשאַפטלעכן תמיד ווידער אַראָפּגעשטויסן צו דעם אָפּפאַל פון די פאַרשטעט, אין דער סביבה פון פינסטערע, פאַר יעדן פּאָ־ליציאישן העלם אַנטלויפנדיקע פאַרשווינעז, אין די דעמפּיקע ביר־קע־לערס, וווּ די חשד־פולע טיר עפנט זיך נאָר פאַר אַ באַשטימט שמייכע־לע. און אַן אייזערנע אָנשטרענגונג פון ווילן איז נויטיק געווען, כדי פאַר־זיכטיק צו באַהאַלטן די דאָזיקע צווייפּנימדיקייט אינם טאָג־טעגלעכן לעבן, צו פאַרדעקן פאַר אַ פרעמד אויג דעם דאָזיקן שרעקלעכן סוד, ביי־טאָג פּינקטלעך אָפּצוהיטן די ערנסט־בכבודיקע האַלטונג פון אַ דאָצענט,

כדי דערנאָך ביינאַכט דורכצוּוואַנדערן ווי אַן אומבאַקאַנטער די אונ־
טערוועלט פון יענע שענדלעכע אַוואַנטורעס, וואָס שפּילן זיך אָפּ אין
שאָטן פון טונקל לויכטנדיקע לאַמטערנעס. דער געפּייניקטער נעמט אַלע
מאָל אויפסניי צוזאַמען די כּוחות, כּדי מיט דער בייטש פון אַליינבאַ־
הערשונג צוריקצוטרייבן אויפן גלייכן וועג די ליידנשאַפט, וואָס האָט
זיך אַרויסגעריסן פון איר גבול. אָבער אַלעמאָל שלעפּט אים ווידער די
נייגונג צום פינסטער־סכּנותדיקן. צען, צוועלף, פופצן יאָר פון נערוון־
פּטרנדיק געראַנגל געגן דער אומזעבאַרער מאַגנעטישער קראַפט פון אומ־
היילבאַרער נייגונג זענען אָנגעשפּאַנט ווי אַן איינציקער קראַמף, אַ
תּענוג און הנאה, אַ שטיקנדיקע בושה און אַ וואָס אַמאָל פאַרפינסטער־
טער, שרעקעוודיק אין זיך פאַרבאָרגענער בליק פון מורא פאַר דער איי־
גענער ליידנשאַפט.

ענדלעך, שפּעט שוין, נאָכן דרייסיקסטן לעבנס־יאָר, אַ געוואַלטי־
קער פּרווו אַ ריס צו טון דעם וואָגן אויפן גלייכן וועג. ביי אַ קרובה האָט
ער זיך באַקענט מיט זיין שפּעטערדיקער פרוי, אַ יונג מיידל, ביי וועל־
כער זיין סודותפול וועזן האָט אַרויסגערופן עפּעס אַן אומקלאָרן רייץ
און וועלכע האָט אים אַרויסגעוויזן אַן אויפריכטיקע נייגונג. און צום
ערשטן מאָל טרעפט, אַז דער דאָזיקער יינגלישער קערפּער און איר יוגנט־
לעך שטיפערישע האַלטונג איז בכּוח אויף אַ קורצע צייט אָפּצונאַרן זיין
ליידנשאַפט. אַ פאַרביילויפּיק פאַרהעלטעניש געלינגט גובר צו זיין די
אָפּנייגונג צום ווייבלעכן; צום ערשטן מאָל איז זי באַהערשט, און אין
דער האָפענונג, דורך דער דאָזיקער גלייכער באַציאונג בייצוקומען זיין
בלאָנדזשענדיקע נייגונג, אין דער אומגעדולד זיך אָנצוקלאַמערן דאָרט,
ווו ער האָט צום ערשטן מאָל געפונען אַן אָנלען געגן דעב דאָזיקן אינער־
לעכן דראַנג צו סכּנות, האָט ער חתונה מיטן יונגן מיידל. און אָט דאַכט
זיך אים שוין, אַז דער צוריק־וועג צו די פּחדימדיקע מקומות איז פאַר־
שטעלט. אין משך פון קאַרגע עטלעכע וואָכן האָט ער מנוחה; אָבער באַלד
פאַרלירט דער נייער רייץ זיין ווירקונג, דער לאַנגאָניקער באַגער ווייזט
זיך ווידער אַרויס פאַר עקשנותדיק שטאַרק. און פון דעמאָלט אָן דינט
אים די אַנטטוישנדיקע אַנטטוישטע בלויז ווי אַ פאַרבלענדעניש, כּדי גע־
זעלשאַפטלעך צו פאַרדעקן די צוריקגעקומענע נייגונגען. ווידער גייט דער
וועג האַלזברעכעריש פאַרביי דעם ראַנד פון דעם געזעץ און דער געזעל־

שאַפט אַראָפּ אין פינסטערן תהום פון סכנות.

און גאָר באַזונדערע יסורים צו דער אינערלעכער צעריסנקייט: אַ געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציע איז אים באַשערט, ווו אַזאַ מין נייגונג ווערט אַן אמתע קללה. דעם דאָצענט און באַלד דערנאָך דעם פּראָפעסאָר איז די שטענדיקע מגע־ומשא מיט יונגע לייט אַן אַמטלעכער חוב, דער נסיון רוקט אים כסדר אונטער וואָס אַמאָל אַלץ נייע בליאונג פון יוגנט. אין אַלע — אַ נייע קללה! נייע סכנות! — האָבן אים ליידנשאַפטלעך ליב, נישט באַמערקנדיק דערביי הינטער דער פּראָפעסאָרישער מאַסקע דאָס פּנים פון עראָס; זיי פילן זיך גליקלעך, ווען זיין האַנט (וואָס ציטערט אין דער שטיל) רירט זיי פריינטלעך אָן, זיי פאַרשווענדן זייער התלהבות פאַר איינעם, וואָס מוז זיך תמיד קייגן זיי באַהערשן. טאַנטאַלוס־יסורים: זיך צו ווייזן הארט לגבי צודרינגלעכע סימפּאַטיעס, כסדר פירן אַן אומענדלעכע מלחמה מיט דער אייגענער שוואַכקייט! און תמיד, ווען ער האָט דערפילט אַ סכנה זיך צו מוזן אונטערגעבן דעם נסיון, פלעגט ער פּלוצלינג אַנטלויפן. דערפון האָבן געשטאַמט יענע עסקאַפּאַדן, וואָס זייער פּלוצלינג אָנקומען און איבערחזרן זיך האָט מיך דעמאָלט אַזוי צעטומלט: אַצינד האָב איך באַנומען דאָס דאָזיקע שווידערלעכע אַנטלויפן פאַר זיך אַליין, דאָס אַנטלויפן אינם גרויל פון פינסטערע וועגן און אָפּגרינטן. ער פלעגט דאַן תמיד אוועקפאָרן אין אַ גרויסע שטאָט, ווו ער האָט אין פאַרוואָרפענע ווינקלען געפונען פאַרבינדטע מענטשן פון נידריקן שטאַנד, וואָס די באַגעגעניש מיט זיי פאַרשאַפט אומכבוד, זנותהאַפטע יוגנט, אַנשטאָט דער ריין־איבערגעגעבענער; אָבער דער דאָזיקער עקל, דער דאָזיקער זומפּ, די דאָזיקע נידריקייט, דער דאָזיקער שאַרפער סם פון אַנטטוישונג איז אים נויטיק געווען, כדי דערנאָך אינדערהיים, אינם פאַרטרוילעך פאַרזאַמלטן קרייז פון די סטודענטן, זיך ווידער צו קענען פילן זיכער מיט זיינע באַגערן. אָ, וואָס פאַר אַ באַגעגענישן — וואָס פאַר אַ געשפּענסטערישע און דאָך שטינקענדיק ערדישע געשטאַלטן האָט זיין ווידוי מיר אַנטפּלעקט! וואָרום דער דאָזיקער הויך־גייסטיקער מענטש, וועמען די שיינקייט־פאָרמען זענען געווען אָנגעבוירן און נויטיק ווי לופט צו אָטעמען, דער דאָזיקער לויטערער מייסטער פון אַלע געפילן, ער האָט געמוזט אויסשטיין די ערגסטע דערנידערונגען פון דער וועלט אין יענע שמוציקע, אָנגערויכערטע קנייפּעס, אין וועלכע מען האָט נאָר היימישע אַריינגעלאָזט: אים

זענען באַקאַנט געווען די חוצפּהדיקע פֿאָדערונגען פֿון גאַסניונגען, די זיס־
לעכע אינטימלעכקייט פֿון פֿאַרפֿומירטע פּריזיר־געהילפֿן, דאָס צערייצט־
פֿאַרשטיקטע געלעכטער פֿון די איבערגעטוענע און ווייבערישע קליידער,
די ווילדע געלט־גיריקייט פֿון אַרבעטלאָזע שוישפּילער, די אומגעלומ־
פּערטע צערטלעכקייט פֿון טאַבאַק־קייענדיקע מאַטראָסן, — אַלע דאָזי־
קע פֿאַרקרימטע, צעוויטיקטע, פֿאַרדרייטע און פֿאַנטאַסטישע פֿאָרמען,
אין וועלכע דאָס בלאָנדזשענדיקע געשלעכט זוכט זיך און דערקענט זיך
אויפֿן סאַמע דעק פֿון די גרויסע שטעט. אַלע דערנידערונגען, בלערליי
בזיונות און עוולות איז ער אויסגעשטאַנען אויף די דאָזיקע גליטשיקע
וועגן: אַ סך מאָל האָט מען אים אַלדינג צוגעגנבעט (זייענדיק צו שוואַך,
צו אײדל זיך צו ראַנגלען מיט אַ פֿערד־יונג) און ער פֿלעגט אַהיימקומען
אָן זייגער, אָן מאַנטל און דערצו נאָך אויסגעחוזקט פֿון דער שכורער
חברותא אין יענע געמיינע פֿאַרשטאָט־האָטעלן. אויספּרעסער פֿלעגן אים
נאָכשפּיאָנירן, חדשים־לאַנג האָט אים איינער פֿאַרפֿאָלגט אויף שריט
און טריט ביז אין אוניווערזיטעט אַריין, חוצפּהדיק זיך אַנידערגעזעצט
אויף דער ערשטער באַנק פֿון די צוהערער און מיט אַ ווויליונגעריש שמיי־
כעלע אַלעמאָל אַרויפֿגעקוקט צו דעם אין דער גאַנצער שטאָט באַקאַנטן
פּראָפֿעסאָר, וועלכער האָט אַ ציטערנדיקער אונטער דעם דאָזיקן אינטי־
מען ווינקען מיט די אויגן מיט די לעצטע כחות אַרויסגעבראַכט פֿון זיך
די פֿאָרלעזונג. איינמאָל — דאָס האַרץ איז מיר שטיין געבליבן, בעת ער
האָט אויך דעריין זיך מתוודה געווען פֿאַר מיר — איז ער אין בערלין אַ־
רויסגענומען געוואָרן דורך פּאָליציי אינמיטן דער נאַכט צוזאַמען מיט
אַ גאַנצער חברותא פֿון אַ פֿאַרדעכטיקן באַר; מיט דעם אָנגעבלאָזענעם
חוזק־שמייכעלע פֿון אַן אונטערגעאָרדנטן, וועלכן ס'מאַכט זיך אַמאָל אַ
געלעגנהייט אַרויסצווייזן גרויסקייט פֿאַר אַן אינטעלעקטועלן, האָט אַ
פּעט־לייביקער, רויט־באַקיקער וואַכמייסטער פֿאַרנאָטירט דעם נאָמען
און שטאַנד פֿונם ציטערנדיקן פּראָפֿעסאָר, באַמערקנדיק ענדלעך גנעדיק,
אַז דאָסמאָל לאָזט מען אים נאָך אָפּ אָן אַ שטראָף, אָבער דער נאָמען
זיינער בלייבט פֿון איצט אָן אויף דער געוויסער ליסטע. און פּונקט ווי די
קליידער פֿון אַ מענטש, וועלכער איז אַ לאַנגע צייט געזעסן אין אַן אָנ־
געטשאַדעטער שטוב, ווערן אָנגעזאַפּט מיטן דאָזיקן ריח, אַזוי האָט שוין
אַפּנים ביסלעכווייז געמוזט דורכלויפֿן אין זיין אייגענער שטאָט, נישט

ווייסנדיק פונוואַנען דאָס האָט זיך אָנגעהויבן, אַ שטיל געמורמל; וואָרום פּונקט ווי אַמאָל אין דער שול־קלאַס, אַזוי איז איצט אין קרייז פון די קאָלעגן וואָס אַמאָל בולטער געוואָרן די קאַלטקייט צו אים ביים רעדן און באַגריסן, ביז יענע גלעזערנע, דורכזיכטיקע מחיצה פון פרעמדקייט האָט ענדלעך אויך דאָ דעם תמיד איינזאַמען אָפּגעזונדערט פון אַלעמען. און ביי זיין גאַנצער פאַרבאָרגנקייט אין דעם אויף זיבן שלעסער פאַרמאַכטן הויז האָט ער זיך נאָך אַלץ געפילט נאָכשפּיאָנירט און דעמאַסקירט.

קיינמאָל איז אָבער דעם דאָזיקן געפּייניקטן, צעוויייטיקטן האַרץ נישט באַשערט געווען דער נחת־רוח פון ריינער פריינטשאַפט, פון איידעלער, מענלעך־שטאַרקער צערטלעכקייט: ער האָט תמיד געמוזט פונאַנדערטיילן זיין געפיל אין אַן אונטן און אויבן, אין דעם צאַרט־בענקשאַפטלעכן פאַרקער מיט די יונגע אינטעלעקטועלע חברים פון דער אוניווערזיטעט און יענע אין דער פינסטערניש אויפגעזוכטע פאַרבינדטע, וועגן וועלכע ער פלעגט זיך דערנאָך צומאָרגנס דערמאָנען מיט שוידער. קיינמאָל איז דעם דאָזיקן שוין אַלט ווערנדיקן מאַן נישט באַשערט געווען איבערצולעבן די פרייד פון ריינער, האַרציקער יוגנטלעכער סימפּאַטיע, און נידערגעשלאָגן פון אַנטטוישונגען, די נערוון צעפּטרט דורך דעם דאָזיקן שווערן געיעג אין אַ וואַלד־געדיכטעניש, האָט ער אַ רעזיגנירטער זיך שוין באַטראַכט פאַר אַן אָפּגעלעבטן — מיטאַמאָל אָבער באַווייזט זיך ווידער אין זיין לעבן אַ יונגער מענטש און דערנענטערט זיך ליידנשאַפטלעך צו אים, דעם שוין געעלטערטן מאַן, מיט זיין וואָרט, מיט זיין וועזן שענקט ער זיך פריידיק און התלהבותדיק אַוועק דעם אַנונגלאָז באַצוווּנגענעם, וועלכער בלייבט שטיין דערשראָקן פאַרן דאָזיקן שוין נישט דערוואַרטן וווּנדער, נישט פילנדיק זיך שוין מער ראוי צו אַזאַ ריינער, אומגעריכטער מתנה. נאָכאַמאָל איז צו אים אַ שליח פון דער יוגנט געקומען, אַ שיין געשטאַלט מיט ליידנשאַפטלעכע חושים, גליענדיק פאַר אים אין אַ גייסטיק פייער, צערטלעך צוגעבונדן צו אים דורך אַ באַנד פון סימפּאַטיע, לעכצנדיק נאָך זיין פריינטשאַפט און נישט פילנדיק די סכנה, וואָס שטעקט אין איר. מיט דעם פאַקעל פון עראָס אין דער תמימותדיקער נשמה, דרייסט און אַנונגלאָז ווי פּאַרציפאַל, האָט ער זיך נאָענט אַראָפּגעבויגן איבער דער פאַרסמטער ווונד, נישט ווייסנדיק פון זיין כישוף און

אז שוין דאָס בלויזע קומען זיינס ברענגט מיט זיך היילונג — דער, אויף וועלכן מען האָט אַ לעבן לאַנג געוואַרט, איז, צו שפּעט שוין, אין דער לעצטער שעה פון שקיעה, אַריינגעטרעטן אין הויז.

און בעת דעם שילדערן די דאָזיקע געשטאַלט, האָט זיין שטים זיך ווי דערהויבן איבער דער פינסטערניש. עס האָט זיך אויסגעדראַכט, גלייך ווי עפּעס אַ העלקייט וואָלט זי דורכגעלייטערט, גלייך ווי אַ טיפע וויבּרירנדיקע צערטלעכקייט וואָלט איר צוגעגעבן אַ מוזיק־קלאַנג, בעת דאָס דאָזיקע שפּראַך־באַהערשנדיקע מויל האָט גערעדט וועגן יענעם יונגנ־מאַן, דעם שפּעט־געליבטן. איך האָב מיטגעציטערט פאַר געשפּאַנטקייט און מיטפילנדיקער באַגליקטקייט, אָבער פּלוצלינג — עס האָט מיר אַ זעץ געטון ווי מיט אַ האַמער אין האַרץ אַריין. וואָרום דער דאָזיקער יונ־גער גליענדיקער מענטש, וועגן וועלכן מיין לערער האָט גערעדט, דאָס איז דאָך געווען —... דאָס איז דאָך געווען...—אַ שטראָם פון בושה האָט מיר פאַרגאָסן די באַקן... דאָס בין איך דאָך אַליין געווען: איך האָב מיך דערזעען ווי אין אַ ברענענדיקן שפּיגל, אַרומגענומען מיט אַזאַ גלאַנץ פון נישט־געאַנטער ליבע, אַז איר אָפּשיין אפילו האָט מיך נאָך געברענט. יאָ, דאָס בין איך געווען — איך האָב מיך דערקענט וואָס אַמאָל נענטער, מיין שטייגער פון צודרינגלעכקייט און באַגייסטערונג, מיין פאַנאַטישן באַגער זיך צו דערנענטערן צו אים, דעם ליידנשאַפטלעכן עקסטאַז, וואָס האָט זיך נישט באַניגנט מיט בלויז גייסטיקייט; איך האָב מיך דערקענט, דעם נאַרישן, ווילדן יונגנמאַן, וואָס האָט, גאַרנישט וויסנדיק פון זיין כוח, אויפסניי דערוועקט אַ שפּראַצונג פון שעפערישע זוימען אין דעם שוין פאַרוועלקטן, נאָכאַמאָל אָנגעצונדן דעם שוין פאַר־לאָשענעם פאַקעל פון עראָס אין זיין נשמה. איך האָב שטוינענדיק מיך אַצינד דערוווּסט, וואָס איך, דער אומדרייסטער, האָב פאַר אים באַטייט, אַז ער האָט מיין התלהבות ליב געהאַט, ווי אַ הייליקע איבערראַשונג פון זיין עלטער — און שווינדלענדיק האָב איך זיך אויך דערוווּסט, מיט וויפל אָנשטרענגונג זיין ווילן האָט זיך געמוזט ראַנגלען צוליב מיר: וואָרום גראַד פון מיר, וועמען ער האָט ליב געהאַט מיט ריינער ליבשאַפט, האָט ער נישט געוואָלט ווערן אויסגעחוזקט און אָפּגעשטויסן, ער האָט נישט געוואָלט זעען אין מיר דאָס אויפציטערן פון באַליידיקטער קער־פּערלעכקייט, גראַד די דאָזיקע לעצטע מתנה פונם שלעכטן גורל האָט ער

נישט געוואָלט אוועקגעבן פאַרן תאווהדיקן שפּיל פון די חושים. דעריי־בער האָט ער מיין צודרינגלעכקייט געשטעלט אַזאַ פאַרביטערטן ווידער־שטאַנד, דעריבער פלעגט ער מיין שטראָמענדיק געפיל פאַרטרייבן מיט אַ פלוצלינגען גוס פון אייז־קאַלטער איראָניע, דעריבער פלעגט ער דאָס מילדע פריינטשאַפטלעכע וואָרט פאַרשאַרפן צו אַ קאָנווענציאָנעלער האַרטקייט און צוימען די צערטלעך־אַרומנעמענדיקע האַנט — נאָר צו־ליב מיר האָט ער אַרויסגעצוואונגען פון זיך די דאָזיקע שטרענגקייט, וואָס האָט מיך געזאָלט אויסניכטערן און אים פאַרהיטן, און וועלכע האָט מיר וואַכגלאַנג די נשמה פאַרביטערט. שווידערהאַפט קלאָר איז מיר אַצינד געוואָרן דער ווי־סטער פלאָנטער פון יענער נאַכט, בעת ער איז ווי אַ שלאָף־וואַנדלער אַרויפגעקומען איבער די סקריפּענדיקע שטיגן, כדי מיט יענעם באַליידיקנדיקן וואָרט זיך און אונזער פריינטשאַפט צו ראַטעווען. און שווידערנדיק, גערירט, אויפגעברויזט ווי אין פיבער, צעגייענדיק פאַר מיטלייד, האָב איך פאַרשטאַנען, ווי שטאַרק ער האָט צוליב מיר געליטן, ווי העלדיש ער האָט זיך צוליב מיר באַהערשט.

די דאָזיקע שטים אין דער פינסטער, די דאָזיקע שטים אין דער פינסטער, אַך, ווי איך האָב זי געפילט אַריינדרינגען צו מיר טיף אין דער ברוסט! עס האָט געקלונגען אין איר אַ טאָן, וואָס איך האָב קיינמאָל פריער נישט געהערט, קיינמאָל נישט פריער און קיינמאָל נישט נאָכדעם — אַ טאָן פון אָפגרינטן, פון וועלכע דער געוועגלעכער גורל ווייסט נישט. אַזוי רעדט אַ מענטש בלויז איין מאָל אין זיין לעבן צו אַ מענטש, כדי דערנאָך אייביק צו שווייגן, אַזוי ווי עס דערציילט זיך אין דעם מעשהלע וועגן שוואַן, אַז נאָר נאָענט פאַרן טויט קאָן ער בלויז איינמאָל אויפהויבן זיין רויע שטים אין אַ געזאַנג. און איך האָב אויפגענומען אין מיר די דאָזיקע היים־שטראָמענדיקע, די דאָזיקע גליענדיק אַריינדרינגענדיקע שטים, שווי־דערנדיק און צעוויי־טיקט, אַזוי ווי אַ פרוי נעמט אויף אין זיך דעם מאַן...

•

און מיטאַמאָל איז די שטים אַנטשוויגן געוואָרן, און אַ בלויזע פינסטערניש איז געבליבן הענגען צווישן אונז. איך האָב אים געפילט נאָענט. איך האָב נאָר באַדאַרפט די האַנט אויפהויבן, און אויסשטרעקנ־דיק זי, וואָלט איך אים באַרירט. און מיך איז באַפאַלן אַ שטאַרקער באַ־גער, דעם געפייניקטן מיט עפּעס צו טרייסטן.

אָבער מיטאַמאָל האָט ער געמאַכט אַ באַוועגונג. ליכט האָט אויפֿ־געפֿלאַמט. מיד, אַלט, צעווייטיקט האָט זיך אַ געשטאַלט אויפֿגעהויבן פֿון דער שטול — אַן אַלטער, דערשעפּטער מאַן איז פּאַמעלעך צוגעגאַנ־גען צו מיר.

„זיי געזונט, ראָלאַנד.... אַצינד קיין איין וואָרט נישט צווישן אונז! עס איז געווען גוט, וואָס דו ביסט געקומען..... און עס איז גוט פֿאַר אונז ביידע, וואָס דו גייסט אַצינד אַוועק... זיי געזונט... און לאָז... דיר אַ קוש געבן צום אָפּשייד!"

ווי פֿון אַ מאַגישער מאַכט געשטויסן, האָב איך מיך אַ וואַקל געטון צו אים אַנטקעגן. יענץ טליענדיקע, תמיד ווי אין אַ טונקעלן רויך־וואָלקן איינגעהילטע ליכט, האָט איצט אָפֿן אַ פֿלאַקער געטון אין זיינע אויגן: עס האָט זיך אַ הויב געטון פֿון זיי אַ ברענענדיקער פֿלאַם. ער האָט מיך צוגעצויגן צו זיך נאָענט, זיינע ליפּן האָבן זיך דורשטיק געדריקט צו מייַנע, שטאַרק, אין אַ ציטערנדיקן קראַמף האָט ער געדריקט מיין קערפּער צו זיך.

עס איז געווען אַ קוש, ווי איך האָב נאָך אַזעלכן קיינמאָל נישט באַ־קומען פֿון קיין שום פֿרוי, אַ קוש, ווילד און פֿאַרצווייפֿלט ווי אַ טויט־געשריי. דער ציטערנדיקער קראַמף פֿון זיין לייב איז אַריבערגעגאַנגען אויף מיר. עס האָט מיך געשוידערט פֿון אַ פֿרעמד און שרעקלעך טאָפּלט־געפֿיל — אים איבערגעגעבן מיט מיין נשמה און דאָך טיף דערשראָקן פֿון ווידערווילן צו דער באַרירונג פֿון מענלעכן קערפּער — אַן אומהיימ־לעכער פֿלאָנטער פֿון געפֿיל, וואָס האָט מיר די דאָזיקע קליינע סעקונדע אויסגעצויגן אין אַ מטושטשדיקער אייביקייט.

מיטאַמאָל האָט ער מיך אָפּגעלאָזט — עס איז געשען אַזוי האַסטיק, גלייך ווי אַ קערפּער וואָלט זיך פֿלוצלינג פֿונאַנדערגעריסן, — ער האָט זיך שווער אַוועקגעדרייט און זיך אַ וואָרף געטון אין אַ שטול אַריין, מיטן רוקן צו מיר געווענדט: עטלעכע מינוט האָט ער אײַנגאַנצן אַ פֿאַרגליווער־טער געגלאָצט פֿאַר זיך אין ליידיקן חלל אַריין. ביסלעכווייז אָבער איז אים דער קאָפּ געוואָרן שווער, ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן וואָס אַמאָל מי־דער און מידער, און ענדלעך, ווי אַ שווערע משא, וואָס זינקט אַ לאַנגע צייט פּאַמעלעך און פֿאַלט פֿלוצלינג אַראָפּ אין תהום אַריין, אַזוי איז אים

דער געבויגענער קאָפּ מיט אַ פאַרטויבטן טרוקענעם קלאַנג שווער אַראָפּ־געפאַלן איבערן שרייבטיש.

מיך האָט אַרומגעכאַפּט אַן אומענדלעך מיטלייד. נישט ווילנדיק בין איך צוגעגאַנגען צו אים. מיטאַמאָל אָבער האָט דער איינגעבויגענער רוקן פּלוצלינג זיך נאָכאַמאָל אַ הויב געטון ווי אין קראַמף, און זיך אויסדרייענדיק, האָט ער דורך די פאַרקלאַמערטע הענט, וואָס האָבן אים פאַרשטעלט דאָס פּנים, הייזעריק און פאַרטויבט געקרעכצט דראָענדיק: „אוועק!... אוועק!... נישט!.. נישט צוגיין נאָענט!... אום גאָטס ווילן... פאַר אונזער ביידנס טובה... גיי אַצינד.... גיי!“

איך האָב פאַרשטאַנען. און שווידערנדיק בין איך צוריק אָפּגעטרעטן: ווי איינער, וואָס אַנטלויפט, האָב איך פאַרלאָזט דאָס געליבטע צימער.

*

איך האָב אים שוין קיינמאָל נישט מער געזען. קיינמאָל קיין בריוו נישט דערהאַלטן פון אים אָדער וועלכע ס'איז ידיעה. זיין ווערק איז קיינמאָל נישט דערשינען, זיין נאָמען איז פאַרגעסן געוואָרן, קיינער געדענקט שוין נישט אָן אים, חוץ איך אַליין. אָבער היינט נאָך פיל איך, פונקט ווי אַמאָל דאָס אומזיכערע יינגל: פאָטער און מוטער פאַר אים, פרוי און קינדער נאָך אים, קיינעם האָב איך נישט מער צו פאַרדאַנקען. קיינעם האָב איך נישט מער ליב געהאַט.

אינהאַלט :

פיר און צוואנציק שעה פון אַ פרוים לעבן — — — — 5

דער חורבן פון אַ הארץ — — — — — — — — — — 83

דער פלאָנטער פון געפילן — — — — — — — — — — 123

Este libro se acabó de imprimir en los Talleres Gráficos de Julio Glassman, Corrientes N° 1976, Buenos Aires, el día 25 de Octubre del año 1942.